STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02444

# TOG-EYN, TOG-OYS

Leybl Hen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייבל חן

# טאָג־איין, טאָג־אויס

(ראָמאַן פון ארץ־ישׂראלדיקן לעבן און קאַמף)

אַרויסגעגעבן פון אַ ספּעציעלער פאַרלאַג־קאָמיסיע
ביים פאַריין פון סואוואַלק און אומגעגענט
אין בוענאָס־איירעס

1954

Copyright by Sh. Shimoni
Jaifa Josephsti. 44
Israel

# פאַרוואָרט

אַ טייל פון „טאָג איין טאָג אויס" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין טאָוונער „פאָלקסבלאַט" אין 19344.

קורץ פאַרן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אין 1939, איז דער ראָמאַן געווען פאַרטיק אין דרוק (דורכן פאַרלאַג „נייע קולטור" אין וואַרשע), אָבער די בויגנס זיינען נישט דערגאַנגען ווייטער ווי צום איינבינדער ערגעץ אין אַ יידישן בעל־מלאָכישן וואַרשטאַט אין וואַרשע, וואו אַלץ איז פאַרצערט געוואָרן אין די פלאַמען פון געטאָ צוזאַמען מיט אונדזערע טייערסטע — די יידישע לעזער אין פוילן.

אַ פּאָר געראַטעוועטע בויגנס זיינען דערגאַנגען צו מיר דורכן פאַרשטאָרבענעם חבר יעקב קענער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון היטלעריסטישן גיהנום, די אָפּגעפונענע בויגנס האָבן מיר אָנגערעגט אויסצוזוכן עטלעכע אָפּגעהיטע קאַפּיטלען פון דער דערמאָנטער „פאָלקסבלאַט" און צוזאַמען מיט אַנדערע נאָטיצן צוריקשטעלן דאָס ווערק, נאַטירלעך מיט הוספות, השמטות און איבעבעסערונגען, וואָס זיינען צייטיק געוואָרן אין פאַרלויף פון די לעצטע יאָרן.

אין פאַרבינדונג מיטן ראָמאַן האַלט איך פאַר מיין חוב צו דערמאָנען מיט ערפורכט די ליכטיקע נעמען וואָס האָבן זיך בשעתו פאַרנומען מיטן אַרויסגעבן דעם בוך, נעמען פון מענטשן וואָס זיינען מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע:

ד״ר מענדל סודאַרסקי — געשטאָרבן אָנהויב 1952, אין ניו־יאָרק.
שכנא זאַגאַן, איינער פון די אָנפירער פון די וואַרשעווער געטאָ־קעמפער — געפאַלן אין שלאַכט, בעת די געטאָ־קאַמפן
יעקב קענער — געשטאָרבן אין תל אביב סוף 1951.

**כבוד זייער אָנדענק.**

דער מחבר.

דער פאַריין פון סאַוואַלק און אומגעגנט אין בוענאָס־איירעס האָט
פאַר די פופצן יאָר פון זיין עקזיסטענץ רעאַליזירט פאַרשיידענע איניציאַ־
טיוועס און אונטערנעמונגען פון געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן און אויך
פאַמיליאַרן כאַראַקטער. אָבער דער פאַריין האָט קיינמאָל ניט געהאַט דער־
גרייכט אַזאַ מדרגה, ווי מיטן אַרויסגעבן דאָס בוך, דעם ראָמאַן פון אונד־
זער היימישן, פון אונדזער באַליבטן און ליבן לאַנדסמאַן ש. שמעוני,
אין די זשורנאַליסטישע און שרייבערישע קרייזן, באַקאַנט אויך מיט זיין
פסעוודאָנים, אבא גוטעס און לייבל חן, בעת פאַר די סאַוואַלקער לאַנדס־
לייט איז ער דערזעלבער ליבער און געשעצטער מיט זיין אַלטן היים־נאָמען
וואָראָבייטשיק.

אָפט, זייער אָפט לייענען די סאַוואַלקער לאַנדסלייט און בכלל די
יידישע באַפעלקערונג פון אַרגענטינע די פערלדיקע און אויסערסט־אינטע־
רעסאַנטע אַרטיקלען פון ש. שמעוני און אבא גוטעס, אין דער טאָג־צייטונג
„די פרעסע", וואו אונדזער לאַנדסמאַן איז צו אונדזער גרויסער פרייד אַ
שטענדיקער מיטאַרבעטער פון ישראל. דער לייענער לייענט זיינע אַרטיק־
לען מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן, צוהערנדיק זיך צו זיין אויטאָריטעט־
וואָרט און אינטערעסאַנטע זאַכלעכע מיינונגען, און דאָס האָט נאָכמער גע־
מוטיקט און אָנגערעגט די סאַוואַלקער לאַנדסלייט אַרויסצוגעבן דעם אינ־
טערעסאַנטן ראָמאַן „טאָג־איין, טאָג־אויס". און פאַרן לייענער וועט דער
ראָמאַן זיין באַזונדערס אינטערעסאַנט און באַלערנדיק־וויכטיק, ווייל דער
ראָמאַן איז פון גאָר גרויסן היסטאָרישן ווערט מיט זיין שילדערן אַ גאַנצע
עפּאָפּייע פונעם ישראלדיקן לעבן און קאַמף זינט דער באַלפור־דעקלעראַ־
ציע ביזן מאָמענט ווען שיפן מיט נייע עולים האָבן אָנגעהייבן אַריינצוקו־
מען אין די האַפנס פון דער מדינה. דער ראָמאַן איז געשריבן מיט ליבע
פון אַ פּיאָניר, וואָס האָט אייגן אויסגעפּיבערט די פּיאָנירישע אַרבעט
אינעם קאַמף מיט מאַלאַריע, מיטן בויען כבישים און אויפשטעלן ישובים,
וואָס זאָלן ווערן די פרייד פון דער יידישער ניצחיודיקייט און פונעם
ריכטיקן עם ישראל חי.

מיר, די סאוואַלקער לאַנדסלייט פונעם ווייטן דרום אַמעריקע פילן זיך שטאָלץ, וואָס אונדז איז צוגעטיילט געוואָרן דער גרויסער כבוד אַרויסצוגעבן לייבל חנס ראָמאַן „טאָג־איין, טאָג־אויס". עס איז אונדזער מתנה צו דער הייליקער אַרבעט פון באַרייכערן אונדזער יידישן קולטורעלן אוצר מיט נאָך אַ ווערק פון אַ גרויסן ליטעראַרישן ווערט און היסטאָרישן באַטייט.

## זיסקאָ לעוויטאַס,

## פאָרזיצער פון דער פאַרלאַג-קאָמיסיע ביים פאַריין פון סואוואלק און אומגעגנט אין ב. איירעס, אַרגענטינע

פאַטראָניזירט פון די סאוואַלקער לאַנדסלייט זיינען אין דער פאַר־לאַג־קאָמיסיע פאַרטראָטן מ. אייזנבערג, ווי וועצע־פאָרזיצער, לייב מאָזשעזניצקי — סעקרעטאַר, י. סימקין — פראָ־סעקרעטאַר, זלמן־דוויד ראָזנבלום — קאַסיר, חיים בלאָך — פראָ־קאַסיר און ווי באַראַטער דניאל לעווקאָוויטש, בערל יורקאָווסקי, הירש רימאצקי, יעקב אינטערשטיין, יעקב מאגנעזין און דר. ל. זשיטניצקי.

בוענאָס־איירעס, מאַי, 1954.

# טאָג-איין, טאָג-אויס

# באַגינען

די שמאָלע סירענע אין שכנות מיטן זיבעציק־מעטער הויכן קוימען האָט מיטאַמאָל גענומען שפּייען וואָלקנס דאַמף און איר מעשענער האַלדז האָט גענומען כאָרכלען און שיפּען ביז ס'האָט ארויסגעהילכט אַ מעכטיקן שטאָלענעם געזאַנג. די פאַרנאַכטיקע ווינטן האָבן אויף זייערע פליגלען אויפגעכאַפּט דעם מעטאַלענעם געזאַנג און צעטראָגן ווייט איבער בערג און טאָלן, איבער געסלעך וואַרשטאַטן און פאַבריקן. דער הויכער קוימען האָט ווי תמיד געשפּיגן מיט שוואַרצע קנוילן רויך און אָנגעזאָגט אַ נאַכט־שיכט, דערציילט פון אַ דינאַמאָ, וואָס וועט באַלד אַוועק אין גאַנג און פול

מאַכן מיט ליכט הונדערטער לאָמפּן, דערציילט פון צענדליקער אַרבע־טער, וואָס וועלן באַלד פונסניי זיך דרייען אַרום די רעדער און טראַנס־מיסיעס. די סירענע האָט זיך גיך באַרואיקט, ווייטער לייכט געאָטעמט, ווי אַ זויג־קינד. צענדליקער אַרבעטער האָבן זיך געשפּאַרט ביים קליינעם פענסטערל, וואָס איז איינגעמויערט אין אַריינגאַנג פון טויער — זיי האָבן געשטעמפּלט די מאַרקעס. פון דער אַנדערער זייט, אין לאַנגן באַראַק, וואו ס'רעגענען די טושן, האָבן אַרבעטער פון טאָג־שיכט זיך געוואַשן, געביטן די קליידער, און מיט ליידיקע קוישלעך און טעקעס אין די הענט געלאָזט זיך אהיים.

אַ גרעסערע גרופּע אַרבעטער זיינען נעגאַנגען צוזאַמען און געשמועסט אָן אַ סדר. אַלע האָבן גערעדט, איבערגעשריגן איינער דעם צווייטן און גיך געשפּרייזט אהיים אין קוואַרטאַל „נוה־שלום", וואָס איז מיט אַ 5 יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן דורך זיי. די פאַבריק ליגט ווייט פון שטאָט; אין די הויפּט־גאַסן זיינען דירות מיט גאָלד צו גלייך, די אַר־בעטער וואוינען צעוואָרפן אין די אַרומיקע נאָענטע און ווייטע אַראַבישע געסלעך. דאָרטן קאָסט דירה־געלט נישט אַזוי טייער, ווי אין „צענטר"; אַ חסרון איז נאָר, וואָס דער וועג צו דער פאַבריק איז ווייטער.

נישט ווייט פון דער פאַבריק ליגט דער „רויטער" חלק פון כרמל, אַ גרויסער שטח, פאַרווילדעוועטער, שטייניקער באָדן, וואָס געהערט

איצט צו אייניקע פּריוואַטע און נאַציאָנאַלע יידישע חברות. די חברות האָבן דעם באָדן געקויפט פון צוויי רייכע עפענדים און האָבן די ווילדע־ניש — צעמאָסטן, צעשניטן אויף שטיקער, אויסגעסימנט מיט ווינקל־אייזנס און נומערן, לסוף האָבן זיי געלאָזט מאַכן שיינע מאַפּעס, זיי פאָטאָגראַפירט, קלישירט און געלאָזט דרוקן מודעות אין פאַרשיידענע אויסלענדישע צייטונגען: „היות ווי דער „רויטער חלק" פון פּרעכטיקן היסטאָרישן באַרג כרמל איז שוין אויסגעלייזט געוואָרן און געפינט זיך אין יידישע הענט, זאָלן יידן העלפן אויסלייזן דעם באָדן און זאָל זיך יעדער איינשאַפן אַ נחלה — וואונדערבאַרער באָדן, זעלטענע לופט, אַ הערלעכער אויסבליק, רחבותדיקע גאַסן, אַן אמתער קוראָרט".

די חברות האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין מי, זיי האָבן געשיקט ספּעציעלע שלוחים מיט כלערליי פאָטאָגראַפיעס, פּלענער און בריוו — אין „גלות" אַריין, ווערבירן קונים פאַרן „רויטן כרמל"... די שלוחים האָבן פאַר די 30 פּראָצענט קאָמיסיאָן איבערגעקערט וועלטן און פאַר־קויפט צו אַרגענטינער, אַמעריקאַנער, פּוילישע און ליטווישע יידן שטיקל פאַר שטיקל דעם „רויטן כרמל"... דאָרטן, אין „גלות" זיינען פון דערנער געוואָרן וועלדער, פון שטיינער — גאָלד, פון פּוסטן מדבר — פּלאַנירטע שטעט מיט טעאַטערס, מערק און שולן. פאַר דער צייט זיינען געקומען אייניקע פון די קונים און גלייך פון שיף מיט די פאָטאָגראַפיעס אין די הענט געלאָפן זוכן דעם „פּלאַץ" זייערן: נומער 722, וואָס ליגט נישט ווייט פון „מאַרק" — אָדער פּלאַץ נומער 621, נישט ווייט פון „טעאַטער". זיי האָבן געזוכט און געזוכט, און לסוף באמת געפונען די הויכע ווינקל־אייזנס מיט די אַנטשפּרעכנדיקע נומערן. אָבער אויפן „מאַרק" און אין די „טעאַטערס" האָבן לעת עתה שפּאַצירט שפּאַרבער און ס'האָבן געיאָמערט שאַקאַלן. אויף די „ברייטע וועגן" האָבן אַרויס־געקוקט בראשיתדיקע פעלדזן מיט אויסגעדאַרטע דערנער. די קונים האָבן שפּעטער געטומלט אין די ביוראָען פון די חברות, געקלאַפּט מיט די פויסטן אין טישן: רמים! גזלנים! וואָס האָט איר אונדז פאַרפירט! די גלאַט־ראַזירטע, אָדער שיין־געקעמטע גאָלד־באַברילטע אָדער בערדיקע פּקידים האָבן רואיק געמישט די גלעזער טיי און געמיטלעך איינגעטענהט מיט די קונים: „מה רעש? רוים האָט מען אויך נישט אויפגעבויט אין איין יאָר. ס'איז אַ ניי לאַנד מיט גרויסע אויסזיכטן. אַ פאָרט וועט מען בויען, עלעקטריע ציט מען שוין אַריין, פאַבריקן גייען, באַנען לויפן, — איז וואָס טומלט איר, רבי ייד? אייך געפעלט נישט — טאָ האָט חרטה! נאָר קוקט פריער אַריין אין קאָנטראַקט און זעט וויפל דאַרף עס קאָסטן"...

איין נאַציאָנאַלע חברה האָט פון לאַנג אָן געוואָרפן אַן אויג אויף די מחנות אַרבעטער, וואָס לויפן טאָג איין טאָג אויס איבערן וועג צו דער פאַבריק. מענטשן לויפן שעהן־לאַנג צו דער אַרבעט; מען דאַרף,

די אַרבעטער פאַרלייגן אַ שטיקל באָדן אויבן אויפן „רויטן כרמל”; זאָלן זיי זיין די ערשטע. וועלכער משוגענער פון גלות וועט קומען איינער אַ ל יי ן בויען די ע ר ש ט ע שטוב אָט דאָ, אין דער פוסטעניש? זיינען די נאַציאָנאַלע פקידים געזעסן ארום די גלעזער גאַזאָז ביים גרינעם טיש און אריינגעטענהט אין די דריי קאָמיטעטשיקעס פון פאַבריק: „איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין, חברים, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן דריי פונקטן, וואָס זיינען אויסן נאָר אייער טובה. 1) איר וועט צו ביילקע פרייזן באַקומען פּלעצער. עד כשירחיב וועט איר זיך אויסשטעלן באַראַקעס, — וועט איר פאַרשפּאָרן לויפן אַזוי וייט. און פאַרן דירה־געלט, מיט אַ שטיקל קוועטש, וועט איר ווערן אין משך פון דער צייט בעלי־רכוש; 2) איר טוט אַ גרויסע זאַך פאַרן אויפבוי פון לאַנד, איר שאַפט אַ נייעם קוואַרטאַל, אַ נייעם מקלט פאַר יידן אין ארץ־ישראל... 3) איר שאַפט אַרבעטס־מעגלעכקייט. און ווער דען, אויב נישט איר, חברים” ?

לאַנגע וואָכן, טאָג איין טאָג אויס האָבן זיך געצויגן די וויכוחים אין דער פאַבריק, אין די פרייע פרישטיק און מיטאָג־הפסקות, ביי די רעדער און טראַנסמיסיעס. ביז ס׳האָבן זיך צונויפגענומען אַ פופצן אַרבעטער און אוועק בחברותא אין ביוראָ פון דער חברה, און איינגעהאַנדלט אַ שטח פון 15 טויזנט פיק, אין דער הויך אויפן „רויטן כרמל”. די אַרבעטער האָבן אריינגעטראָגן יעדערער צו 20 פונט מזומן (וואָס מען האָט אויסגעליען אין אייניקע בענק און זיך מתחייב געווען אין משך פון אַ געוויסער צייט דורך חודשלעכע ראַטעס אָפּצאָלן) דעם פּרייז, וואָס די חברה האָט געפאָדערט פאַרן באָדן. אין דער אַרבעטער־צייטונג פון לאַנד האָט דער כראָניקער פון יענער שטאָט צו וויסן געגעבן דער „בריטער מאַסע” די ידיעה וועגן אַ נייער שכונה, וואָס גייט זיך שאַפן דורך די אַרבעטער פון דער פאַבריק. אַ לייט־אַרטיקל אין דער זעלבער צייטונג האָט באַגריסט די פאַבריק מיט אירע אַרבעטער און געלויבט די נאַציאָנאַלע חברה, וואָס דאַגהט פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד און פאַרן וואוילזיין פון די אַרבעטער...

אין דער יידישער פּרעסע פון אויסלאַנד זיינען אויף דער צווייטער וואָך דערשינען נאָטיצן און קאָרעספּאָנדענצן פון ארץ־ישראל וועגן אַ „גרויסן שריט” פאָרויס פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע: דער „רויטער כרמל” וואַכט אויף, די טויזנט יאָריקע שטיינער, וואָס האָבן דורות געוואַרט אויף זייער גאולה, לעבן אויף, וועלדער ווערן דאָרטן געפּלאַנצט, וועגן ווערן פאַרלייגט, ברוקן ווערן געפּלאַסטערט, די העלדישע חלוצים אונדזערע — זיי גייען פאָרויס און פאַרנעמען איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער — אַלזאָ, עם ישראל — העלפט אויסלייזן דאָס לאַנד, שטיצט די נאַציאָנאַלע חברות”.

אין די זעלבע צייטונגען זיינען אויך אָפּגעדרוקט געווען גרויסע

מודעות וועגן „רויטן כרמל", וואָס ווערט שוין קאָלאָניזירט: „ס'זיינען פאַרבליבן נאָך אייניקע פרייע פּלעצער צום פאַרקויפן אין דער נאָענט פון נאַרוואָס געשאַפענעם ישוב, וכל הקודם זכה"...

אָוונט אין אָוונט זיינען די פופצן אַרבעטער פון דער פאַבריק, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן צו באַזעצן אויפן „רויטן כרמל", געזעסן ביי די טישן צוזאַמען מיט די פרויען און געחשבונט: אַזויפיל און אַזויפיל קוביק האַלץ, אַזויפיל און אַזויפיל מעטער בלעך... דעם פונדאַמענט וועלן מיר אַליין מאַכן, שטיינער פעלן נישט. אָבער... די הכנסה קלעקט נישט. ביז מען וועט די צריפים אויפשטעלן, דאַרף מען צאָלן דירה־געלט און ראַטעס אויף די 20 פונט אין באַנק, און חודש־געלט דער חברה פאַרן באָדן... חשבונט מען, און ס'זעט זיך, אַז ס'איז צו קורץ. מילא, וועט מען פאַרקאַרגן, וועלן רבקה און חנה דעם ערשטן יאָר אָננעמען גרעט צו וואַשן, אָדער זיך אַרויסכאַפּן אַ פּאָר מאָל אין וואָך צו רוימען אַ פּאָר הייזער. מ'וועט אַרבעטן איבערשעהן. און פלייש מוז מען דען עסן אַלע טאָג? נישקשה, מ'וועט לײַדן אַ יאָר, דערנאָך וועט אָבער בלייבן אַ שטיקל באָדן, אַ גערטנדל גרינס, אפשר אַ בהמהלע, אַ דינער־שטייג, טויבן וועלן פליען איבערן דאַך און די קינדער וועלן נישט דאַרפן אויסקוקן דעם טראָפּן מילך מיט דעם פּיצל גרינס...

בייטאָג, ווען די מענער זיינען געווען אין פאַבריק, פלעגן זיך צו־נויפקומען די שכנטעס און חברטעס און מאַכן זייערע אייגענע חשבונות. נישט אַלע האָבן זיך אַזוי שטאַרק געריסן אַרויף צום „רויטן כרמל". אַוועק פון דער שטאָט, נישט זען די ברייטע וועלט, און קוים וואָס מען באַווייזט פאַר זיך, פאַר דער אייגענער היים — לויפן אַרבעטן ביי פרעמדע... פון דער אַנדער זייט האָט דאָס יאָ גיין אויפן „רויטן כרמל" געלאָקט, געוואונקען און צוגעזאָגט אַ געוויסע סאַטיספאַקציע לעתיד, הן פאַר זיך הן פאַרן מאַן און פאַר דער סביבה. — וואָרום וואָס — האָט נעטענהט רבקה, בערל דעם הייצערס ווייב — מיר זיינען אַוועק פון דער וואַרימער היים אין החלוץ, מיר האָבן פאַרלאָזן גימנאַזיעס און פאַר־וואָרפן פּיאַנינעס און זיידנס. מיר האָבן אַלץ צעטראָטן אונטער אונדזערע פיס, לויפנדיק אין א"י צום נייעם לעבן. מיר האָבן מקנא געווען אונ־דזערע געזונטע פויערטעס און חצפהדיקע פאַבריק־שיקסעס, מיר האָבן אויף אַלץ מוותר געווען כדי צו לעבן אַנדערש; ווי אונדזערע מאַמעס און באָבעס. וואָס איז איצט? דער רוב זיינען מיר דאָך אין שטאָט און ס'איז ווידער דאָס זעלבע לעבן, ווי ביי אונדזערע מאַמעס און באָבעס. יאָ, אונדזערע קינדער, די קינדער ווערן אַנדערש דערצויגן, די קינדער וועלן אַנדערש לעבן — אָבער מיר, צי האָבן מיר שוין אויף אונדזער אייגן לעבן מוותר געווען אינגאַנצן"?

און חוה דעם מאַנטיאָרס, וואָס איז געקומען אין שטאָט פון דער

סבוצה, האָט אַלע פרויען איבערגעשריען: קומט, לאָמיר גיין אויפן „רויטן כרמל", מיר ווילן זיך שאַפן קליינע ווירטשאַפטן, לאָמיר נישט ליגן דעם מאַן אויף די פּלייצעס.

זאָגט רחל, דעם טאָקערס: „שטותים, פריער מאַכט איבער די וועלט, נאָכער וועט איר ריידן"...

דער ערשטער האָט געענדיקט בערל דער הייצער. אים איז געווען לייכטער פון די איבריקע. צוזאַמען מיט אים האָט געלעבט זיין ברודער לייבוש, וואָס ארבעט אויף דער באַן. לייבוש איז אַ יונגער בחור און האָט געהאַט פאַראיבריקט אַ פּאָר פונט, האָט ער די פּאָר פונט אויסגע־ליען זיין ברודער בערל, וואָס האָט אַ טייל דערפון אריינגעטראָגן אין דער חברה, און אַ טייל אין אַ סקלאַד פון בוי־מאַטעריאַלן, וואו ער האָט געקויפט ברעטער, בעלקעס, בלעך, טשוועקעס און אַנדערע זאַכן צום בויען דעם באַראַק.

בערל דער הייצער איז אַן אויסגעשמירטער צוזאַמען מיט חברים פון פאַבריק ארויף אויפן רויטן כרמל, אָפּרוימען דעם פּלאַץ און צונויפקלויבן שטיינער אויף אַ פונדאַמענט — זיינען זיי נשתומם געוואָרן: אויפן רעכטן מיטן פּלאַץ איז געשטאַנען אַ טיש פון צונויפגעלייגטע ברעטער אויף הויכע שטיינער. דער טיש איז געווען איבערגעדעקט מיט צייטונגס־פּאַפּיר, אויפן טיש זיינען געשטאַנען גרויסע בוטלען וויין, מאַנדלען, מאַ־ראַנצן, לעקעך, ניסלעך און גלעזער. דערביי איז אויף אַ שטעקן געהאַנגען אַן אויפשריפט מיט אַ ביגל רויטע מאַן־בלומען פון אויבן: „ברוכים דבאים", — דער פּקיד פון דער נאַציאָנאַלער חברה האָט אויסגעשטרעקט זיין קורץ העלדזל און פייערלעך גערעדט:

— אַט, חברים, מאַכן מיר אַ היסטאָרישן טריט מיר פאַרלייגן דעם ערשטן שטיין פון בנין אויף אַט דעם פּרעכטיקן אָרט. קוקט זיך אום, חברים: פון מזרח — דער גליל, פון צפון — דער ים, פון דרום — דער עמק, פון מערב — די שטאָט. די גאַנצע וועלט יידן קוקן איצט אויף אייך — איר שאַפט אַ נייעם לעבן! לחיים! חבר בערל! דו ביסט דער ערשטער, גיט דיר אויך די חברה די פּריווילעגיע, מעגסטו זיך אויסקלויבן דעם בעסטן פּלאַץ...

חברים האָבן געטרונקען און פאַרביסן מיט זויערע מאַראַנצן, אָדער מיט קראָכמאַל־טעמיקן לעקעך. מען איז געוואָרן בגילופנדיק — הענט האָבן זיך פאַרפלאָכטן איינע אַן די צווייטע, מען האָט געטאַנצט, גע־זונגען, ביז די זון האָט איר לעצטן בליק ארויסגעוואָרפן פון פייערדיקן גהינום, וואָס האָט זיך געטונקט אין ווייטן ים.

נאָכער זיינען געקומען שווערע פאַרנאַכטן און נאָך שווערערע שבתים, ווען בערל דער הייצער פלעגט אַן אויסגעבאָדענער אין שוויים צוזאַמען מיטן ברודער לייבוש בויען די נייע היים. מיט מי האָבן זיי

צונויפגעשלעפט די שטיינער אויפן פונדאמענט, געלייגט די בעלקעס אין פאַרמען, צונויפגעבראַכט די ווענט און אָנגעטאָן דעם דאַך. ערשט שפּע־טער, ווען די פּאָר קעמלען האָבן אַרויפגעשלעפּט בערל הייצערס ווירט־שאַפט און רבקה איז געגאַנגען צושטעלן טיי, האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז אויף דעם פּלאַץ איז בכלל נישטאָ קיין וואַסער...

די ערשטע נאַכט אויפן באַרג וועט ביי בערלען מיט זיין משפּחה פאַרבלייבן אויף שטענדיק אין זכרון. פריער איז אויסגעבראָכן אַ שווע־רער שטורעם־ווינט, וואָס האָט אַראָפּגעטראָגן דעם דאַך, ווייט אַראָפּ פון באַרג. ווען זיי זיינען שוין אויפגעשפּרונגען פון די בעטן, אָנגעטאָן די וואַרעמע בגדים און זיך אויסגעזעצט אין אַ ווינקל איבערצוקומען די נאַכט, איז ליביש אויפגעשפּרונגען מיט קולות, אַז עקדיש האָט אים אַ ביס געטאָן. בערל מיט רבקהן האָבן נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן פון שרעק און מיטלייד ביז רבקה האָט זיך דערמאָנט און אויסגעזוכט ערגעץ אין די בלעכן אַ פאַרגעסן פלעשל בראָנפן, וואָס מען האָט איבערגעוואָלד איינגעגעבן ליבישן צו פאַרשכורן די יסורים. אינמיטן האָבן שאַקאַלן זיך צעוויינט, ווי טויזנט הונגעריקע קינדער. באַגינען ווען מ׳האָט איינ־געדרימלט, האָט אַ וואָלקן זיך נישט איינגעהאַלטן און גיך אָפּגעלאָדן זיין מאַסע אויפן רויטן כרמל און דורכגענעצט בערלס משפּחה ביזן ביין...

אויף מאָרגן נאָך דער אַרבעט זיינען חברה אַרויף מיט אַ געוואָלט צו דער נאַציאָנאַלער חברה: ס׳טייטש, וואַסער — וואַסער!

מען האָט זיך געדונגען און געקלאַפּט אין די טישן און מען איז מושווה געוואָרן, אַז ביז ס׳וועלן אַרויף 25 פאַמיליעס, וועט יד חברה אויף איר חשבון געבן אַ פּאָר אייזלען, וואָס וועלן צושטעלן וואַסער אין בלעכן, און שפּעטער וועט מען זען, נאָכדעם איז מען אַוועק העלפן בערלען צוריק אַרויפליייגן דעם דאַך, וועלכן מ׳האָט צוגעפּעסטיקט מיט שווערע שטיינער און דיקע דראָטן.

אַזוי האָבן זיך די ערשטע משפּחות אַרויפגעקליבן אויפן רויטן כרמל אין משך פון פיר וואָכן צייט ביז די גרויסע רעגנס. דאַן איז מיט וואַסער געוואָרן לייכטער. די נאַציאָנאַלע חברה האָט נישט געזשאַלעוועט קיין הוצאות און באַזאָרגט יעדער משפּחה אַ גרויסן פאַס, אָנזאָגנדיק צו זאַמלען רעגן־וואַסער פון די דעכער, ווייל די אייזלען קענען נישט באַ־וויייזן אַלעמען צושטעלן וואַסער...

די נאַציאָנאַלע ציייטונגען האָבן מיט שמחה געמאָלדן, אַז אויפן „רויטן כרמל" ווימלט שוין אַ לעבן, דער באָדן איז געוואָרן ט י י ע ר ע ר מען קען שוין מאַכן הכנסה־עסקים, אַ קרעמער, אַ שוסטער, אַ שניידער קען אויף גוטע באַדינגונגען קריגן אַ פּלאַץ האַרט ביי דעם „ישוב"...

איז צוגעקומען נאָך אַ צריף פון אַ קרעמער, וואָס האָט צוגעזאָגט קרעדיטן די איינוואוינער פון באַרג, בתנאי אַז אַלע זאָלן זיי קויפן נאָר

ביי אים. קיין ברירה האָט מען נישט געהאַט, ווייל ווינטער לויפן פון באַרג אין שטאָט אָן אַ וועג אויף די נאַקעטע שטיינער אָדער דורך די טיפע בלאָטעס איז אַ שווערער ענין. ס'איז אַרויף אַ שוסטער און אויפגעשטעלט אַ צריף צוזאַמען מיט אַ שטאַל פאַר צוויי בהמות, במשך פון עטלעכע וואָכן האָבן די אַרבעטער אויסגעבויט אַ צימער, אַן אָרט, וואו די קראַנקן־קאַסע האָט אַריינגעשטעלט אַ ווייס שענקל מיט רפואות, אַ ווייס טישל, אַ שטול און אַ וויג צווויגן קינדער. מען האָט אויסגעפירט, אַז צוויי מאָל אַ וואָך קומט אַרויף אַ פעלדשערין אויף צוויי שעה און אַלע פרייטיק דער דאָקטאָר.

אויפן דריטן חודש האָבן די אַרבעטער פון „רויטן כרמל" געדאַרפט צאָלן די ערשטע וועקסלען פאַר די בוי־מאַטעריאַלן און פאַרן באָדן. דאָס האָט באַטראָפן מער, ווי דאָס פריערדיקע דירה־געלט, אין די צריפים (באַראַקן) איז געווען קאַלט, די ווענט האָבן געגעצט, דער ווינט פלעגט רייסן שטיקער פון די דעכער, קינדער האָבן געהוסט און געקאַטערט, אָדער געלעגן צו בעט אַרומגעוויקלטע העלדזלעך. פאַרגעסענע. פאַרגעסענע מיחושן האָבן זיך געלאָזט דערמאָנען: רעוומאַטיזם פון אַמאָליקע געצעלטן און מאַלאַריע פון טרוקענע זומפן אין אַלע עקן פון לאַנד. מען האָט איינגעצויגן צו ביסלעך די רימענס, ווייניק גערעדט, ווייניק זיך געשפילט מיט די קינדער. דער קאָפ איז געווען פאַרנומען מיט דאגות וועגן נאָך עטלעכע שעה אַרבעט, וועגן נישט געדעקטע וועקסלען, וואָס זיינען געלעגן, ווי שווערע שטיינער אויפן קאַרק.

אַזוי איז אַוועק אַ ווינטער, ס'איז אַוועק אַ פרילינג און ס'איז געקומען אַ זומער. אַלע האָבן פריי אָפּגעאָטעמט. לענגערע טעג, טרוקן, נישטאָ קיין נעץ און קיין הוסטן; דער רעוומאַטיזם האָט אָפּגעלאָזן. האָט מען גענומען איינקויפן עופות און לאָזן זיי שפּאַצירן אַרום די צריפים — ביז פאַרצוקערס האָבן אין איין שיינעם טאָג, מער ווי די העלפט פון די עופות פאַרטראָגן אין די הויכן פון די ווייטע בערג, צו זיך אין די נעסטן. איז מען געקומען צום שכל צו מאַכן דראָטענע שטייגן מיט נעצן פון אויבן.

די ערד איז אָבער נאָך אַלץ געלעגן פאַרשטיינערט און פאַרדאָרנט, ווייל ס'איז נישט געווען קיין וואַסער

אין רעכטן מיטן זומער האָבן זיך מענטשן אַוועקגעלייגט אין הויכן פיבער — די זומפן פון טאָל האָבן אַלע פאַרנאַכט געשיקט אַרויף אויפן באַרג מחנות מאָסקיטן, וואָס האָבן געזייט מאַלאַריע און געפייניקט די מענטשן.

* * *

אזוי זיינען אוועק פינף יאָר. בערל הייצער מיטן ברודער צוזאַמען מיט נאָך אַרבעטער פון פאַבריק גייען באַרג־אַרויף צום קוואַרטאַל „נוה שולם" אויפן „רויטן כרמל". זיי זעען אַרום זיך הונדערטער הייזער פון געטשעסעטן שטיין, פון געגאָסענעם בעטאָן, באַצויגן מיט רויטע דעכער, אַרומגעזוימט מיט שיינע פאַרקאַנעס. אין די הייף — יונגע ביימער, גרינס, בלומען, וויינטרויבן; אַ הויכע בעטאָן־בירקע מיט וואַסער, צע־שניטענע גאַסן, קראַמען, וואַרשטאַטן. צווישן דער מאַסע הייזער טוליען זיך פאַריתומטע וואו נישט וואו דריי צענדליק גרויע באַראַקן מיט גע־לאַטעטע דעכער. די הייף אַרום צעגראָבן, פאַרזייט מיט גרינוואַרג, פאַר־צוימט מיט שווערע רויע שטיינער. די אַרבעטער גייען יעדער צו זיין באַראַק, וואו פאַר די שוועלן וואַרטן די פרויען אָדער קינדער שטיפערס, וואָס שפילן זיך מיט הילכיקע געשרייען. קינדער דראַפּען זיך פלינק דעם טאַטן אויף די הענט, אָדער כאַפּן דאָס קוישל, אָדער די טעקע און מיט שמחה לויפט מען אָנזאָגן די מוטערס: דער טאַטע גייט!

רבקה, בערלס, איז געווען אין די „הויכע חדשים". זי האָט זיך שווער באַוועגט און שווער געאָטעמט. און יעדעס מאָל, ווען זי דערהערט נאָר אַז די פאַבריקס־סירענע זינגט איר פאַרנאַכטיקן געזאַנג, לאָזט זי רוישן די פּרימוסן און שטעלט־צו אָנוואַרעמען ס'עסן. זי ווייס, אַז אין 20 מינוט אַרום וועלן בערל מיט ליבלען קומען אויסגעהונגערטע פון טאָג אַרבעט.

רבקה איז געזעסן ביים טיש און עפּעס גענייט. אונטערן האַרצן האָט זיך אַלע ווייַלע אַ צאַפּל געטאָן אַ טייל פון איר לעבן, און צוזאַמען מיט דער טיפער לעבעדיקער שמחה, וואָס שטראָמט פון איר וועזן — דריקט איר אַ דאגה: ס'וועט קומען אַ קינד און זי וועט נישט קענען זיך אַרויסרייסן פון דער היים יעדן טאָג אויף אַ פּאָר שעה אין דערנע־בנדיקן רעסטאָראַן, צואַרבעטן, מיטהעלפן מיט די פּאָר פּרוטות פאַר־דינסט אין דער שטוביקער הוצאה. מיט עטלעכע חדשים צוריק. ס'האָט איר גענומען שווינדלען אין קאָפּ און ס'עסן שפּאַרן אַרויף. זי איז אַרוים פון דעם ווייסן צימער פון דער קראַנקן־קאַסע אַ פאַררויטלטע, מיט אומקלאָרע געפילן פון שרעק, שמחה און פאַרוואונדערונג. אין אָוונט האָט זי געזאָגט בערלען:

— בערל, נו, ס'איז עפּעס נייעס ביי אונדז...

בערל האָט איר מיט חדוה אַריינגעקוקט אין די אויגן, פּעסט גע־דריקט צו זיך און געקושט אין קאָפּ. פּרוטה פּאַר פּרוטה האָבן זיי צו־נויפגעקליבן אַ 3—4 פונט און געמאַכט אַ חשבון: אַ וועגעלע, אַ בע־טעלע, אַ מאָסקיטיאַר, לייוונט...

רבקה איז געזעסן אין דערוואַרטונג אויף בערלען מיט ליבישן. איר מח האָט געשפּינט פּלענער, ווי אַזוי איינצואָרדענען די צוקונפט.

נאָך פיר חדשים וועט זי דאָס קינד אָפּגעבן אין זויגלינגס־אַנשטאַלט פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אַליין וועט זי אַרבעטן ווייטער, ווי ביז אַהער. זיי מוזן סוף כל סוף אויסצאָלן דאָס שטיקל באָדן און קלערן פון באַקליידונג. פינף יאָר צייט, ווי חוץ דאָס גייטיקסטע אויפן לייב קענען זיי פאַר קיין פאַל זיך גאָרנישט איינשאַפן. דאָס גערטעלע וועלן זיי ווייטער זייען מיט גרינוואַרג, ברויט וועט זי אַליין באַקן.

דאָס לעבן איז אַנדערש, ווי זי, רבקה, האָט זיך עס פאַרגעשטעלט דעמאָלט, בעת זי האָט מיט דער חברה געהאָפּקעט אויפן צווישן־דעק פון דער גרויסער שיף ביים דערנענטערן זיך צו די ברעגעס פון יפו, און שפּעטער — נאָך דער אַרבעט אין „גדוד", אויף די „כבישים", וואו גאַנצע טעג און נעכט האָט מען פייערדיק דיסקוטירט וועגן צוקונפטיקן לעבן: איין גרויסע קאָמונע פון אַלע יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, וואָס זאָל זיך שפּרייטן פון שטאָט צום דאָרף, פון דאָרף צום שטאָט, א מוסטער פון סאָציאַליסטישן אויפבוי פאַר דער גאַנצער וועלט אָן קלאַסן־קאַמף. די האַמערלעך פלעגן טאַנצן אַרויף און אַראָפּ אויף די בערג קליינע שטיינער, איבער וועלכע מען איז געזעסן, ווי רייטער, דאָס לעבן האָט געשפּאַרט און געברויזט פון יעדן גליד. מען האָט זומפּן אויסגעטריקנט, פעלדער אויסגעשטיינערט, דערנער מיט וואָרצלען אויסגעריסן און הונדערטער קילאָמעטער שטייניקע סטייגנגעס צעצויגן איבער בערג און טאָלן, וואו ס'טראָגן זיך איצט אויטאָמאָבילן, ווי די ווינטן.

פרויען! פרויען געפינען דאָ, נאָר דאָ, אין דער קאָמונע, זייער תיקון. ס'איז רבקהן אַביסל אַנדערש, ווי ביי בעבעלן אינעם בוך „די פרוי און סאָציאַליזם", אָבער דאָך ענדלעך א סוף צו די טעפּ מיט די קיכן, מיט די קליינלעכע הויז־ווירטשאַפטן.

האָט זיך אונטערגערוקט בערל מיט כסדרדיקע טענות צו אַלעמען:

— ס'וועט נישט אויסהאַלטן אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער ממשלה. ס'וועט נישט אויסהאַלטן אונטער די אימפּעריאַליסטישע שפּיזן.

די אויגן פון דער פייערדיקער צעפלאַמטער חברה האָבן געשפּריצט מיט העזה:

— וועלכער כח קען עס אונדז שטערן אין אונדזער אַרבעט, אין אונדזער לעבן אַט אַזוי, ווי מיר פירן זיך ביז איצט?

גיך גייט דער וועג „באַרג אַראָפּ", האָט רבקה זיך אַליין געזידלט אין געדאַנק. בערל איז פריער געוועזן א הייצער אויף א גרויסן פּרעס־ראַלער, וואָס האָט געפּרעסט די וועגן. שפּעטער האָט ער באַקומען אַרבעט אַלס הייצער פון דאַמף־קעסלען אין א נייער פאַבריק. זי איז „צייטווייליק" אַוועק מיט אים, פאַרלאָזן די חברה — און אַט: שוין מער, ווי 6 יאָר צייט...

בעת מען האט גענעסן דאס מיטאג מיטן אונט־ברויט צוזאמען, האט זיך בערל גענאיילט: היינט האט גענאדפט פארקומען די אלגעמיינע אסיפה פון די איינוואוינער פון „נוה שלום", וואו מען האט געדארפט באשליסן וועגן די מיטלען אויף צו בויען א כביש — א שאסיי אין „נוה שלום", וואס זאל איינמאל פאר אלעמאל פארבינדן דעם קווארטאל מיט דער שטאט. בערל האט פארשטאנען, אז דער שאסיי איז נייטיק. אין דער זעלבער צייט האט ער געפילט, ווי א נייע שווערע לאסט לאזט זיך אראפ אויף זיי, אויף די, וואס האבן ביי די שרעקלעכסטע באדינגונגען, פאר די לעצטע גראשנס פון זייער מויל ממש, געקויפט דעם באדן און געשאפן די מעגלעכקייט פארן גאנצן קווארטאל. איצט זיינען זיי פארשטויסן, פארדרוקט אין די ווינקלען, דערדריקט אונטערן עול פון די צאלונגען און שטייערן פאר וואסער, פאר וועגן, פארן פייער, פארן קאמיטעט, פארן שטאט־ראט, פאר דער מלוכה... איצט באלעבאטעוועט דער קרעמער, דער זעלבער קרעמער, וואס האט זיך ביי בערלען קוים איינגעבעטן, פועלן ביי די חברים, מען זאל אים דא אויבן לאזן אויפשטעלן א צריף מיט א קלייטל. איצט באלעבאטעווען דא די, וואס זיינען שפעטער געקומען, ווען דער וועג איז שוין געווען אויסגעטראטן, און דער ברונעם פון אונטערן בארג האט דערלאנגט וואסער דורך רערן ביזן פאמע מויל אריין...

לייבושן איז דאס עסן היינט שווער באקומען. דארטן אין די גרויסע בלאקן, וואו עס סאפען צענדליקער קראנקע לאקאמאטיוון, האט מען געשמועסט, אז מען וועט אפזאגן מענטשן. די רעגירונג וויל בעסער לאזן פארריכטן די לאקאמאטיוון אין ענגלאנד. שיפן קומען אין לאנד, כ'רוב פול אנגעלאדן מיט סחורות. צוריק קערן זיי זיך אום ליידיק — קענען זיי מיטנעמען די קראנקע לאקאמאטיוון אהין, דארטן אין די ווייטע שטעט פון טויזנטער קוימענס. שמועסט מען וועגן ברייט פארמאסטענער ארגאניזיר־ארבעט צווישן די אייזנבאנער, כדי נישט דערלאזן אזוינס: די ארבעט געהערט צום לאנד, וואס גיט דער באן איר גאנצע הכנסה!

שוין באלד 4 וואכן, ווי לייבוש האט נישט דערהאלטן קיין בריוו פון זיין אניוטען, פון דער ווייטער ליטווישער שטאט. אניוטע איז געווען זיין יוגנט־פריינד, שפעטער האט איינער אן צווייטן מער נישט געקענט לעבן. וואו לייבוש — דארט אניוטע. אניוטעס עלטערן, די גרויסע סוחרים און באלעבאטים פון מארק, האבן זייער נישט געוואלט די חברשאפט פון לייבקען, מענדע חייטס זון, מיט אניוטע דער גימנאזיסטקע. דער אלטער ר' ברוך זעליק דער סוחר האט דעם שידוך נישט געהאלטן פאר פאסיק פאר זיין „שמדניצע"...

נאכן עסן האט רבקה ארויסגעצויגן פון אונטערן טישטוך א בריוו

און דערלאַנגט בערלען, — „כ׳האָב דיר אים פריער נישט געוואָלט געבן כדי דו זאָלסט נישט לעזן ביים עסן און נישט שטופּן די לעפל אין דער נאָז”...

מענדע חייט פון דער ליטווישער קרייז־שטאָט האָט געשריבן אַזוי צום זאָגן:

„פיל פרייד און גליק צו מיין פילגעליבטן זון בער דב זאָל לעבן, און צו מיין פילגעליבטן זון אריה לייבוש זאָל לעבן און צו מיין פילגעליבטער שנור רבקה, זאָלט איר אַלע געזונט און שטאַרק זיין והשם יתברך ימלא אַלע אייערע בקשות און מיר זאָלן דער־לעבן צו הערן פון אייך כל טוב אמן.

ראשית טו איך דיר צו וויסן פון אונדזער ליבן געזונט, פון מיר און אייער מוטער לאה זוגתי שתח׳י און פון אייער שוועסטער זעלדע שתח׳י.

והשנית, טייערע קינדער מיינע, וויל איך אייך צו וויסן טאָן, אַז ס׳הארץ טוט אונדז כסדר ווי פאַר אייך, וואָס מיר זיינען אַזוי וויט איינע פון די צווייטע, איבער וויסטע ימים. ביי אונדז אין שטאָט איז גאָרנישט אַזוי איאָיאָיאַי, ס׳איז געוואָרן דערגעבן אונדז אַ קלייט, פון אַגוואישקן קאָמפּיראַטיוו, וואָס פאַרקויפט כלערליי סחורות, דעם מאַרק־טאָג האָט מען אַריבערגעטראָגן אויף שבת, כדי אונדז אַרויסצונעמען ס׳ביסן ברויט פון מויל. מי יעיז בשבת קודש אויפמאַכן את הקלייט?

און שטייערן באַלייגט מען איצט ביי אונדז פאַר טיר און פענסטער, פאַר הכנסה און הוצאה, היינט ליבע קינדער אין והחזיקו שבעה קרעמער בקונה אחד, וואָס וויל אפילו קיין מזומן נישט צאָלן. גרויסע סוחרים פאַלן, ווי דעמבעס אונטער אַ שאַרפער האַק, מען מאַכט באַנקראָטן און מען פאַרבלייבט בערום והוסר כל.

אונדזער פעטער, חיים וואָלף, זיצט שוין הדשים אָן אַ שטאָך אַרעבט. די פּריצים, פאַר וועלכע ער פלעגט נייען די בעקעשעס און די פעלצן, גיבן איצט אָפּ די גאַנצע אַרבעט צו יוזיק דעם ממזר, וואָס האָט אַמאָל געאַרבעט ביי חיים וואָלפן, יוזיק איז אַ איש משלהם... ביידע עלטערע זין חיים וואָלפס זיינען אָפּגעפאָרן אין אַפריקע, וועט זיך אפשר השם ירחם זיין און זיי איינאָרדנען. די בתולות דעם פעטערס, וויינען אויס די אויגן אין די נעכט. נישטאָ קיין נדן, ווער וועט זיי נעמען אָן נדן? אייגעלע, די יינגערע בתולה זיינע לאַכט פון די עלטערע שוועסטער, אַז היות ווי זיי זיינען שוטים, לאָזן זיי בעסער פאָרן אין ארץ־ישראל ווי זי וועט טאָן.

לעת עתה געפינט זי זיך, פונקט ווי א שיקסע, ערגעץ אין א הויף און לערנט זיך גראָבן קארטאָפלעס פאר ארץ־ישראל...

די מאמע אייערע זאָל געזונט זיין, לאָזט אייך נישט ארויס פון מויל, זי גרייט פאר רבקהן זאָל געזונט זיין א פאָסילקע, ד׳ ירחם מיינע קינדער. אלץ וועט גוט ווערן, אפשר וועלן זיך די צייטן בייטן און ס׳וועט בעסער ווערן, ווייל ס׳איז גארנישט גוט, מיינע קינדער.

ווייוויי, וויפיל ארבעטארער פון אונדזער שטאָט, גייען טאָג איין טאָג אויס אין דער טאריבע נאָך די פאָר פרוטות קצבה, השם יתברך זאָל אייך העלפן ליבע קינדער איר זאָלט פון אזעלכע צרות נישט וויסן און אייערע אויגן זאָלן דאָס נישט זען.. שרייבט אונדז עפטער און קארגט נישט קיין ווארט פאר אייערע עלטערן, וואָס קוקן אייך אויס, שרייבט פון אייער געזונט און פון אייערע עסקים. צי האָט איר שוין דאָס שטיקל ערד אויסגעקויפט און צי יידן לעבן גוט אין ארץ ישראל, און רבקה שתח׳י זאָל צושרייבן א פאָר ווערטער מיט איר אייגענער האנט.

מיר ווינטשן אייך קינדער כל טוב ו׳ד ימלא את כל משאלות לבכם ונזכה אלע צוזאמען לגדל בנים ובני בנים... מיר קושן אייער פאָטער מענדע און מוטער לאה.

ע. ש. איך האָב געטראָפן אונדזער שכנם ברוך זעליגם אגיוטע זאָל לעבן, האָט זי אייך הערצלעכסט געלאָזט גערים און זיך זייער אויסגעפרעגט אויף אייך.

הנ׳ל

# באַשלוסן

אין דעם ביורא פון דער נאַציאָנאַלער חברה איז פאָרגעקומען א פּאַרברייטערטער פּלענום פון קאָמיטעט. אַרום רחבותדיקן טיש, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט א גרינעם טוך און פאַרלייגט מיט פּאַפּירן און מאַפּעס, זיינען געזעסן אַנדערהאַלבן צענדליק מענטשן, פּליכעוואַטע, באַ־ברילטע און אָן ברילן, אַנדערע מיט השיבותדיקע בערד, אין קאַשימי־רענע רעקלעך און קליינע יאַרמולקעס אויף די קעפּ. פון דער וואַנט האָבן אַראָפּגעקוקט שווער באַראַמטע פּאָרטרעטן. ד"ר הערצל מיט זיינע פאַרחלומטע אויגן און שוואַרץ סאַמעטענער באָרד שטייט אָנגעשפּאַרט אָן פּאָרענץ פון א באַלקאָן און אונטן ציען זיך מחנות בחורים ספּק מיט בערד און היטלען, ספק אָן בערד און היטלען, מיט קאָסעס און ווידלעס אויף די פּלייצעס. ווען פון אונטערגרונט וואָלט נישט געגלאַנצט א מגן־דוד אַנטקעגן די שטראַלן פון א האַלבן ראָד, און ווען ד"ר הערצל וואָלט צו זיי נישט אַראָפּגעקוקט פון באַלקאָן, וואָלט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס איז א מחנה קליינשטעטישע יידישע וואָלאָנטערן, וואָס גייען צו הילף מאַנסטערן אין דער צייט פון די פּויערים־מלחמות אין מיטאַלטער...
פון א צווייטן פּאָרטרעט קוקט קריטיש אויף הערצלען און אויפן טיש דאָס פּקחותדיקע געזיכט פון ד"ר מאַקס נאָרדוי. פון אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט קוקט אויף אַלעמען מיט א ליצנות־שמייכל א קונסט־בילד פון הערבערט סעמועלן, וועלכער איז אָנגעטאָן אין א טראָפּישן העלם און א מונדיר פון עפּעס א קליינשטעטלדיקן פּאָסט־באַאַמטן פון פּראָנץ יאָ־זעפס צייט...

דער באַברילטער פּקיד פון דער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט האָט א שלוק געטאָן לימאָנאַד פון גלאָז, אויסגעשטרעקט זיין קורץ העלדזל, אָפּגעווישט דעם שוויים פון פּנים און רעפערירט:

— נאָר א דאַנק דעם, וואָס מיר האָבן צו ביליקע פּרייזן און הנחות באַזעצט די 15 משפחות פון פאַבריק אויפן רויטן כרמל, איז אויפגעקומען דער קוואַרטאַל „נוה־שלום". דער באָדן איז

גלייך געשטיגן אויף 20 פּראָצענט ביי די ערשטע פּאָר הייזער. היינט איז דער ווערט פון באָדן 120 פּראָצענט מער ווי דער פּרייז, וואָס מיר האָבן באַצאָלט. אין דעם קוואַרטאַל ליגן נאָך מער ווי 200 פּאַרצעלירטע פּלעצער צום פאַרקויפן, די שטאָט ברייטערט זיך און וואַקסט, דעם פּאָרט נעמט מען שוין בויען, דער פּרייז אויף באָדן שטייגט. כדי די פּלעצער אין „נוה־שלום" ליכטיש צו פאַרקויפן און צוציען אַ גרעסערן עולם אין דעם קוואַרטאַל, איז דרינגענד נייטיק: אַ ברייטער גוטער שאָסיי, וואָס זאָל פאַרבינדן דעם קוואַרטאַל מיט דער שטאָט. ס'וועלן נעמען קורסירן אויטאָ־מאָבילן, וועלן מענטשן תיכף אויסקויפן דעם באָדן במחיר מלא. די קאָמוניקאַציע וועט דערמעגלעכן אַ גרעסערע בוי־טעטיקייט; אפילו פאַבריקלעך וועט מען קאָנען דאָרטן בויען. היינט צו טאָג וואוינען שוין אויבן ביז 800 נפשות.

איצט קומט צו אַ צווייטע דרינגענדע אויפגאַבע, וואָס זאָל אַ סוף מאַכן צו אונדזערע באָדנס, וועלכע ליגן פון אונטן דעם רויטן כרמל, ווי אַ פאַרלאָזענער שטיין, ווייל — דער זומפּ פאַר־דאַרבט די לופט און פאַרטראָגט די מאַלאַריע ביז „נוה־שלום". מען וועט אויסטריקענען דעם זומפּ, וועלן מיר תיכף קענען פאַרקויפן דעם אונטערשטן באָדן און נאָך מער העכערן דעם פּרייז פאַר פּלע־צער אין נוה־שלום.

צו דעם צוועק דאַרף מען האָבן ביז 10.000 פונט. אונדזער פליכט איז צו דריקן אויף די נאַציאָנאַלע קאָלאָניזיר־קערפּערשאַפטן, זיי זאָלן געבן די סומע אַלס קרעדיט, 50 פּראָצענט אויפן חשבון פון אונדזער געזעלשאַפט, און 50 פּראָצענט אויפן חשבון פון אַלע ערד־אינהאַבער פון נוה־שלום. ד"ה, אַז די ערשטע 50 פּראָצענט, וואָס פאַלט אויף אונדז, וועלן מיר מיט פּראָצענט אַרויסנעמען פון דעם פאַרקויף פון אויסגעטריקנטן זומפּ און די אַרומיקע באָדנס, די צווייטע 50 פּראָצענט, וואָס „נוה־שלום" וועט אויסצאָלן, איז כולו ריוח פאַר דער חברה, ווייל דער באָדן וועט זיכער שטייגן. די מענטשן וועלן האָבן אַ נוצן דערפון און מיר וועלן נישט צוליגן...

נאָכדעם האָבן אַלע גערעדט, געחשבונט, געטרונקען לימאָנאַד מיט אייז. ביז דער פּראָיעקט פון דעם באַבריל'טן פקיד איז אָנגענומען גע־וואָרן וועגן העכערן די לוינען פון די באַאַמטע פון דער געזעלשאַפט לויט זייער בקשה, וואָס מען האָט געבראַכט. אין באַשלוס ווערט געזאָגט:

„אין צייכן פון דאַנקבאַרקייט פאַר זייער איבערגעגעבענער אַרבעט פאַרן פאָלק און לאַנד".

ס'איז אוי דבאַשלאָסן געוואָרן אין זעקס חדשים אַרום נאָכן מאַכן

דעם באַלאַנס אויסצאָלן אַלע אַקציאָנערן פון דער געזעלשאַפט די דיווי־דענדן פון די אַקציעס.

אין יענעם אָוונט איז דאָס „פּאָלקס־הויז" פון נוה שלום געווען פּראַפּן פול, אַלע איינוואוינער פון קווארטאַל זיינען זיך צונויפגעקומען אויסהערן אַ באַריכט פון סעקרעטאַר פון דעם קאָמיטעט וועגן זיינע אונ־טערהאַנדלונגען מיט דער נאַציאָנאַלער חברה מכּח בויען אַ שאָסיי פון נוה שלום ביז דער שטאָט.

חיימאָוויטש דער סעקרעטאַר, אַ גלאַט ראַזירטער בחור, מיט אַ היפּשן פליך אויפן קאָפּ, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן אָנצוג, מיט אַ פּאָר גרויסע אַמעריקאַנער ביינערנע ברילן, האָט דערציילט, ווי אַזוי דער פּקיד פון דער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט האָט גאָרנישט געוואָלט הערן פון קיין שאָסייען: „איר ווילט זיך מאַכן שאָסייען, טאָ מאַכט. וואָס דרייט איר אונדז אַ קאָפּ? האָט געטענהט דער פּקיד, וואָס האָט עס צו טאָן מיט דער חברה? איז אייך קנאַפּ, וואָס די חברה האָט אייך בזיל הזול איינגעשאַפן באָדנס? היינט ווילט איר אַ שאָסיי, און מאָרגן וועט זיך אייך פאַרוועלן יעדערן, לאָמיר זאָגן, אַן אַעראָפּלאַן. איז עס אונדזער עסק"?

חיימאָוויטש האָט אים דערקלערט, אַז מען וועט זיך צעלויפן פון דעם קווארטאַל, ווארום וויפל איז דער שיעור צופוס צו שלעפּן זיך אַ מרחק פון אַנדערטהאַלבן שעה ביזן שטאָט? און אַז עס מאַכט זיך אַן אומגליק און מען מוז אין דער שטאָט — טאָ וואָס זאָל מען, אדונים, טאָן?

דער פּקיד האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט נאָך היינט זיין דאָ אויף דער אסיפה און אָפּגעבן זיינע דערקלערונגען. באַרוכסאָן דער קרעמער און פייוויש דער שניידער, האָבן געשריען, אַז מען דאַרף שיקן אַ דעלע־גאַציע אין ירושלים צו די קאָלאָניזיר־אַנשטאַלטן און מאַכן אַ סקאַנדאַל: וואָס הייסט — אַזויפיל מענטשן לאָזן לעבן אָן אַ שאָסיי? מיר צאָלן שוין אַזויפיל יאָרן אויפן קרן היסוד און קרן קימת, אָבער ווי מען דאַרף נאָר עפּעס לטובת הכּלל, זיינען זיי נישטאָ.

עטלעכע באַלעבאַטים, וואָס לעבן פון דירה־געלט, זיינען געקומען מיט אַ שריפטלעכן פּלאַן, ווי אַזוי צו בויען דעם שאָסיי: „מען דאַרף שרייבן זיי, ארויפליינן אַ שטייער אויף אַלע נישט באַבויטע פּלעצער, ווייל מיר, באַלעבאַטים, האָבן אונדזער גאַנצן פאַרמעגן אריינגעבראַקט דאָ אין די הייזער, און קענען מער נישט צאָלן קיין געלט".

דאָ האָט גענומען דאָס וואָרט בערל הייצער, וואָס האָט זיך קוים צוגעקריגן צום טיש; מיט זיין פאַרהאַרטעוועטער האַנט האָט ער געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש, אַז כיימאָוויטש דער סעקרעטאַר איז אויפגעשפּרונגען:

— וואָס? די נישט באַבויטע פּלעצער זאָלן צאָלן דעם שטייער?

מיר האָבן מיט אונדזער לעבן ריזיקירט און די ערשטע אַרויף דאָ אין מדבר. מיר, די, וואָס האָבן געליטן הונגער, דורשט און קעלט, מאַלאַריע, עקדישן און אַנדערע שלעק, מיר האָבן צוגעגרייט פאַר אייך אַ פּלאַץ צו בויען פּאַלאַצן, איר זאָלט נאָכהער די הויט שינדן פאַר דירות? ! האָט איר נישט קיין געלט?

— אַראָפּ, אַראָפּ, באָלשעוויק, צו די סאָוויעטן גיי! אַראָפּ! האָבן געליאַרעמט די קרעמער און די באַלעבאַטים.

האָט חיימאָוויטש דער סעקרעטאַר געוווּשט די גלעזער פון די ברילן און געקלאַפּט מיט זיין אויסגעבאַליעטער האַנט איבערן שטויס פּאַפּירן:

— שאַט. שאַט, שטילער! מה רעש? אַלע מעגן דאָך זאָגן, וואָס זיי ווילן — איז מה בכן, אַז בערל האָט געזאָגט? שאַט!

איז אַביסל רואיקער געוואָרן, און פּיווויש דער שניידער האָט ווייטער געפאָדערט אַ דעלעגאַציע קיין ירושלים, נאָכהער האָט אַ באַלעבאָס גענומען אַ וואָרט און אַזוי געזאָגט:

— מיר זיינען דאָ געקומען בויען אַ ניי לאַנד, האָבן מיר געבראַכט אונדזער קאַפּיטאַל, וואָס מיר האָבן אַרויסגעראַטעוועט פון גלות. מיר לעבן דאָך דאָ גאָרנישט אַזוי גוט. ווי אַזוי, ליבע מענטשן, לאָזט איר צו צום וואָרט אַזאַ אַרומגעריסענעם יונג. ווי הייסט ער דאָרטן, בערל, שמערל? אַזאַ חוצפה! ווילט איר נישט באַבויען אייערע פּלעצער, איז האָט מיר אַ גוטן שליטוועג. איר קאָנט זיך נעמען אייערע פּאָר ברעטלעך און דינגען אַ פּאָר קעמלען, און גייט אייך געזונטערהייט. ווער דאַרף אייך דאָ איצט? איר פאַרפּאַסקודעט דאָך מיט די „צריפלעך" דעם גאַנצן אויסזען פון קוואַרטאַל און שלאָגט אַראָפּ דעם פּרייז פון דירה־געלט... ווער האַלט אייך צו?

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן צוזאַמען מיט אַ פּייפעריי און געשריי פון מענער און פרויען איז אויסגעבראָכן אין „פאָלקס־הויז" נאָכן באַלעבאָס רעדע. נאָר אָט איז אַריין דער פּקיד פון דער חברה, איז אַלץ שטיל געוואָרן. דער פּקיד איז צוגעגאַנגען צום טישל און גענומען ריידן:

— אָדון חיימאָוויטש האָט שוין גערעדט מיט מיר וועגן דעם שאָסיי, אָבער, רבותי, וואָס מיינט איר זיך, — אונדזער חברה איז אַ מעלקעדיקע קו? וואָסער האָבן מיר אייך געשאַפן, באָדן איינגעקויפט, אַ דאָקטאָר אַרויפגעשיקט. איר ווייסט דאָך, אַז מיר טוען עס נישט צוליב ריווח, נאָר כדי אויפצובויען דאָס לאַנד פון אונדזערע אָבות (היל־ביקע אַפּלאָדיסמענטן)... איצט רעדט איר שוין פון אַ שאָסיי. מיר זיינען ק ע ג ן. אָבער היות ווי ס'קומען כסדר פרישע חלוצים, דאַרף מען באַזאָרגן זיי מיט אַרבעט, האָבן מיר זיך מישב געווען, אַז „מצווה

גוררת מצווה", מיר וועלן זיך מיט עפּעס משתתף זיין אין די הוצאות פון שאַסיי כדי אייך צו העלפן, צוזאַמען מיט די חלוצים, וואָס קומען דאָ אויפצולעבן די וויסטענישן, ושלום על ישראל.

הידד — הידד! זאָל לעבן חברה, האָבן די באַלעבאַטים מיט די קרעמער געדונערט!

אויף אַ מיטלסטער באַנק איז געזעסן אַנגעכמורעט בערל מיט נאָך אַ גרופּע פאַבריקס אַרבעטער, וואָס זיינען פון די ערשטע אַרויף אויפן באָדן. די מענטשן האָבן געשריען, זיך געכמורעט און געפּאָדערט אַ וואָרט. קיינער האָט זיי נישט געהערט, ווייל אַלע האָבן געזונגען „התקוה" און זיך געקליבן צום אַרויסגאַנג. זיי זיינען מרוצה געווען מיטן פּקידס פאָרשלאַג און באַשלאָסן, אַלע פּרטים איבערגעבן צו באַהאַנדלען דעם קאָמיטעט פון דעם קוואַרטאַל...

* * *

אַ וואונדערלעכע נאַכט איז געווען אין דרויסן. אַ נאַכט פון צוואַנציקסטן טאָג אין חודש. די לבנה גייט אויף, שפּעט געבאָרן, פון אונטער די בערג אַרויס. פריער ווערט דער הימל אַנגעצונדן אין אַ קאַלטן פייער פון בראַנדז, מאַכהער שווימט אַרויס אַ גרויסע לבנה פון מאַטן לייכטנדיקן גאָלד. דאָס ליכט צינד אָן דעם ים אין אַ גאָלדענעם קאָליר און די לבנה צוזאַמען מיטן גאַנצן הימל גרויסע העלע שטערן לאָזן זיך אַראָפּ צום באָדן און די שטילע קליינע וועלן. אונטערן באַרג ליגט צעפינקלט און צעברילּיאַנטעוועט אַ גאַנצע שטאָט. ווייט אויף די וואַסערן וויגט זיך אַ גרויסער ליכטיקער פּאַלאַץ — אַ שיף, וואָס האָט נישט לאַנג געאַנקערט. פון די טאָלן צווישן די בערג וויגן זיך אַרויס לייכטע נעפּלען, ווי טיולן, וואָס וויגן זיך אין דער לופטן. די לופט איז פייכטלעך פריש, דער עולם האָט זיך מיט רעש אַרויסגעשאָטן פון פאָלקס־הויז — איז שטיל געוואָרן אין דעם נאַכטיקן דרויסן. בערל מיט די חברים זיינען אַוועק באַזונדער. מיט אויפגעריסענע אויגן האָבן די מענטשן אַנגעקוקט די פּראַכט פון דער ארץ־ישראלדיקער נאַכט. מען איז שטיל געוואָרן און טיף אַריינגעאָטעמט די קילע נאַכט־לופט, וואָס האָט פול געמאַכט די ברוסט, אָפּגעפרישט און פאַרטריבן די שווערע שטימונג פאַרביטערונג פון דער אסיפה. און בערל האָט אַ שפּיי געטאָן און זיך אָפּגערופן:

— „עט, — אַ באַנדע, מיר זיינען זיי מער נישט נייטיק, מיר האָבן אונדזערס אָפּגעטאָן"...

ווידער האָבן אַלע צוזאַמען גענומען ריידן און טומלען: „מען וועט עס נישט שווייגן, מען וועט מרעיש עולם זיין. מיר וועלן שיקן אַ סאָלעקטיוון בריוו אין דער צייטונג און ווייזן דער וועלט, ווי מען וויל

אונדז פאַרטרייבן פון שטיקל באָדן, וואָס מיר צאָלן אוים מיט די לעצטע ביסנס פון אונדזער מויל, און וויפל יאָרן מיר דאַרפן נאָך צאָלן".

און בערל זאָגט ווייטער: — ווי פליגן זיינען מיר אַריין אין געדיכטן שפּינוועבס, דער פּעטליוביקער פּקיד זיצט איבער אונדז, ווי אַ שפּין, און נאָגט און נאָגט... צו אַלדע שוואַרץ יאָר".

פון אַ זייט איז האַלב אָנגעטאָן געקומען צו לויפן לייבוש און עפּעס אַריינגערוימט בערלען אין אויער אַריין, בערל האָט זיך אָפּגעריסן, אַ וואָרף געטאָן צום עולם אַ „שלום" און צוזאַמען מיט לייבושן גיך אַוועקגעשפּרייזט אַהיים.

אויף דעם האַלב־אויסגעבעטן אייזערנעם בעטל איז רבקה געזעסן אָן אָנגעטוענע, מיט נרוויסע טראָפּנס שווייס אויף איר צעפּלעקטן שטערן. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן: וויינען פון ווייטיק צי לאַכן פון דער פאַרבאָרגענער פרייד, וואָס האָט נאָך יעדער ווי געשלאָגן אין איר בלוט. אַז זי האָט דערזען די צעשראָקענע בערל און לייבוש, האָט זי פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזן די אויגן. בערל איז צוגעלאָפן צו רבקהן און איר גענומען אויספרעגן, ווי און ווי אַזוי? לייבוש האָט זיך גיך אָנגעטאָן און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן ביידע געפירט אונטער די אָרעמס, רבקהן צו דער געווינערינס־אָפּטיילונג פון „הדסה", אונטן אין דער פינקלדיסקער שטאָט.

# „ראַציאָנאַליזאַציע"

אין דעם זעלבן אָוונט איז מיסטער מאָרטאָן, דער ענגלישער הויפּט־אינזשעניער און וועגן־לייטער פון דער אייזנבאַן אין א"י, געזעסן ביי זיך אין קאַבינעט אין טיפן לעדערנעם פאָטעל, די פיס פאַרוואָרפן אויפן ברייטן שרייב־טיש. מיסטער מאָרטאָן האָט געטאָן דריי אַרבעטן מיט איין מאָל: געררויכערט אַ קורצע פייף, געלייענט דעם „דיילי עקספּרעס", צוגעזופּט וויסקי מיט סאָדע, וואָס זיין 16־יאָריקער משרת, אַ מיצרי, האָט אים פּינקטלעך יעדע 10 מינוט דערלאַנגט פון אַ בלאַנקער מעשע־נער טאַץ.

מיסטער מאָרטאָן איז אַ מאַן פון 45 יאָר, גלאַט ראַזירט, מיט אַ מויל געלע שאַרפע ציין און לאַנגע פיס. ער שטאַמט פון סקאָטלאַנד, וואו ביזן קריג האָט ער פאַרנומען אַ מיטלמעסיקן פּאָסטן אין אַ וואַגאָנען־פאַבריק. בעתן קריג האָט ער געדינט אין אַ סאַפּיאָרן־באַטאַליאָן און דורכגעמאַכט די פּאַלעסטינער קאַמפּאַניע מיטן בריטישן מיליטער; נאָכן קריג האָבן זיך זיינע קאָלעגן על פּי רוב איינגעאָרדנט אויף גוטע לוינען ביי דער פּאַלעסטינער אַדמיניסטראַציע, ביז הונדערט פונט אַ חודש גע־האַלט; 5 חדשים געצאָלטער אורלויב און אומזיסטע נסיעה אין ענג־לאַנד. חוץ דעם — פאַרשיידענע יקרות־הוספות און גראַטיפיקאַציעס. דער גאַנצער טעכנישער אַפּאַראַט פון דער אייזנבאַן איז פּאַקטיש געווען טטעיק נאָך פאַר דעם קריג. דאָרט האָבן געאַרבעט אַ גאַנצע ריי יידישע און גריכישע אינזשעניערן, וואָס האָבן טאָגטעגלעך צוגעשטעלט צענדלי־קער חשבונות, צייכנונגען, קאַלקולאַציעס און פּראָיעקטן. זייער געהאַלט האָט באַטראָפן אַ פערטל פון מיסטער מאָרטאָנס, אורלויב האָבן זיי גע־האַט צו 21 טעג אַ יאָר און אַלע זיינען געווען צופרידן. מיסטער מאָר־טאָן האָט זיי, אין תוך גענומען, נישט איבעריקס פיל דערעסן. ער פלעגט דורכקוקן אַלע פּאַפּירן און סקיצן, זיי חתמענען און איינמאָל אָדער

צוויי מאָל אַ חודש רעפערירן ביים הויפּט־לייטער פון דער באַן, מיס־טער ריטשאַרדזאָן, וועגן די פראַגן, וואָס זיינע יידישע און גריכישע מיטאַרבעטער פלעגן אים פאָרשטעלן יעדן פינפטן טאָג פון דער וואָך.

אַזוי זיינען געגאַנגען יאָרן נאָך יאָרן. זיין פרוי, לײדי דזשעני מיט ביידע קינדער זיינען שוין פון לאַנג געווען אין ארץ־ישראל, געוואוינט האָבן זיי אין אַ שיינער ווילע אויפן כרמל. דאָס איינציקע, וואָס האָט זיי געקימערט, איז געווען די דערציונג פון די קינדער, וועלכע זיינען אונטערגעוואַקסן, און די שלעכטע הכנסה פון דער בריטישער מיסיאָן זינט נאָכן קריג, וואו ביידע האָבן אייפריק מיטגעאַרבעט מיט וואָרט און השפעה...

מיסטער מאָרטאָן האָט געזופּט וויסקי מיט סאָדע, טיף פאַרצויגן דעם שמעקעדיקן טאַבאַק פון פייפ, און אין זיין מוח האָבן זיך געקלעפּט פיצלעך פלענער, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן אין געדאַנק בעתן לייענען דעם „דיילי עקספּרעס”. די צאָל אַרבעטסלאָזע אין ענגלאַנד דערגרייכט שוין באַלד די קיילעכדיקע ציפער פון צוויי מיליאָן און די טענדענץ פון דער אַרבעטסלאָזיקייט איז אַ שטענדיקע. ער, מיסטער מאָרטאָן, איז אַליין אַן אומפּאַרטייאישער, אָבער ער האָט געגרן אַריינ־צובליקן אין די פּאַרטייאישע רעדעס פון די פּאַרלאַמענט־רעפּוטאַטן. ער פאַרטרעט די מיינונג, אַז די בריטישע אינדוסטריע איז צו קאָנסערוואַטיוו און קען נישט, ביי איר איצטיקן טעמפּ, קאָנקורירן נישט מיט אַמע־ריקע, נישט אַפילו מיט דער דערשטיקטער דייטשלאַנד. דעריבער, מיינט מיסטער מאָרטאָן, אַז דערפון וואַקסט די אַרבעטסלאָזיקייט. ער געדענקט די פאַבריק, וואו ער פלעגט האָבן געאַרבעט, מיט די ריזיקע גרויסע מאַ־שינען, וואָס פלעגן טעגלעך איינשלינגען גאַנצע וואַגאָנען שטיין־קוילן. אין מח פאַרגלייכט ער די פאַבריק צו דער זעלבער אינדוסטריע, וועלכע ווערט באַשריבן אין די ענגלישע פאַך־זשורנאַלן פון אַמעריקע, ווי דאָרטן ווערט אַלץ ראַציאָנאַליזירט: דאַמף ווערט פאַרביטן מיט עלעק־טריע, עלעקטרישן שטראָם באַקומט מען פון הידראָולישע קרעפטן, קוילן ווערן פאַרביטן אויף פליסיקע ברען־שטאָפן, נאָכהער די „באַנד־סיס־טעם” אא״וו. נישט געקוקט אויף דער היפשער דאָזע וויסקי, וואָס האָט שטאַרק געהויבן זיין שטימונג און פאַרגיכערט דעם בלוט־לויף אין די אָדערן, האָט זיך פון די אַלע פיצלעך מחשבות צונויפגענומען אין מח אַ גאַנצער פּראָיעקט, ווי אַזוי צו העלפן דעם פאָטערלאַנד אין נויט. מיסטער מאָרטאָנס פּלאַן איז אַ גאַנץ איינפאַכער — ער וועט זייער נישפעלן ווערן אַפילו זיין מיסיס דזשעני: היות, ווי טאָגטעגלעך ווערן קראַנק אַ סך לאָקאָמאָטיוון, וואָס ווערן אָפּערירט אין די וואַרשטאַטן פון דער חיפער באַן־צענטראַלע דורך יידישע און אַראַבישע שלאָסערס, וועט מען די אַלע „חולאים” בעסער שיקן אין ענגלאַנד צו רעפּעראַטור. צו

וואָס דאָ האַלטן אַזאַ מחנה „נייטיווס" אין די בלאָקן פון באַן־וועריק־שטאָט? די „נייטיווס" וועלן זיך שוין אַן עצה געבן, באַזונדערס די שרייענדיקע יידן, וואָס זיין פרומע קאַטוילישע דזשעני קען זיי פאַר אירע אויגן נישט אָנקוקן... מען קען יעדן חודש שיקן 12־10 לאָקאָ־מאָטיוון אין ענגלאַנד און דערביי באַשעפטיקן אין דורכשניט זעכציק מאַן אַ חודש — אין דורכשניט 1640 אַרבעטס־טעג — אַ באַשיידענע הילף פון מיסטער מאַרטאַן צו זיין בריטישן פאָטערלאַנד. מאָרגן שוין וועט ער גיין צום הויפּט־לייטער און אים פאָרלייגן דעם גאַנצן פּראָיעקט. אָללרייט!

מיסטער ריטשאַרדזאָן, דער הויפּט־לייטער פון דער באַן, איז יענעם פרימאָרגן געזעסן שטאַרק פאַרנומען אין אויספילן דיפּלאָמען פאַר ניין מיטגלידער אין דער מאַסאָנען־לאָזשע פון „שוואַרצן אָקס", וואו ער, מיסטער ריטשאַרדזאָן, איז געווען אַן ערן־ברודער און אַ מייסטער צוזאַ־מען. ער האָט זיך אַביסל געאײַלט מיטן חתמענען די גרויסע בויגנס באַדרוקטע מיט גאָלדענע אותיות אין גאָטישן כתב, ווייל ער האָט נאָך געדאַרפט מאַכן דאָס קאַסע־בוך פון דער הכנסה פון די לעצטע „פערד־געיעגן" פון בריטישן קלוב, וואו ער, מיסטער ריטשאַרדזאָן, איז דער ערן־קאַסיר. ער האָט שטאַרק פאַרזאָגט זיין אוניפאָרמירטן משרת, אַז פון אַכט ביז האַלב ניין אַזייגער זאָל ער קיינעם נישט צולאָזן צו אים; ביי אויסנאַם־פאַלן זאָל ער פריער אָנמעלדן.

ווען מיסטער מאַרטאַן האָט געפאָדערט דעם אויסגעצויגענעם משרת פּאַרצולייגן זיין נאָמען דעם הויפּט־לייטער, האָט דער משרת הכנעהדיק געענטפערט, אַז דער כבוד פון הויפּט־לייטער איז איצט שטאַרק פאַרנומען ביז האַלב ניין אַזייגער און ער קען קיינעם נישט אָננעמען. נאָר דאָך וועט ער פּרובירן פאָרלייגן. אויף די שפּיץ־פינגער האָט זיך דער משרת צוגע־שלייכט צום הויפּט־לייטער, וועלכער איז שוין געזעסן איבער די חשבונות פון די „פערד־געיעגן", און שטיל פאָרגעלייגט דעם נאָמען פון מיסטער מאַרטאַן.

— „אַ־רדרוים!" — האָט דער הויפּט־לייטער אַ געשריי געטאָן צום משרת — „כ'האָב דאָך דיר עפּעס באַפוילן!"

— „אָבער אייער כבוד, דאָס איז דאָך אַ בריטישמען", האָט שולדיק געשטאַמלט דער משרות.

מיסטער מאַרטאַן האָט זיך זייער אַנטשולדיקט פאַרן הויפּט־לייטער, הלמאַי ער האָט אים אַזוי פרי געשטערט: „כ'האָב זיך מער נישט געקענט באַהערשן, אייער כבוד, און בין באַלד אין דער פרי געלאָפן צו אייך. כ'האָב אַ זעלטענעם פּלאַן, ווי אַזוי מיר זאָלן קענען עפּעס העלפן אונדזער טייער פאָטערלאַנד, אונדזער בריטאַניע אין גרוים נויט". און מיסטער מאַרטאַן

האָט אַרויסגעלייגט זיין גאַנצן פּלאַן. דער הויפּט־לייטער האָט אים אויפ־מערקזאַם אויסגעהערט, פאַרגעלייגט אַ פּייפ טאַבאַק און געזאָגט:

— ס׳איז נישט אַזוי איינפאַך, ליבער מאַרטאַן, ווי דו שטעלסט זיך פאָר. איך בין מיטן גאַנצן האַרצן פאַר דיין פּראָיעקט, אָבער מיר מוזן זיך פריער גוט אויסרעכענען, ווי אַזוי דאָס דורכצופירן, ווייל די „נייטיוום" וועלן מאַכן אַ רעש: היות ווי זיי זיינען עס די, וואָס געברויכן די באַן און ברענגען אַריין אַלע הכנסות, ווילן זיי, אַז די אַרבעט זאָל דווקא בלייבן דאָ הי. פאַרגעס אויך נישט, ליבער מאַרטאַן, אַז דאָ קאָסט די אַרבעט מיט 100 פּראָצענט ביליקער, ווי אין ענגלאַנד. און וואו איז טראַנספּאָרט? מיר מוזן גוט באַרעכענען, צי לוינט צוליב אַזאַ קליינער הילף אונדזער פאָטערלאַנד מאַכן אַ רעש, וואָס זאָל שטערן גרעסערע זאַכן פון אונדזער פּאָליטיק דאָ אין לאַנד? איך וועל זיך פאַרבינדן מיט דער פּאָליטישער לייטונג פון דער אַדמיניסטראַציע אין ירושלים און פאָר־לייגן דיין זייער סימפּאַטישן און פּאַטריאָטישן פּראָיעקט און אויסהערן זייער מיינונג; גוד ביי, מיסטער מאַרטאַן, גוט ביי!

---

אַ צייט פאַרן געזאַנג פון דער סירענע האָט בערל ברייט געשפּרייזט צו דער פאַבריק. ס׳איז געווען אַ סוף זומערדיקער באַגינען. די זון איז שוין געשטאַנען גאָר הויך, פונדעסטוועגן איז דער נאַכטיקער טוי נאָך נישט געווען אויסגעטריקנט. אין דער לופטן האָבן געצוויטשערט מחנות שפּערלען, שטיקער דיקע שפּינוועבס זיינען אַראָפּגעהאָנגען פון די טעלע־גראַף־דראָטן, ביי די גראָבנס פון וועג האָבן זיך געפּיטערט שוואַר־וואַניקע שעפּסן און אַ יונגער פּאַסטוך האָט געשפּילט אויפן פייפל אין סאַמען באַגינען. בערל האָט פונאַנדערגעשפּילעט זיין העמד און ברייט אַריינגע־אָטעמט די פרישע באַגינען־לופט. בערל האָט איבערגעלעבט עפּעס אַ מאָדנעם געפיל. ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום: די אָפּגעשניטענע פעלדער פון דער זייט, די צעוואָרפענע פּאַלמען, די שוואַר־וואַליקע שעפּסן און דאָס פייפל פון פּאַסטוך צוזאַמען מיט די מחנות שפּערלען — זינגען אים אין פּנים: גוט מאָרגן, טאַטע, אַ גוטן מאָרגן דיר בערל־טאַטע.

רבקה האָט געשריען אַ גאַנצע נאַכט אין שווערע ווייען. ער מיט ליבושן זיינען געלעגן אין שפּיטאָל אונטערן פענצטער, און ווי ס׳האָט נאָר אָנגעהויבן צו שפּראָצן אויפן טאָג, האָט רבקה אַרויסגעלאָזן אַ לאַנגן ווילדן געשריי, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גוואַלד פון אַן עפּהלע — ס׳האָט זיך אים בעת מעשה אויסגעדוכט, אַז דאָס האַרץ האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, נאָר ליבוש האָט אים אַ צופּ געטאָן. זיי האָבן זיך שטום אָנגעקוקט, שטום, אָן ווערטער אַרומגענומען און זיך צעקושט. אַ יינגל. „דריי קילאָ מיט דריי הונדערט גראַם, האָט אים די ווייסע

שוועסטער אריינגעלאכט אין פנים אריין, דער אמתער יאט״... נאכהער האט ער געזען רבקהן ליגן א בלאסע מיט טראפנס שוויים אויפן צעפלעקטן פנים. ער האט איר געקושט די קאלטע הענט און צוזאמען מיט לייבושן אוועק אהיים אויפן בארג.

„טאטע־בערל״, האט ס׳בלוט געזונגען און בערלען אנגעפילט מיט חדוה, מיט לעבנס־לוסט, מיט ענערגיע. ער האט געפאכעט מיט די הענט, אונטערגעלאפן, זיך ארומגעקוקט און געזען, אז קיינער גייט נישט, — האט ער אויסגעשריען און גענומעןווארפן אין דער לופטן און צוריקכאפן דעם קאשקעט מיטן ברויט, וואס ער האט מיט זיך געטראגן.

— טאטע־בערל, בערל טאטע.

די סירענע האט אפגעזונגען. בערל האט מיט אימפעט געשופלט די גרויסע שופלען קוילן און געווארפן אין די געהינומדיקע מיילער פון די קעסל־אויוונס, די ריזיקע מאן־רעדער האבן געפלאסקעט אין קרייז מיט די מעכטיקע רצועות, בוך, בוך, הוך־הוך — האט דער דאמף־קוימענדל ביים פענצטער געהוסט און געסאפעט, ס׳האבן געטאנצט און געשפרונגען די געפוצטע און געאיילטע פרוזשינעס, ווענטילן און פראפנס, ס׳האבן גע־זונגען און געצאפלט רעדער, רעדלעך און טראנסמיסיעס, בוך, בוך, הוך־הוך. די ערד האט געציטערט, די פארשטויבטע שויבן מיט די זייטיקע באלקאן־בלעכן האבן שטיל געזונגען צוזאמען מיט בערלס בלוטן, דארטן אונטן ביי די געהינומדיקע בויך קעסלען; בערל — טאטע, בערל א טאטע.

בערל האט א קוק געטאן אויפן אטמאספערן־זייגער ביי דער גלעזער־נער וואסער־רעדל, פארקלאפט מיט כח די אייזערנע טירן און פעסט צוגע־שרויפט די שרויפן, די לאפאטע א ווארף געטאן אויף די קוילן, גענומען א הויפן פאקעלעס און אוועק פוצן די מעשענע הענטלעך און קראנען. אברהם דער אויבער־מאשיניסט אין זיין בלויען אויסגעפוצטן קאמבינעזאן האט צוגערופן די ביידע באהעלפער זיינע, אראפגענומען די קליינע צינ־קענע ברילן און מיטן גראבן פינגער א וויז געטאן אויף בערלען: „קוקט אים אן, מאנארכעס, כ׳וואלט אייך שווערן, אז זיין רבקה אין שוין דאס״... חברה זיינען צוגעלאפן צו בערלען, ארויסגעריסן אים פון די הענט די פאקעלעס און גוט ברודעריש א טרייסל געטאן: א, בערל? נו, א יינגל... — טא וואס שוויגסטו, קנאקער? — אברהם, אברהם, זיי מוחל, קום נאר אהער! האט אברהם טיפער פאררוקט די ברילן אויף ז׳ער נאז און אויסגעשטרעקט בערלען זיין פופציק־יאריקע הארט־לעדערנע האנט, — נו, בערל, ס׳איז דאס א? ווען מיר, הייסט עס, דאס, יא, מאכן א קניאק, מזל־טוב, מזל־טוב, מירן אין אונט אריינגיין.

ביז מיטאג האבן אלע אין פאבריק געוואוסט, אז ביי בערל הייצער, ביי בערל דעם קאמיטעטשיק פון פאבריק איז געבוירן געווארן א זון. איינ־

ציקוויז האָבן זיך אַריינגעכאַפּט צענדליקער אויסגעשמירטע יונגען און געדריקט בערלען די האַנט: מזל־טוב, מזל־טוב. ווען די שעה האָט גע־זונגען צוועלף און אַלע זיינען געלאָפן מיט די קיישלעך עסן צו דער שאָטן־זייט פון גרויסן סקלאַד, איז בערל מיט זיי מיטגעלאָפן. חברה האָבן אים אונטערגעכאַפּט אין דער לופטן און עולם האָט געשטורעמט:

— בנין הארץ, נאָך אַ ייד אין א״י, אויף צעפּיקעניש מיסטער חיימ־סאָנען, לעגאַל אין לאַנד, אָן אַ וויזע — הורא, בערל...

בערל איז געווען צעמישט פון דער נישט געשלאָפענער נאַכט, נאַריש געשמייכלט און כסדר געדריקט האַנט נאָך האַנט. חברה האָבן אויף גיך צונויפגעקליבן אַ פולע היטל מיט פאַרשמירטע טאַריפעס און פעטע פּיאַס־טערס, דער שומר איז אַוועקגעלאָפן און געבראַכט צוויי האַלבע עמערדיקע בוטלען וויין מיט אַ טאָרבע מאַנדלען. מען האָט נישט באַוויזן אויפצו־קאָרקן די פלעשער, ווי די סירענע האָט גערופן צוריק צו דער אַרבעט. און שפּעטער האָט קאַלטענבאַך, דער דייטשער מאַשינען־לייטער פון פאַבריק, געזען אַ משונהדיקע זאַך, ווי אַ האַלב־מעטערדיקע פלאַש וויין איז געלאָפן פון סטאַנאָק צו סטאַנאָק, פון האַנט צו האַנט, פון מויל צו מויל... האָט ער מיט זיין שטעקן געקלאַפּט אין די גרויסע שרובטשאַקעס פון לאַנגן טיש און געשריען: „וואָס איז לאָז, די לויטע זינט הויטע פּאַררי‍קט, שטראַף ווירד מאַן צאַללען, מיט די בוטלען דרראַאוס", נאָכהער האָט אים דער שומר דערקלערט די סיבה פון דער הלולא, האָט ער געמורמלט: „אַך — זאָ, אָבער ביי דער אַרבעט, דאָס איז דאָך עמפּערלעך..." פונדעסט־וועגן איז ער אַוועק צו בערלען און אים דערלאַנגט זיין שווערע האַנט און פייערלעך געזאָגט: גראַטולירע!

אביסל אַנדערש איז געווען ביי לייבושן. דאָרטן האָט קוויטשיק גע־פּייפט די סירענע אין זעלבן באַגינען און דער פייף האָט יעדערן פון די הונדערטער אַרבעטער געצופּט די נערוון. לייבוש האָט קוים באַוויזן אַריינ־צוהענגען די מאַרקע, ווייל דער שומר האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרקלאַפּן די גרויסע שאַף. דער קאָפּ איז אים געווען שווער, די גלידער, ווי אָנגע־גאָסן מיט בליי. צענדליקער רעלסן האָבן זיך געצויגן אין די ברייטע שאָפּעס און איינע געשניטן דער צווייטער אין פאַרשיידענע ריכטונגען. די לופט איז פול געווען מיט געדיכטן רויך, וואָס האָט געקיצלט אין נאָז און פאַרלייגט דעם אָטעם. לאַנגע שורות אָנגעהייצטע לאָקאָמאָטיוון זיינען געשטאַנען, געסאָפּעט, געפּייפט, געקרעכצט און געהוקעט, מענטשן ווי מילבן האָבן באַלאַגערט די קראַנקע מאַשינען, מען האָט געקלאַפּט, גע־שרויפט, געפיילט און געפּוצט. לייבוש איז געווען דאָ באַשעפטיקט אַלס פּוצער. ער איז שוין געזעסן אין בויך פון אַן אויסגעלאָשענעם קעסל. אויף לאַנגע אייזנס האָט ער צוגעפּעסטיקט שמאַטעס מיט אייל און

געפוצט די צענדליקער רערן און עפענונגען. ער איז געזעסן צונויפגע־דרייט אין דרייען, פון איין זייט האָבן אים אין קאַרק אַריינגעטריפט קאַלטע טראָפּנס, פון דער צווייטער זייט הייסע, אָדער אַ קלעפּיקער טראָפּן אייל האָט אַ שפּיי געטאָן אים אין סאַמע פּנים אַריין. לייבוש איז גע־וואוינט געווען צו דעם. ער האָט זיך געגראַבלט אין פינצטערן איינגעווייד פון דער מאַשין און אויף אויסנווייניק געוואוסט יעדע עפענונג, יעדע שפּאַרע און פּאָר. ער האָט געאַרבעט מעכאַניש און זיך געפרייט, וואָס ער געפינט זיך דאָ אַליין, ווייט פון די בייזע אויגן פון אַלטן טערקישן פּאַרמאַן, וואָס איז אומעטום פול מיט זיינע גוואַלטן, זידלערייען און שטראָפן.

לייבושן איז היינט ביי דער אַרבעט מער, ווי אַן אַנדערש מאָל, גע־שוואומען פאַר די אויגן דער שאָטן פון זיין אַניוטען, וואָס האָט געהאַט אַ כח אַזויפיל וואָכן אים, לייבושן, נישט שרייבן איין אות. ס'האָט אים געערגערט און געקרענקט. ס'דוכט אים, אַז נאָר אַ געהיימער געפיל פון אייפערזוכט באַהערשט אים די לעצטע צייט: אַניוטע. אַניוטע האָט אים צופיל געשריבן פון דעם גימנאַזיע־לערער, וואָס טרעט פון איר נישט אָפּ. ער איז זייער אַ פריילעכער און אינטערעסאַנטער. זי האָט לייבושן תמיד געמוסערט, אַז זי וויל נישט ,ער זאָל אַזוי שווער אַרבעטן. ער געדענקט, ווי זי האָט זיך דעמאָלט מיט אירע צאַרטע הענט איינגעפלאָכטן אין אים און מיט ביטערע, שטילע טרערן זיך געבעטן:

— פאָר נישט, פאַרלאָז מיך נישט, איך קען נישט אַליין, אַזוי ווייט פאָרסטו, געדענק לייבוש.

לייבוש האָט איר אָבער בפירוש דערקלערט, אַז ווייטער קען ער נישט מער, ער קען נישט זיצן ביי זיין פאָטער, מענדע חייטן, אויפן קאַרק. ער האָט שוין אַ וועלט צעאַקערט. נישטאָ קיין אַרבעט אין שטאָט. נישטאָ, אפילו שוואַרצע אַרבעט איז נישטאָ.

לייבוש האָט לעצטנס געפילט, ווי דער פּאַפּירענער, בריוועגער בריק צווישן אים מיט אַניוטען רייסט זיך, ס'רייסט זיך דער בריק צוזאַמען מיט דער נשמה אין שווערע יסורים...

ווען אַ פייף האָט קורץ, אָפּגעריסן, גערופן צו דער פערטל־שעה פּריש־טיק, איז לייבוש אַרויסגעקראָכן פון פינצטערן קעסל. פאַר די אויגן האָט אים געמיניעט די שאַרפע טאָגיקע ליכט. פונווייטן האָט ער באַמערקט אַ צונויפלויף פון אַרבעטער ביי דעם מועצה־ברעט, איז ער אויך אַוועק און זיך שטיל איינגעהערט, ווי חבר חיים, דער סעקרעטאַר פון פאַריין, לייענט פאָר בקול רם, אַז „היות ווי די דירעקציע פון דער באַן מוז זיך רעכענען מיט דעם שווערן מצב פון דער באַן און מיט דעם פּראָיעקט פון דער רעגירונג צו פאַרקירצן אומעטום די שטאַטן און ראַציאָנאַליזירן די אַר־

בעט, ווערן פון ערשטן דעם צווייטן חודש אָפּגעזאָגט פון דער מאַשינען דעפּאַראַטור־אָפּטיילונג אַזויפיל און אַזויפיל מאַן: פון דער טאָקעריי און ניסעריי אַזויפיל און אַזויפיל און פינף מאַליאַרעס, בסך־הכל זעכציק מאַן אַרבעטער, צוואַנציק מייסטערס און פינף פּוצערס..." נאָכהער האָט מען עס פאַרגעלייענט אין אַראַבישן און אויסגערופן אַלע נעמען.

ווי אַ קלאַפּ אין קאָפּ האָט לייבוש דערפילט דעם נאָמען „לייב חייט", וואָס ווערט אַראָפּגעלייענט פון דער מעלדונג. אַלע זיינען שטיל, ווי נאָך אַ לויה, געגאַנגען צוריק צו דער אַרבעט און קיינער האָט נישט טועם געווען פון פרישטיק. חיים, דער סעקרעטאַר פון פאַריין, האָט זיך אויפגעשטעלט אויפן שטול פון די וואַרשטאַטן און אויסגערופן, אַז היינט זיבן אָוונט וועט אין קלוב פון פאַריין זיין אַן אסיפה און דאָרטן וועט מען באַטראַכטן, וואָס מען האָט צו טאָן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּלוצלינגער אָפּזאָגונג. ער, חיים, פאַרשטייט נישט די זאַך, ווייל ער זעט צענדליקער מאַשינען שטייען צו פאַרריכטן און מען קען פאַר קיין פאַל נישט פאַרטיק ווערן מיט דער אַרבעט.

אין קלוב פון די אייזנבאַנער, אין דער זייטיקער אַראַבישער גאַס, האָט העל געוואָרשט אַ „לוקס". חיים דער סעקרעטאַר האָט אַרומגערעדט די לאַגע. זיין שטים האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן רויש פון דעם „לוקס". חיים האָט גערעדט און אַ חבר האָט זאָץ פאַר זאָץ איבערגעזעצט פאַר די אַראַבישע אַרבעטער, וואָס זיינען בייגעווען די פאַרזאַמלונג. די פאַרביטערונג ביים עולם איז געווען גרויס און צענדליקער פון דער אסיפה האָבן שוין פאַרויסגעפילט דעם טעם פון אַרבעטסלאָזיקייט, פון הונגער. פאַר יעדערן פון זיי האָט געשוועבט דאָס זעלבע בילד, ווי דער הויזווירט קומט יעדן ערשטן, פאַרויס אָפּנעמען דירה־געלט, און דאָס געלט איז נישטאָ. הערט יעדער, ווי דער הויז־ווירט זאָגט גזלניש קאַלט: „האָסטו אַ ברירה צו זוכן אַ נייע דירה, קיין שידוך האָב מיר נישט געשלאָסן, קיין שוואָגערס זיינען מיר אויך נישט און קיין מושב זקנים איז ביי מיר אוודאי נישט..." אַנדערע האָבן געזען דעם פאַרפּעצטן קרעמער, ווי ער גיט מיט רוגזה אַ קלאַפּ־צו דעם לאַנגן דיקן בוך און זאָגט: „איך צאָל פאַר די קרנות און פאַר צוויי ישיבות, אויף קעסט ביי מיר קען איך אָבער קיינעם נישט האַלטן. פאַר מזומן פאַרקויף איך — אַן מזומן זוך דיר אַ פּאַסיקערע קלייט..."

די מילך־יידענע בעט זיך: „זי מוז דאָך יעדער חודש באַצאָלן פאַר די מילך און דריי קינדער שפּילן זיך ביי מיר אין הויף אָן דער מינדסטער השגחה, ווייל איך, די מאַמע, לויף אַרום מיט די קאַנען. קיין פאָטער האָבן זיי נישט, וואָס קען איך, ליבער מענטש, אייך העלפן? דער עיקר: כ'קען ריזיקירן מיט קרעדיטן נאָך צען טעג — וואָס וועט זיין שפּעטער?"

די פינצטערע מחשבות האָבן זיך געוועבט אין צענדליקער מוחות אַזוי לאַנג, ווי חיים, דער סעקרעטאַר, האָט איינטאָניק, נישט אויפהייבנ־דיק, נישט אָראָפּלאָזנדיק די שטים, גערעדט, גערעדט כסדר דאָס זעלבע: געדולד, חברים, סבלנות! וואָס קענען מיר זיך העלפן? מיר וועלן פּראָטעסטירן און שיקן אַ דעלעגאַציע צום הויפּט־לייטער פון באַן...

אָבער ווי נאָר וועלווקע דער „באַראַכאָוויסט" איז צוגעשפּרונגען צום טיש און אויסגערופן „חברים", איז שטיל געוואָרן, און די פינצטערע מחשבות, ווי זיי וואָלטן מיטן שטורעם פון וועלווקעס ווערטער־שטראָם פאַרטראָגן געוואָרן ערגעץ וואו ווייט פון דעם דושנעם פאַרזאַמלונגס־צימער.

וועלווקע האָט גערופן: „נישט נאָכלאָזן, נישט נאָכגעבן! שטאַר־קער, פעסטער דער ברודער־בונד מיט די אַראַבישע חברים, וואָס זיינען געקומען צו אונדז בשותפות אָנפירן אַן אַקציע. גייט נישט אויפן וועג פון דעלעגאַציעס און גאָרנישטדיקע פּראָטעסטן! די גערעכטיקייט איז מיט אונדז. מען וואַרפט אונדז אַרויס פון דער אַרבעט און אונדזער אַר־בעט שלעפּט מען איבער ווייטע ימים: צו זיך אין ענגלאַנד — מיר האָבן אונדזער אויסגעפּרואווטן מיטל: אַ ש ט ר יי ק! נישט די זעקס צענדליק מענטשן אַליין זאָלן דעם ערשטן פאַרלאָזן די אַרבעט, נאָר אַלע מיר, אַלי די פופצן הונדערט אַרבעטער פון די ווערקשטאַטן, און ווייזן דער פאַרוואַלטונג, אַז מיר זיינען נישט הפקר..."

האָט זיך צום וואָרט פאַרשריבן אַן עלטערער פאָרמאַן און זיך געבייזערט אויף וועלווקען: „סטייטש, אַזעלכע דיבורים! אומפאַראַנטוואָרטלע־כע רייד זיינען עס! מיר, זאָגט דער פאָרמאַן, מוזן נאָך גיין מיטן געזעצ־לעכן וועג פון אונטערהאַנדלונגען און בוררות, מיר וועלן פאָדערן אַ בור־רים־קאָמיסיע"... נחום אחדותניק האָט געטענהט: „מיר טאָרן נישט איינ־רייסן מיט דער רעגירונג און גלייך אַרויסווייזן אונדזערע שאַרפסטע מיט־לען. פאַרגעסט נישט, אַז די רעגירונג אין א"י איז נישט דאָס, וואָס אין גלות. מיר מוזן בויגן דעם קאָפּ, ווייל ס'קען שטערן צו באַקומען נייע סער־טיפיקאַטן, ס'קען שטערן דער עליה; די פּקידים וועלן טענהן, אַז ס'איז באָלשעוויזם... לאָמיר זיך ווענדן צו די העכסטע אינסטאַנצן פון דער אַל־געמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע".

אַן אַראַבישער אַרבעטער האָט זיך ביטער פאַרקלאָגט פאַר די יידי־שע אַרבעטער אויף זיין לאַגע: „זעט, זאָגט ער, איר רופט אונדז חברים, און תיכף, ווי מען וואַרפט אייך אַרויס פון דער אַרבעט, זאָרגט אייער אַר־בעטס־בירזשע פאַר אייך, און די קראַנקן־קאַסע גיט אייך און אייערע פאַ־מיליעס הילף. איך, דער זעלבער אייזנבאַנער, ווי איר, פאַרליר די אַרבעט — בלייב איך שוין אין גאַס מיט מיין משפּחה, אָן מעדיצינישע הילף און אָן קיינעמס דאגה, ווייל כ'ווער אויס חבר פון דער אָרגאַניזאַציע"...

ס'האָבן נאָך גערעדט אַ סך, ס'האָבן נישט געפעלט קיין געשרייען און גוואַלטן. לייבוש איז געזעסן אין ווינקל ביים פענצטער, צוגעדריקט צום וואַנט. די ערשטע רעדעס האָט ער נאָך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און צוגעשאָקלט אינסטינקטיוו מיטן קאָפּ אויף דאָס, וואָס איז אים געפעלן געוועזן. לייבוש איז געווען איינער פון דער ריזיקער אַנאָנימער אומפּאַרטייאישער מאַסע, וואָס איז געשוואומען מיטן שטראָם. אָן אַ ריכטונג און אָן אַ תכלית. אים האָבן זיך פון דאָזיקן כאַאָס אַריינגעדראָלבעט אין מח די רייד פון יענעם רעדנער, וואָס האָט געזאָגט: „פּאַרלירט נישט חברים, דעם מוט — דאָס לאַנד בויט זיך איצט, אַרבעט פעלט נישט אַנדערשוואו אויך. מיר האָבן ביז איצט געלעבט אָן דער באַן, וועלן מיר ווייטער אויך לעבן"...

יאָ, יאָ האָט געפּיקט לייבושן אין מח, מיר וועלן לעבן, לעבן, לעבן און לעבן — און דאָס איז גוט. יונג איז לייבוש געווען. סך־הכל אַ פּאָר יאָר אין וואַרשטאַט, און דאָס — כסדר אין פינצטערן איינגעווייד פון די קעסלען. האָט אים דער באַגריף „לעבן" אַרויסגעשלעפּט פון גרויסן האַמעטנעם כאַאָס פון דער אסיפה און אַריינגעזונקען אין מידן, נישט אויסגעשלאָפענעם מח. ער וועט לעבן און אַניוטע וועט קומען און עס וועט זיין גוט. אָבער — איז אים ווידער טריב געוואָרן — אַזויפיל וואָכן אָן אַן אות, אָן אַ וואָרט פון איר. דאָ איז ער אינגאַנצן אוועקגעפלויגן מיטן דמיון פון דער אסיפה ווייט, גאָר ווייט פון דאַנען און ער האָט אַרויסגעקוקט פון אונטער אַ דיקן טאָפּאָל אַרויס, ווי אַניוטע שפּאַצירט אַרום מיטן אויסגעפּוצטן גימנאַזיע־לערער. אַניוטע לאַכט הילכיק... עס איז אים געוואָרן ענג און דושנע, דאָס בלוט האָט געשלאָגן אין די אָדערן מיט כוח, אַז ער האָט געהערט, ווי זיין אייגן האַרץ קלאַפּט אים טיק, טיק, טיק... מיטן צעהיצטן מענטשן־שטראָם איז לייבוש אוועק פון דער אסיפה, נישט וויסנדיק אפילו מיט וואָס די זאַך האָט זיך געענדיקט, ווייל ער איז שוין לאַנג דאָ נישט געווען, ער איז געזעסן אונטערן דיקן טאָפּאָל פון אַלטן פּאַרק אין דער היימישער ליטווישער שטאָט...

---

צוזאַמען מיטן קינד האָט רבקה אַריינגעבראַכט אַ נייעם שטראָם לעבן אין דער שטילער היים, אַ נייעם בינטל דאגות. די פרייד פון פאָטערשאַפט און מוטערשאַפט האָט אַלץ אוועקגערוקט אין הינטערגרונט. די געשטיגענע הוצאה, די נישט־באַצאָלטע וועקסלען פאַרן באָדן, די אומעטיקע בריוו פון דער היים און די זאָרג פון יונגערן ברודער, לייבוש, וואָס האָט נישט געקענט שלום־מאַכן מיטן פאַקט, אַז ער איז געבליבן אָן אַרבעט. לעת עתה האָבן אַלע דריי: רבקה, בערל און לייבוש, געהאַט איין זאָרג פאַר די אויגן: דאָס קינד, דער קליינער עמוס, ווי זיי האָבן

אים אַ נאָמען געגעבן. אַ פריער האָבן ביידע ברידער די פרייע צייט זייערע אָפּגעגעבן צו ברענגען אין אָרדענונג דעם צריף, פאַרקלאַפּן די שפּאַרעם אין די אויסגעטריקנטע ברעטער, פאַרריכטן דעם דאַך, פון וועלכן דער ווינט האָט געריסן שטיקער. רבקה האָט נישט גערוט דעם גאַנצן טאָג קיין איין מינוט, געזאָרגט פאַר דער ווירטשאַפט, צוגעגרייט עסן פאַר די מענער, געקאָרמעט דאָס קינד און געוואַשן וועש... רבקה האָט שוין מער קיין צייט נישט געהאַט אַריינצובליקן אין אַ צייטונג, לייענען אַ בוך, אָדער גיין כאַפּן אַ שמועס מיט די שכנטעס, ווי פריער. עס האָט זיך איר, דער יונגער מוטער, אויסגעדוכט, אַז אַלץ, וואָס זי טוט פאַרן קינד, איז צו ווייניק. אין דער שווערער מי פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט ליגט נאָך נישט דער פולער אויסדרוק פון דער מוטערשאַפט, פון דער מוטערלעכער ליבע, וואָס איז פול געלעגן אָנגקליבן, אָנגעקוואָלן אין הארצן פון לאַנגע, לאַנגע צייטן. וויפל מאָל זי פלעגט זיצן און זויגן דאָס קינד, פלעגן איר רינען טרערן פון די אויגן, זי האָט אַליין נישט־געוואוסט, פאַרווען און פאַרוואָס. תמיד האָט זיך רבקה אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, אַז זי וועט נישט קאָנען איר גאַנץ לעבן אָפּגעבן אַרום אַ קינד, משטיינסגעזאָגט: אַ לעבן פון וואַשן און קאָכן, פון צוואָגן און האָדעווען, פון זויגן און דאגהן; זי וועט דאָס קינד גלייך אָפּגעבן אין זויגלונגס־היים און זי וועט ווייטער גיין אַרבעטן האַלבע טעג, ווי פריער־גאַנץ אַנדערש האָט זי איצט געקלערט, ווען דאָס קינד פלעגט רואיק אָטעמען אין ווייסן בעטעלע און שמייכלען פון שלאָף. צי דען וועט גאָר אָן אַ יעדער האַנט, אַ פרעמדע האַנט, אַזוי קענען אויפן קינד אויפפּאַסן?...
ס'האָבן אין רבקהן געקעמפט פאַרבאָרגענע קעגנזעצלעכע קרעפטן, וואָס זי האָט אַליין נישט געקענט פאַרשטיין, פון וואַנען זיי קומען: דאָס אינסטינקטיווע מוטער־געפיל, דער קאַלטער שכל און די טיפע שטרעבונג אַנדערש צו לעבן, ווי די מאַמע אירע, ווי די באָבע און עלטער־באָבע. זיינען די טרערן אָפט גערונען אָן אַ פאַרוואָס.

ביז דאָס קינד פלעגט אַ געשריי טאָן, פלעגן זיך באַלד אויפמאַכן אַלע קוואַלן פון דער מוטערלעכקייט און ווידער האָט רבקה גאָרנישט געזען אַ חוץ דעם קינד...

אַנדערש איז געווען מיט בערלען די ווייטערדיקע וואָכן פון זיין פּאָטערשאַפט. ער האָט געהאַט טענות צו זיך אַליין און עס האָט אים פאַרדראָסן אויף זיך אַליין. ער האָט גאָרנישט געפילט. אָבער ווען ער איז נאָר אַריבערגעטרעטן די שוועל פון שטוב, האָט ער איצט געוואוסט נאָר מיטן איינפּאַכן פאַרשטאַנד, אַז ער, בערל, איז אַ טאַטע. דער געזאַנג פון די ערשטע טעג, ווען רבקה איז נאָך געווען אין שפּיטאָל, איז אויך פאַרשוואונדן. די פאַרערגערטע לאַגע האָט אים פאַרביטערט די פרייד: דער ברודער איז אַרבעטסלאָז, די הוצאה איז געשטיגן און נאָך

א קלאַנג האָט זיך געטראָגן אין דער פאַבריק, וואָס האָט אים פאַרשטערט זיין שמחה: די דאַמף־מאַשינען וועט מען מבטל מאַכן. ער זעט, ווי דער וועג צו זיין פאַבריק איז לעצטנס דורך א קבוצה אַרבעטער צעגראָבן געוואָרן אין א ווייטן שמאָלן קאַנאַל. א ריזיקער הילצערנער ראָד דרייט בהדרגהדיק איבער דעם קאַנאַל און לייגט אַריין דאָרטן א דיקן קאַבעל. די גאַנצע באַוועגונג אין דער פאַבריק וועט איבערגעפירט ווערן פון דאַמף אויף עלעקטריע. מען וועט נאָך אַריינשטעלן איין גרויסן דיזעל, אַלס רעזערוו־מאַשין — און אוים דאַמף־קעסל, אוים הייצער. ער פלעגט די קלאַנגען נישט דערציילן אינדערהיים. אָבער אַלע האָבן דערפון גע־רעדט הויך אין דער פאַבריק, און בערל האָט מורא געהאַט פאַר אָפּזאָ־גונגען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פאַר אים, פאַר בערלען — וועט מען געפינען אַן אַנדער אַרבעט. אָבער גיי גלויב דער פאַרוואַלטונג פון פאַבריק.

ס'איז פאָרגעקומען א זיצונג פון פאַבריקס־קאָמיטעט. בערל האָט געפאָדערט אַרויפשטעלן אויפן סדר־היום די פראַגע וועגן דער עלעקטרי־פיקאַציע פון דער פאַבריק און זאָל מען איינמאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר מאַכן, צי ס'וועלן זיין אָפּזאָגונגען, צי נישט. די איבעריקע מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבן פאָרגעוואָרפן בערלען פאַסיווקייט: שוין לאַנגע חדשים, ווי בערל האָט זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט דער אַר־בעט פון קאָמיטעט, זיי קענען אים אינפאָרמירן, אַז בנוגע דער עלעקט־טריפיקאַציע האָבן זיי שוין אינטערווענירט אין דער דירעקציע און מען האָט זיי געזאָגט, אַז יאָ, ס'איז אמת, אָבער פון קיין אָפּזאָגונגען קאָן קיין רייד נישט זיין, ווייל מען בויט צו נאָך א בלאָק. מען וועט פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, וואָס פאַרנעמט אַלץ מער דעם היגן מאַרק. די אַרבעטער פון דער דאַמף־אָפּטיילונג וועלן איבערגעפירט ווערן אין דעם נייעם בלאָק. מען וועט צונעמען נייע אַרבעטער. ס'איז געבליבן נישט געלייזט דאָס פּראָבלעם פון קוואַליפיקאַציע. ס'קען אויסקומען אייניקע שלאָסערס און אויך בערלען איבערצופירן צו א אַנדער אַרבעט.

אויף דער זיצונג האָבן צוויי דעלעגאַטן פאָרגעלייגט אַרויסרופן די פאָדערונג פון א הוספה. בערל איז מיט זיי געווען מסכים. די איבערי־קע דעלעגאַטן פון פאַבריקס־קאָמיטעט זיינען אויך מסכים געווען, נאָר זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף איצט נישט אַריינגיין אין סיכסוכים מיט דער דירעקציע. מען מוז מיטהעלפן דער אַנטוויקלונג פון דער פאַ־בריק, ווייל אויסהעלפן דער היגער פּראָדוקציע קאָנקורירן מיט דער פרעמדער איז א נאַציאָנאַלע אויפגאַבע פאַר די אַרבעטער. די צוויי דע־לעגאַטן האָבן פּראָטעסטירט און פאָרט באַשטאַנען אויף דער פאָדערונג פון א הוספה; זיי האָבן געטענהט, אַז די קאָנקורענץ דאַרף פאַלן אויף די אַקציאָנערן און נישט אויף די אַרבעטער. האָבן ווידער די איבערי־

קע געשטימט קעגן: מען טאָר איצט נישט איינרייסן מיט די יידן, וואָס ברענגען קאַפּיטאַלן אין לאַנד, מען טאָר זיי נישט אָפּשרעקן.

ווען בערלען איז קלאָר געוואָרן זיין לאַגע ביי דער אַרבעט, איז ער אַוועק אין אַ געהויבענער שטימונג. הונדערטער פּלענער האָבן זיך געדרייט אין זיין מח. דער וויכטיקסטער פּלאַן איז געווען אויסצוזוכן אַ נייעם אַרבעטס־פּלאַץ מיט אַ העכערן לוין. ער האָט געקלערט וועגן צוריקגיין אַרבעטן אויף אַ פּרעס־ראָלער פון שאָסייען, באַזונדערס איצט, ווען מען בויט אַזויפיל כבישים. אים וועט לייכט זיין צו באַקומען אַר־בעט אויף אַ פּרעס־ראָלער, וואָס וועט דאַרפן אַרבעטן אויפן באַרג ביים בוי פון כביש „נוה שלום". אין אָט דער געהויבענער שטימונג איז ער אַריינגעפאַלן אין שטוב.

אין שטוב האָט ער געטראָפן רבקהן מיטן קינד. ער האָט איר בקי־צור דערציילט וועגן זיינע נייע פּלענער, יום־טובדיק געשטימט האָט ער זי פריידיק אויפגעהויבן צוזאמען מיטן קינד, אַרומגעלאָפן אַזוי אַרום די ווענט פון צימערל און געשטיפט ווי אַ חדר־ייִנגל. רבקה האָט זיך מכלומרשט געוועהרט, און אין האַרצן געווען איבערפולט מיט צופרידנ־קייט. בערל האָט נישט געוואוסט, וואָס פריער צו טאָן — האָט ער אָנ־געגאָסן אַ פולע פאַס וואַסער, פאַרקאַשערט די אַרבל און אויסגעוואַשן דאָס געפעס פון מיטאָג, אַרויס אין דרויסן, און מיט אַ קירקע גענומען אויפרייסן אַ ניי שטיק בתולה־ערד, אַ נייעם בייט צו פאַרזייען. עס האָט אויף אים היינט נישט געווירקט דער גאַנצער טאָג שאָפלען שטיין־קוילן ביים גליענדיקן אויוון, דער גאַנצער טאָג אַרומלויפן אַרום די מאַשינען — ער איז פול געווען מיט קראַפט און ענערגיע און געזוכט עס אויס־צולאָדן אין דעם שטיקל פאַרשטיינערטער ערד.

---

דער שאָסיי אין „נוה שלום" איז געווען אַ באַשלאָסענע זאַך. נאָך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון אַלע איינוואוינער פון קוואַרטאַל איז זיך צונויפגעקומען דער קאָמיטעט אויסאַרבעטן די סקאַלע פון ספּעציעלן וועג־שטייגער, ווייל 50 פּראָצענט פון דער הוצאה אויף דעם וועג האָט געמוזט דעקן דער קוואַרטאַל אַליין. אין קאָמיטעט האָבן געקעמפט צוויי צדדים: די באַלעבאַטים פון די הייזער און די פּאָר אַרבעטער פאַר־שטייער, וואָס האָבן געהאַט בלויז ערד, נאָך נישט קיין אויסגעצאָלטע, און צריפים. די אַרבעטער האָבן געפאָדערט, אַז די גרויס פון שטייער זאָל זיין פּראָפּאָרציאָנעל צום פאַרמעגן פון דעם גרונטבאַזיצער, די באַלע־באַטים האָבן געפאָדערט, להיפוך, אַז דער שטייער זאָל פאַלן נאָר פּראָ־פּאָרציאָנעל צו יעדערנס ערד־באַזיץ. אויסגעפירט האָבן די באַלעבאַטים, ווייל זיי זיינען געווען די מערהייט. דער „ועד" פון קוואַרטאַל האָט גע־

האָט נאָך אומדירעקטע הכנסות, באַזונדערס פון וואַסער. זיי האָבן געוואָלט זיין אומאָפּהענגיק פון אַלגעמיינעם שטאָט־ראַט, דעריבער האָבן זיי נישט געפּאָדערט אַפילו דאָס, וואָס עס קומט דעם קוואַרטאַל, ווי בויען און פאַרריכטן וועגן, באַלייכטונג, סאַניטאַריע וכדומה. די באַלעבאַטים אינעם ועד האָבן אין ברונעם געפונען נישט נאָר אַ קוואַל פון וואַסער, נאָר אויך אַ קוואַל פון אומדירעקטע שטייערן. זיי האָבן געשטעלט אַזאַ פּרייז אויף יעדר קוב־מעטער וואַסער, וואָס האָט באַטראָפן 400 פּראָצענט מער פון דעם אייגנטלעכן קאָסט פון וואַסער. מיט די געלטער האָט מען געטאָן, וואָס מען האָט געוואָלט. די איינוואוינער האָבן געמורמלט, זיך געבייזערט, אָבער זיי האָבן גאָרנישט אויסגעפירט. האָט זיך עמיצער קעגנגעשטעלט און נישט געוואָלט צאָלן דעם פּרייז — האָט מען אים אָפּגעהאַקט די וואַסער־רער...

ביי בערלען האָבן זיך צונויפגעקליבן מער ווי צוויי צענדליק אַרבטער, וואָס זיינען די ערשטע אַרויף אויפן באַרג און ביז היינט נאָך נישט באַוויזן אויסצוצאָלן דעם באַטרעף פון באָדן. אַלע האָבן גערעדט און געפּאָדערט, מען זאָל זיך נישט אונטערוואַרפן דעם באַשלוס פון ועד וועגן באַשטייערן זיך מיט נייע צענדליקער פונט, דורך פאַראויס אַרויסגעגעבענע וועקסלען. ביי דער מיינונג זיינען געווען אַלע דורכויס, זיי האָבן נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון די צאָלונגען: שטאָט־ראַט־שטייערן, ווערק־שטייער דער רעגירונג, ספּעציעלע שטייערן דעם ועד פון קוואַרטאַל, חוץ אומדירעקטע אָפּצאָלונגען פאַרן וואַסער. עס האָבן זעך געהערט טענות וועגן פאַרלאָזן דעם קוואַרטאַל און זיך צוריקקערן צו די געדונגענע דירות. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז נישט זיי האַלטן דעם באָדן, נאָר דער באָדן האַלט זיי...

מען איז צוגעטראָטן אונטערצושרייבן אַ סאָלידאַרן מעמאָריאַל, אַז אַלע פאַרפליכטן זיך נישט צו צאָלן דעם שטייער — נאָר אָט נעמט אַ וואָרט רבקה און פרעגט: און אַז מען וועט אונדז אָפּהאַקן די וואַסער־רער — וואָס וועלן מיר טאָן? זיינען די הענט אַראָפּגעפאַלן, און דאָס פּאַפּיר האָט זיך סתם געוואַלגערט אויפן טיש. ביז איינעם איז איינגעפאַלן, אַז מען וועט זיך צונויפליינען צו שילינגס, און זאָל בערל, אין נאָמען פון אַלעמען, פּרייטיק פאָרן קיין תל־אביב, צו דער צענטראַלע פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, שואל עצה זיין זיך און סתם בעטן הילף. דער פּלאַן איז אַלעמען געפעלן געוואָרן.

# אין תל־אביב

זעקס יאָר צייט איז בערל נישט געווען אין תל־אביב. ער געדענקט יענע תל־אביב פון עטלעכע גאַסן און בערג זאַמד אַרום און אַרום. איצט דרייט זיך בערל אַרום אין דער בלענדנדיק ווייסער שטאָט מיט אַ פאַר־ריסענעם קאָפּ, און קאָן זיך נישט אָריענטירן, ווי אַרויסצוקריכן פון לאַבירינט גאַסן. די פיס האָבן אים פאַרטראָגן אין אַן אַלט באַקאַנט אָרט, אין דער „ראָטשילד־אַלייע". עס האָט אים אַ צאַפּל־געטאָן דאָס האַרץ: דאָ זיינען איצט הויכע פעפער־ביימער געוואַקסן, דיקע פּאַלמעס, לאַנגע בלומען־בייטן, און פון ביידע זייטן אַ מוזעאום פון פּאַלאַצלעך פון צענדליקער סטילן און געשמאַקן. דעמאָלט זיינען נאָך די ביימער געווען קליינע און וואו די בלומען — זאַמד, וואו די הייזער — זאַמד, וואו די טראָטוארן — זאַמד... איצט הילכט די אַלייע פון צענדליקער ווענגע־לעך, מוטערס און קינדער, וואָס באָדן זיך אין זון און אין ליכט.

דאָ האָט בערל געפונען דעם וועג. ער איז אַוועק אַרויפצו דער אַלייע און אַריינגעפאַלן אין אַ האַנדלס־געסל, אין דער הערצל־גאַס. די גאַס האָט געווימלט פון מענטשן, וואָס זיינען געלאָפן הין און צוריק, צענד־ליקער אויטאָמאָבילן האָבן געשניטן די לופט מיט אַ קלאַפּעריי און קאַ־קאָפאָניע פון סיגנאַלן. אַט שניידט דורך די באַן מיט אַ שטורעם די סאַמע האַרץ פון גאַס. דער טויער איז פאַרשלאָסן, דער אַלטער יידישער באַן־וועכטער מיטן גרויען בערדל, מיט די בייזע אויגן, טראָגט אַן אור־ניפאָרם, מעשענע קנעפּלעך, אַ היטל מיט אַ משונהדיק ברייטן דאַשיק. ער קריגט זיך מיט אַ חברה יינגלעך, זיי ווילן זיך דורככאַפּן אונטערן שלאַגבוים, איידער ער האָט אים געעפנט; בערל איז שוין אויף יענער זייט שלאַגבוים, ער שטייט מיט פאַררייסענע אויגן און ווייס ווייטער נישט דעם וועג. די פרייע פּלעצער פון אַמאָל מיט די ריזיקע קיקאַמאָ־רעס, וואָס פלעגן זיך שפּרייטן אין דער סביבה, זיינען צעשניטן אין

גאסן, פול מיט גערויש. געווען דאָ אַמאָל אַ גרויסער מאַראַנצן־גאָרטן — וואו איז ער? וואו זיינען די פּאַלמעס? ער געדענקט, ווי אין לייי־דיקן פעלד ממש האָט מען גענומען גיסן פון אייזנבעטאָן די עלעקטרי־שע סטאַנציע. נישט ווייט דאָ האָט ער געוואוינט מיט אַ חבר אין אַ לייוונט־ביידל. דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען רבקהן... ער גע־דענקט, ווי זי, רבקה, איז געקומען צום חבר, אין אַ שוואַרץ קליידל און אַ ווייסער בלוזקע, מיט סאַנדאַלן אויף באָרוועסע פיס, אַ קאָפּ געקרייזטע שמעקעדיקע האָר, בלויע אויגן און אַ לענגלעך פּנים. — בערלען האָט שטאַרק גענומען קלאַפּן ס'האַרץ, פּונקט ווי אַמאָל. ער איז געגאַנגען זוכן דאָס אָרט פונעם אַמאָליקן ביידל, געפונען סמנים פון די אַמאָליקע ביימער. אינסטינקטיוו האָבן זיינע חושים אויפגענומען דאָס טוקן פון אַ דאַמף־רער: טוק ־טוק, טוק־טוק. בערל האָט דערזען אַ גרויסן בנין מיט פאַרשטויבטע פענצטער־שייבלעך פון אַ פאַבריק. די פאַבריק האָט געזונגען, די מאַשינען, די רער, אַלץ אַרום — האָט געזונגען...

דעם גאַנצן וועג קיין תל־אביב האָט זיך בערל געגרייט צו דעם גע־שפרעך, וואָס ער וועט האָבן מיט די מענטשן פון דעם צענטראַל־קאָמי־טעט פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. ער וועט זיי דערציילן פון די ליידן און פּיין, וואָס די אַרבעטער שטייען זיך אויס דאָרטן, אויפן „רויטן כרמל", אין דער פאַבריק, וועגן דער נאַציאָנאַלער חברה, וואָס האָט זיי איינגערעדט אַרויפצוגיין אויפן באָדן, וועגן דעם ביטערן עול פון וועקס־לען, שטייערן, און וועגן די לעצטע אסיפות פון ועד און פון די חברים פון קוואַרטאַל. בערל האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי מען וועט אים גלייך אויפנעמען, דעם חבר פון דער ווייטער פרעמד, וואָס האָט בס"ה 2 טעג אורלויב, ווי מען וועט אים אַן עצה־געבן און צוזאָגן הילף, ווי מען וועט די אַלע ענינים תיכף באַשרייבן אין דער צייטונג פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

בערל איז געקומען אין דעם גרויסן הויז, וואו עס האָבן זיך געפו־נען די ביוראָען פון צענטראַל־קאָמיטעט. ווי נאָר ער האָט באַטראָכטן דעם שוועל פון סעקרעטאַריאַט און דערזען אויף דער לאַנגער הילצערנער באַנק דעם עולם אַרבעטער מיט טעקעס, אָדער רוקן־זעקלעך, האָט ער זיך דערפילט נישט גוט; ס'איז נישט ער, בערל, דער פאָרשטייער פון „רויטן כרמל", דער ועדניק און הייצער פון דער גרויסער פאַבריק. בערל האָט זיך פּלוצים דערפילט פאַרלאָרן, עלנט ווי אַ שטויבעלע... שעהן האָט ער אָפּגעוואַרט, ביז מען האָט אים אויפגענומען. דער סעקרעטאַר איז געווען זייער נערוועז, אויף 20 ווערטער געענטפערט מיט איינעם, גע־קוקט אויפן זייגער. עס האָט זיך די שעה געדרוקט אין אָוונט אַריין, און ער, דער סעקרעטאַר, האָט היינט אַ בילעט צו דער פּרעמיערע פון דער „הבימה". בערל שטייט פאַרן טיש, רעדט און רעדט, פאַרביטערט, מיט

א שטילן קול. מיטאמאָל הויבט זיך אויף דער סעקרעטאַר, שלאָגט אים איבער די רייד און הייסט אים קומען מאָרגן.

סיי ווי ווען ער, דער סעקרעטאַר, אַליין נישט קענען געבן אים א תשובה. בערל האָט פּרובירט דערקלערן, אַז ער קומט פון ווייטן, אַז ער האָט בלויז צוויי טעג אורלויב, אַז ער מוז בכן באַקומען דרינגנד א תשובה. האָט אים דער סעקרעטאַר אָנגעקוקט בייז און געענטפערט, אַז ער, בערל, איז ביי אים נישט קיין בן־יחיד, פון „ווייטן"; א סך אַזעלכע, ווי ער, קומען טאָג־טעגלעך, און אַלע מוזן וואַרטן...

בערל האָט זיך פּלוצים אַרומגעזען, אַז ער שטייט איינער אַליין אין צימער; דער סעקרעטאַר איז שוין נישטאָ. האָט זיך ביי אים אַרויס־געכאַפּט א שטאַרק זידל־וואָרט אין דער היימישער שפּראַך און ער איז אַרויס אין גאַס.

די שטאָט האָט זיך געבאָדן אין עלעקטריש ליכט, די גאַסן זיינען פול געווען מיט מענטשן, די געשעפטן, די גרויסע רעסטאָראַנען און קאַ־פעען באַלאַגערט פון באַזוכער, ווי אַזוי און ווען האָט זיך עס צעוואַקסן אַזא שטאָט? בערל האָט פאַרגעסן זיין פאַרביטערונג פון דעם געשפּרעך מיטן סעקרעטאַר, און ער איז אַוועק מיטן מענטשן־שטראָם דורך דער „נחלת־בנימין"־גאַס צו דער אַלענבי. די אַלענבי־גאַס האָט צעשפּרייט אי־רע אָרעמס פוןביידע זייטן „נחלת־בנימין" — און אַריינגעשלונגען די מאַסן פוסגייער, אויטאָמאָבילן, דראָזשקעס און וועלאָסיפּעדן. דער ווינקל אַלענבי וואָס האָט זיך צעצווייגט אין 5 צווייגן, האָט גערוישט ווי א בינ־שטאָק, דאָרטן איז געווען געדיכט פון ווייסהעמדלדיקע אַרבעטער און אַרבעטערקעס, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אויף די טראָטואַרן. ס'האָבן געהילכט כאָר־געזאַנגען, א האַרמאָשקע האָט געשפּילט. ס'האָבן זיך גע־פירט פייערדיקע פּאַרטיי־דיסקוסיעס. דאָ האָבן זיך געשאַפן און פאַנאַנ־דערגעפאַלן אַרבעטער אַרטעלן, דאָ האָט מען געזוכט און געפונען אַרבעטס־פּלעצער. די פראַנטן פון די גאַזאַז־קיאָסקן זיינען געווען באַלאַגערט פון ווייסהעמדלדיקע בחורים און מיידלעך — ווי בינען אַרום בינשטאָקן. דער יידישער פּאָליציאַנט מיטן ברייטן דאַשיק האָט קוים א וועג דורכגעשניטן פאַרן שטראָם אויטאָמאָבילן, אָן א זייט האָט מען מיט א קינאָ־אַפּאַראַט געוויזן רעקלאַמעס אין דער „כרמל גאַס" אַריין. ס'האָט געווימלט פון צענדליקער קינדער, מיטליאַריקע תימנער, ספרדים און סתם נייגעריקע האָבן זיך געשלאָגן און געקעמפט פאַר א „גוטן פּלאַץ" אויפן אויפגערי־סענעם בעטאָן פון מיטן גאַס...

ס'הילכט א יונגער פייערדיקער געזאַנג, ס'גייען שורות, שורות מיט פאַרפלאָכטענע הענט, פאַרלייגט איבער אַקסל און רוקן. אַרבעטער יוגנט־לעכע גייען צום ים, אַראָפּ דער אַלענבי גאַס, שליסן זיך אָן צו זיי נאָך צענדליקער חברה. און בערל ווערט מיטגעריסן מיטן שטראָם.

אויפן גרויסן גערוימען אָפּערע־פּלאַץ איז ווידער פול. אויפן באַל־קאָן פון דעם נייעם אָפּערע־בנין שפּילט מוזיק, און אונטן אין גאַס טאַנצן הונדערטער פּאָרן. האָבן די פאַרפלאָכטענע שורות „יוגנט" זיך אַריינגע־ריסן אין טאַנצנדיקן עולם, און גלייך זיינען אויסגעוואַקסן רעדער פון געפלאָכטענע הענט. אַ טופּען פון 3־4 צענדליק פיס, און דער ראָד פלאַ־טערט, דרייט זיך אינעם גרויסן ראָד אַ קלענערער רעדל, אָט דרייען זיך נאָך עטלעכע רעדער. האָט מען פאַרוואָרפן צוויי הענט בערלען אויף די אַקסלען און זיינע הענט האָבן זיך פאַרפלאָכטן אין זיי. ס'איז אַוועק גאָר ווי אין אַמאָליקע ציטן, ווען דאָ אויפן פּלאַץ פון דער אָפּערע זיינען גע־שטאַנען לייוונטענע ביידלעך, און אַרום האָבן שאַקאַלן געוויינט אין פייכטן ווייסן זאַמד. דעמאָלט האָט מען דאָ אויך געטאַנצט פון נאַכט ביז טאָג אַריין, טאָג איין טאָג אויס... אין שיכרות פון טאַנץ האָט בערל פאַרמאַכט די אויגן און ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דאָ טאַנצט ער איצט אין ראָד צוזאַמען מיט רבקהן, פּונקט ווי די לעצטע נאַכט זיינע אין תּל־אָביב מיט אַ יאָר צוריק, איידער זיי זיינען אויף מאָרגן אַוועק אין „גדוד" — צו דער גרויסער „כבוש"־אַרבעט, אויפן כביש פון טבריה.

ביז האַלבע נאַכט איז בערל געזעסן אויפן שטראַנד, וואָס האָט געווימלט מיט מענטשן. זיך צוגעקוקט צום אייביקן געיעג פון כוואַליעס, וואָס האָבן געלעקט דעם ברעג, ס'האָט נישט באַוויזן איין כוואַליע צו פאַרשווינדן, ווי אַ צווייטע האָט פאַרנומען איר פּלאַץ און זיך געראָלט, זינגענדיק דעם אייגנאַרטיקן ניגון פון ים. פון ווייטן האָבן זיך געוויגט צוויי העל באַלויכטענע שיפן, וואָס האָבן אַלע ווײַלע געברומט, ווײַזט אויס, זיי האָבן זיך געגרייט צום אויפהייבן דעם אַנקער און זיך לאָזן אין ווייטן ים אַריין. דאָס ברומען פון די שיפן האָט בערלען דערמאָנט אינעם באַגינען, ווען ער איז געלעגן אַ צונויפגעדרייטער אין אונטערשטן טריום פון אַ גרויסער שיף און געציטערט פון מידקייט, ווען ס'איז אַריינגעלאָפן אַ בחור מיט קולי קולות: חברה פּוילאַקעס, וואָס שלאָפט איר, — ארץ ישראל! ווי אַן עלעקטרישער שטראָם האָט דורכגענומען דעם טונקעלן שיפס־אונטערדעק. מיט אימפּעט באַרוישטע זיינען מענטשן געשפּרונגען פון די אייזערנע נאַרעס און געלאָפן אויבן אויפן דעק.

אין שוואַכן שיין פון ערב באַגינען האָט זיך אויפן האָריזאָנט גע־שניטן אַ סילועט פון אַ געשניצטן באַרג מיט פייערדיקע אויגן צעפּינטלט פון אויבן ביז אונטן. דער סילועט איז פון מינוט צו מינוט אויסגע־וואַקסן אין אַ לעגענדאַרן בילד, וואָס מען זעט ערגעץ געמאָלן אויף דע־קאָראַציעס פון אַ טעאַטער, ביסלעכווייז האָבן זיך אויסגעשניצט בנינים אויף בנינים מיט הויך פאַרריסענע מינאַרעטן, צעוואָרפענע אין פאַר־שיידענע ערטער, לינקס האָט זיך געשפּרייט אַ פּאַס גאָלדענע זאַמד,

ווייסע הייזער, רויטע דעכער, וואָס האָבן דערמאָנט די ערשטע בלומען נאָכן צעגאַנגענעם שניי אָנפאַנג פרילינג...

פאַרטאָג איז בערל געקומען אין ווייטן קוואַרטאַל נאָענט צו אַ מאַראַנצן־סאַד. אַ גאַנצער קוואַרטאַל פון באַראַקן און מיאוסע הייזלעך פון נאַקעטע ציגל אָדער צעמענט־בלאָקן, די באַראַקן זיינען אָפּגעקראָכענע ווי יענע פון „נוה שלום" אויפן „רויטן כרמל", אַלע באַראַקן און בנינים זיינען צווישן זיך געקניפּט און געבונדן מיט וועש־שטריק, וואו נישט וואו האָט געשמילקעט אַ פּרימאָרגנדיקער לעמפּל; מען איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט, ס'האָט זיך געהערט ס'גוויין פון קינדער און רויש פון פּרימוסן. דער שומר פון קוואַרטאַל איז אַרומגעגאַנגען אין אַ וואַרעמען זעלנערישן מאַנטל, ער האָט הילכיק געגענעצט און געהוסט פונעם רויכערן, פון פרישקייט און באַגינענדיקן טוי. בערל האָט זיך דערקליבן צו זיינעם אַ חבר, וואו ער האָט באַשטעלט נאַכטלעגער; דאָס איז געווען זיינער אַ חבר נאָך פון דער היים, געהייסן האָט ער חיים.

חיים האָט געאַרבעט אין אַ ווייטן פּרדס, ער איז שוין געווען אויף און זיך געקליבן צו דער אַרבעט. חיים האָט זיך דערפרייט מיט בערלען, ער האָט געמיינט, אַז חיים וועט שוין נישט קומען נעכטיקן, און אַט איז ער גאָר דאָ, דער פריינד, בערל. חיים האָט נישט קיין צייט צו כאַפּן אַ שמועס; האָסט אודאי געמאַכט אַ שפּאַציר אויף אַלענבי,בערל? האָסט געכאַטפּ אַ טענצל אויפן אָפּערע־פּלאַץ? — יאָ בערל, מיר גייען איצט זעלטן אויף דער אַלענבי גאַס, כיבע אַ פּרייטיק צונאַכט, אָדער יום טוב, מיר האָבן שוין אָפּגעטאַנצט, איצט טאַנצן די יונגע! די שווערע פּראַצע, בערל, האָט אונדז מיד געמאַכט, אויסגעמאַטערט, האָסט זיכער געזען ווי דאָ זיינען אויסגעוואַקסן גאַנצע פּאַלאַצן, מיר האָבן זיי אויפגעשטעלט, אויסגעגאָסן פון בעטאָן, און אויסגעפּוצט מיט אונדזערע בעסטע יאָרן — שיינע, פּרעכטיקע הייזער!

— יאָ חיים, האָט בערל געענטפערט, אָנקוקנדיק זיין מידן פאַרברוינטן פּנים, און בערל האָט בעת משעה געקלערט וועגן די טויזנטדיקע ־ערער די כוואַליעס פון ים, איין כוואַליע פאַרשווינדט אין זאַמד און תיכף האָט איר פּלאַץ פאַרנומען אַ צווייטע, אַ דריטע און אַזוי כסדר...

בערל איז איינגעשלאָפן אויף דער קאַנאַפּע אָנגעטאָנערהייט, ווייל אין דרויסן איז געווען טאָג, און ער האָט נישט געוואָלט פאַרזאַמען דעם צווייטן באַזוך אין אויספיר־קאָמיטעט. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז חיימס פרוי, די חברטע מלכה, געזעסן אין אַ ווינקל ביי אַ ניי־מאַשין, אַ בלאַנקע נאָדל איז פלינק געלאָפן צווישן אירע פינגער. בערל האָט זי אָנגעקוקט: „ווי פאַרעלטערט!" מלכה האָט זיך זייער דערפרייט מיט בערלען, זי האָט אים גענומען אויספרעגן אַלע פּרטים פון זיין לעבן,

פון רבקהן פון קינד און פון ליבושן. מלכה האָט דערציילט, אַז איר מיידעלע באַזוכט אַ קינדער־גאָרטן; חיימס פּאַרדינסטן קלעקן נישט אויף אַלץ. מוז מען אָננעמען זייטיקע אַרבעט, חוץ איר שטוב־ווירטשאַפט; זי נייט וועש פאַר אַרבעטער און ווייסע העמדלעך פּאַר אַ קראָם. דערפון פאַרדינט זי אויף שכר לימוד פאַרן קינד מיט „נאָך עפּעס"; שווער, בערל, איז איצט ביי אונדז אין תּל־אביב, נישט דאָס וואָס אַמאָל, די שטאָט איז אויסגעבויט, מען צאַצקעט זיך מער נישט מיט אונדז ווי אַמאָל...

נאָכדעם ווי בערל איז ווידער געזעסן אַ פּאָר שעה אין וואַרט־צימער פון אויספיר־קאָמיטעט, האָט מען אים איינגעלאַדן: „בבקשה!" ביי אַ צווייטן טיש נעבן דעם סעקרעטאַר, וואָס האָט אים נעכטן אויפגענומען מיט אַזויפיל קרירות, איז געזעסן אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן מיט גרויסע ביינערנע ברילן אויף דער נאָז, „זיכער פון אַן אַמעריקאַנער נסיעה", — האָט בערל אַ קלער געטאָן. דער מענטש איז געווען דער חבר, וואָס די אַרבעטער פון „נוה־שלום" האָבן געהאָפט אויף זיין הילף אין ראָט. בערל האָט נישט באַוויזן אויפצומאַכן דאָס מויל, ווי דער חבר אין די ביינערנע ברילן האָט זיך צעבייזערט, „ס'טייטש! איר האָט נישט געדאַרפט פאָרן, איר האָט געקאָנט אַלץ שרייבן אין אַ בריוו און וואַרטן אויף אַ תּשובה, איך ווייס שוין אַלץ: וואָס מיינט איר, חבר יוסף", — „ניין, בערל היים איך", יאָ, חבר בערל, מיר קענען אייך עפּעס העלפן? מיר האָבן טאַקע אונדזער השפּעה אין די געהעריקע אינסטאַנצן, וואו מען דאַרף דריקן, אָבער פאַרשטייט דאָך, חבר יוסף, כ'מיין ח' בערל, אַז מיר שטייען איצט אין אַ משא ומתן וועגן קאָלאָניזירן נייע 500 משפּחות, די באַציונגען צווישן אונדז און זיי זיינען זייער אָנגעשטרענגטע; צוליב אַזעלכע קליינקייטן, ווי אייערע ענינים מיטן שטייער פון כביש, טאָרן מיר נישט איינרייסן. פאַרשטייט דאָך, חבר! — בכלל זאָגן מיר: מיר האַלטן נישט פון קיין דראָונגען און פון קיין סקאַנדאַלן, מיר גלויבן אין זייער ציוניסטישן געוויסן, כאָטש זיי פאַרשטייען אונדז נישט שטענדיק. די צייט חבר יוסף, — — בערל איז איצט נישט צוגעפּאַסט פּאַר אַקציעס, ווי אייערע, האָט געדולד...

— וואָס הייסט געדולד! איז בערל אויפגעשפּרונגען — „מען נעמט דאָך שוין בויען דעם כביש און, אויב מיר צאָלן נישט איין די ערשטע ראַטע, שניידט מען אָפּ די וואַסער־רערן, וואו זאָלן מיר נעמען וואַסער?

— טאָ וואָס ווילט איר, חבר בערל? האָט מיט רוגזא געענטפערט דער חבר אין די ביינערנע ברילן, מיר זאָלן אייך אפשר אָנטראָגן וואַסער?

— אויב אַזוי זעט מען זאָל די געשיכטע פאַרעפנטלעכן אין אונ־דזער צייטונג, און זאָלן אַנדערע זיך נישט פאַרשיטן, ווי מיר!

— דאָס וועט קיינמאָל איצט נישט געדרוקט ווערן. כ'האָב אייך געזאָגט חבר בערל, אַז מיר קאָנען איצט גאָרנישט אונטערנעמען, מיר וועלן נישט שרייבן און נישט דרוקן אין צייטונג, מיר האָבן איצט פאַר זיך איין איינציקן ציל — די 300 משפחות צו קאָלאָניזירן!

— אָבער וואָס זיינען אונדזערע משפחות ערגער ווי יענע, וואָס איר גייט קאָלאָניזירן? זיי גייט איר אויפבויען און אונדז העלפט איר צעשטערן.

— איך האָב מיט אייך מער נישט וואָס צו ריידן; איך זע, אַז איר ווילט נישט פאַרשטיין, ח'בערל!

בערל האָט פאַרצווייפלט פּרובירט נאָכאַמאָל אויפהייבן די פראַגן: מען האָט דאָך מיר געשיקט, כ'האָב דאָך שוין אויף דעם ענין צוויי טעג געפּטרט, כ'בין דאָך נישט געפאָרן פון אייגענעם איינפאַל־

— האָט איר נישט געדאַרפט פאָרן.

— בערל האָט זיך אומגעדרייט און אַ קרעפטיקן שפּיי געטאָן אויפן דיל. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ שטאַרקן זידל־וואָרט: „אַזעלכע טעמפּע ביוראָקראַטן, ימח שמם!” דאָס בלוט האָט אים געקאָכט, ער האָט זיך געפילט דערנידעריקט און באַליידיקט. אָן אַ „שלום!” האָט ער מיט צאָרן פאַרלאָזן דעם צימער.

# אַ גאַסט

פֿאַרביטערט און צעבראָכן האָט זיך בערל דערנענטערט צו זיין היים אין „נוה־שלום". ער איז אַריין אין זיין הייפֿל און דערהערט אַ זאָרגלאָזן מיידלשן געלעכטער וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון זיין באַראַק אַרויס. בערל איז אַריין אין שטוב: ס'האָט אים פֿאַרכאַפּט די געמיטלעכע וואַרעמקייט פֿון דער היים, רבקהס הענט האָבן זיך געשלייפֿט אַרום זיין האַלדז און פֿאַרטריבן די אויפֿרעגונג און פֿאַרביטערונג פֿון דער נישט־געלונגענער שליחות. אין ווייסן בעטל האָט ער געקושט די ווייסע הענטלעך פֿון שלאָפֿנדיקן קינד. דאָס קינד האָט זיך געשמאַקעט פֿון שלאָף. אַ פֿיינלעכער געפֿיל פֿון געוויסנס־ביסן האָט אים גענאָגט; צוויי מעת־לעת נישט געווען אין דער היים, און די צוויי מעת־לעת כמעט נישט געקלערט וועגן זיי, די נאָנטע זיינע! צוויי שטאַרקע הענט האָבן אים פּלוצלינג פֿאַרקלעמט די אויגן, אימיצער האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף זיין פּלייצע; בערל האָט זיך געראַנגלט און באַפֿרייט די אויגן פֿון די שטאַרקע הענט — ווידער אַ געלעכטער, דער זעלבער מיידלשער געלעכטער, וואָס ער האָט געהערט בעתן אַריינגיין אין שטוב. דאָס האָט געלאַכט זייער חברטע מערע, אַ מיטגליד פֿון אַ גרויסער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קבוצה אין טאָל פֿון יזרעאל.

— ווי קומסטו אַהער מערע? מערע האָט געלאַכט, איר געלעכטער האָט געקלונגען מיט הונדערטער גלעקלעך — „וואָס איז דאָס דיין עסק, בערל? גבאי, קנאַקער, דעלעגאַט, פֿאָרסט שוין אין שליחות קיין תל־אביב, דו גרויסער מענטש כאַ־כאַ־כאַ!"...

מערע האָט אָנגעשטעקט בערלען מיט רבקהן מיט דעם נישט געצוואונגענעם געלעכטער. אַלע דריי האָבן איצט געלאַכט פּונקט ווי אין איינעם אַ נאָכמיטיק מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען בערל איז ווייט אָוועקגעשוואומען אין ירקון און געלאָזן זיינע זאַכן אויפֿן ברעג. די מיידלעך האָבן איינגענעצט בערלס אַרבל פֿון מעל אין וואַסער און זיי

פארבונדן מיט א קנופּ. נאָכער האָט מערע געשריען: בערל, גיכער! אַן עקרב האָט געביסן רבקהן, ראַטעוועט! בערל איז גיך אַרויסגעשפּרונגען פון וואַסער און געלאָפן צו די קליידער. ער נעמט שלעפּן דאָס העמד אויפן קאָפּ. ער שטעקט די הענט אין די פּאַרקניפּטע אַרבל און מערע מיט רבקהן קייקלען זיך אין גראָז פון געלעכטער...

מערע איז געקומען אין שטאָט אויף דריי חדשים. זי האָט גענומען אורלויב אין דער קבוצה, זי דאַרף שיקן געלט איר שוועסטער צו קומען קיין א״י. אין קבוצה האָט זי נישט געוואָלט בעטן, — זיי וואָלטן איר דאָס געלט געגעבן, אָבער מערע ווייס, אַז אין דער קאַסע איז זייער ענג. האָט זי בעסער גענומען אורלויב. מען האָט איר צוגעזאָגט דריי חדשים אַרבעט אין דער אַרבעטער־קיך, וועט זי פאַרדינען די נייטיקע סומע. רבקה איז נישט געווען צופרידן פון מערעס איינפאַל. „סטייטש משוגענע״. האָט רבקה געטענהט, „אוועקוואַרפן די קבוצה און גיין אין קיך, אוי מערע ווי נמאס מיר איז די קיך מיט דער אַרבעט מיט אַלע מענטשן צוגלייך. די פאַרשאָלטענע טעפּלעך און באַלייעס.

מערע האָט רבקהן נישט געלאָזט פאַרזעצן: — שוויג, שוויג! ביסט אַליין אַ משוגענע, איר די שטאָטישע פרויען, האָט זיך איינגערעדט אַז צוגרייטן און דערלאַנגען עסן מענטשן שטייט נידעריקער ווי דאָס זעלבע צוגרייטן און דערלאַנגען עסן בחמות. ענטפער, רבקה, צי איז אַזוי ריכטיק? רבקה איז מבולבל געוואָרן פון מערעס פראַגע און האָט נישט געהאַט וואָס צום ענטפערן. רבקה האָט זיך קיין מאָל אַזאַ פאַרגלייך נישט געמאַכט: צי איז ווירקלעך די אַרבעט פון צוגרייטן פּאַשע פאַר פערד און קי אין קבוצה אַן אידעאַל כּלפּי צוגרייטן עסן פאַר דער פאַמיליע? איז דאָס אַרבעטן אין דער אייגענער היים אַזאַ דערניידערונג פאַר דער פרוי? צי איז איר אַרבעט נישט אַזוי נוצלעך, ווי די אַרבעט פון בערלען? צי איר מערע נישט גערעכט? — האָט רבקהן געעגבערט אין מוח.

ביים מיטאָג־עסן האָט בערל דערציילט איבער זיין תל־אביבער נסיעה, ווי אַזוי מען האָט אים אויפגענומען און ווי אַזוי מען האָט מיט אים גערעדט אין ביוראָ פון אויספיר־קאָמיטעט. רבקה איז אויפגערעגט געוואָרן, ס׳עסן איז איר נישט באַקומען, מערע האָט אָפּגעשפּאָט פון בערלס נאַאיוויטעט אין געזעלשאַפטלעכע ענינים. — „אַ ניים ביי אייך, שטאָטישע״ האָט מערע געזאָגט, „פרעגט מיך וועל איך אייך דערציילן: ביי אונדז אין קבוצה זיינען פאַראַן צוויי ספּעציעלע חברים („מומחים״, רופט מען זיי) וואָס ליגן טאָג און נאַכט אין די הויכע ביוראָען פון תל־אביב און ירושלים; פרעגט זיי וועלן זיי אייך דערציילן, ווי שווער מען קעמפט פאַר יעדער שטיקל טשוועקל, פאַר יעדער הינדל וואָס מיר דאַרפן באַקומען שוין נאָכדעם, ווי אונדזערע ביודזשעטן זיינען באַשטע־

מיקט געוואָרן דורך אַלע אינסטאַנצן, פון קאָנגרעס ביזן קאַסיר. א בי־טערע מלחמה פירט די קבוצה מיט די נאַציאָנאַלע מוסדות, ביז מען רייסט אַרויס א טייל פון דעם, וואָס מען זאָגט אונדז צו און וואָס אונדז קומט... די מענטשן ווייסן נאָר, ווי די קבוצה צו באַזינגען אין אויס־לאַנד. דאָ דערנידערט מען אונדז אין די ביוראָען צוגלייך מיט דער ערד". ס'געהערט א טראַגעדיע, וואָס דו מאַכסט זיך. בערל? שעם דיך, נישט־געניטער גבאי דו איינער...

בערל איז אַזוי באַרוישט געוועזן פון זיין קומען אין דער היים, אַז ער האָט נישט באַמערקט, וואָס לייבוש איז נישטאָ צום עסן, ער האָט זיך געכאַפּט און געפרעגט רבקהן וואו איז לייבוש. רבקה האָט אים דער־ציילט, אַז לייבוש איז גראַדע איצט ווען מיר גייען עסן, אין אַרבעטס־אַמט פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע זיך רעגיסטרירן אין דער ריי אויף אַרבעט. מען זאָגט אים דאָרטן צו, אַז ער וועט גיין אַרבעטן ביי די וואַסער־שעפּן, ביי דער גרויסער טריקן־אַרבעט פון די זומפּן אונטערן כרמל. די אַרבעט דאָרט איז אָנגעפאַנגען גלייך מיטן בוי פון כביש אין ,נוה שלום". לייבוש האָט דערהאַלטן א בריוו פון אַניוטען ער האָט גאָרנישט געזאָגט און איז זייער אומעטיק געוואָרן.

מערע האָט געהערט ווי מען רעדט פון לייבושן, האָט זי אַראָפּגע־לאָזן דעם קאָפּ און אַריינגעטאָן אירע לעבעדיקע גרויסע אויגן אין טע־לער. זי האָט לייבושן געקענט פון דער היים נאָך אַלס יונגיינגל, איצט האָט זי אים דאָ געטראָפן א שלאַנקן מיט פעך שוואַרצע האָרטע, טיפע אויגן, א מאַטן פּנים, וואָס האָט דערציילט פון ליידן און בענקשאַפט, מערע האָט נישט געוואוסט, הלמאי ס'האָט איר, ס'בלוט אַריינגעשלאָגן אין פּנים, בעת זי האָט אים דערלאַנגט איר האַנט, זי ווייס נישט פאַר־וואָס זי קען נישט פריי לאַכן אין לייבושעס קעגנוואַרט, זי פילט זיך שלעכט, ווען זי איז צוזאַמען מיט אים אין שטוב ; ווידער, אַז לייבוש גייט אַוועק, וואָלט זי וועלן, ער זאָל נישט גיין. מערע איז אַלט געווען קנאַפּע 27 יאָר, 7 יאָר איז זי אין א"י, די גאַנצע צייט אין א קבוצה. ס'איז איר אַזוי פרעמד דער טומל פון שטאָט, מען לאַכט פון איר, זי פאַרשטייט זיך אַפילו נישט גוט אויף געלט, יעדעס מאָל, ווען זי קומט אין שטאָט און קויפט עפּעס קוקט זי אָן די מטבעות... די שווערע פּראַצע און שווערע לעבנס־באַדינגונגען פון די ערשטע יאָרן אין דער קבוצה האָבן געלייגט אויף איר זייער שטעמפּל, אירע שיינע הענט זיינען פאַרגרעבט געוואָרן, דער אויסדרוק אירער האָט פאַרלאָרן די פריערדיקע צאַרטע ווייבלעכקייט, זי איז געוואָרן אַביסל מגושמדיקלעך, פיזיש און פּסיכיש, די איינפאַכקייט און נאָענטקייט צו דער נאַטור און דאָרף, האָט קענטיק משפיע געווען אויף מערען. איין זאַך איז ביי איר געבליבן נישט געענדערט, דער גרויסער קוואַל לעבנס פרייד, איר הילכיקער זאָרגלאָזער

געלעכטער, איר צוגעלאָזנקייט צו מענטשן. זי האָט אַ ירושה פון דער ליטווישער קריייז־שטאָט. די אַלע מנהגים און דער גאַנצער זיטן־ריטואַל פון דער גימנאַזיע און באַלעבאַטישער סביבה איז ביי מערען אינגאַנצן פאַרשוואונדן, זי גייט איצט מיט די חברים שפּאַצירן מיט פאַרלייגטע הענט איבער די טאַליעס. ביי אַלע שמחות גייט זי אַרויס די ערשטע אין טאַנץ און גייט אַוועק די לעצטע. פאַר דער צייט פון איר זיין אין קבוצה, האָבן זיך אַ סך בחורים געוואַלגערט ביי אירע פיס און געבעטלט אירע ליבע. מערע האָט אָפּט רחמנות געהאַט אויף זיי, זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די דערשיטערנדיקע טענות, אָבער מער ווי רחמנות האָט זי נישט געהאַט צו זיי, אַ סך האָבן איר דערעסן, זיי פלעגן צושטיין ווי פאַרביטערטע פליגן אין אַ זומערדיקן טאָג.

איין בחור האָט איר אַ מאָל פאַרוואונדעט דאָס האַרץ, דער בחור איז געווען אַ שומר אין אַ שכנותדיקער קבוצה, אַלע נאַכט איז ער אַרומגעריטן אויף אַ בלוט־ריינעם אַראַבישן פערד, מיט אַ ביקס איבער די פּלייצעס, אַ הויכער יונג, אַ גרויסער שתקן, מיט שוואַרצע אויגן. מערע גייט אַלע צוויי וואָכן לויט דער ריי מעלקן קי אין מיטן נאַכט, דער בחור קומט אין צעפרייעטן שטאַל און זי איז אים מכבד מיט וואַרעמע מילך. מערע האָט ליב געהאַט זיך צו טרינקען אין זיינע שוואַרצע טיפע אויגן, דאָס איז געווען אַלץ. ווען עס איז געקומען די שוואַרצע בשורה, אַז אַ בלינדע קויל פון אַ מערדער האָט אָפּגעהאַקט דאָס יונגע לעבן פון דעם בחור נישט ווייט פון תבואה־שייער, איז מערע אַנטלאָפן אין שטאָט צו רבקהן. פיר וואָכן האָט זי אָפּגעשוויגן און זיך צוריקגע־קערט אין קבוצה, ווי זי וואָלט קיין מאָל אין ערגעץ נישט געלאָפן. זי איז געקומען צוריק, אָן דעם אַמאָליקן גלאַנץ אין די גרויסע לעבעדיקע אויגן; די אַמאָליקע פרישקייט פון קיילעכדיקן פנים, האָט זי מער נישט צוריקגעבראַכט אין דער קבוצה... יאָרן זיינען אַוועק. מערע האָט צוריק גענומען לאַכן. נישט קיין פולע 27 מיידלשע יאָרן איז זי איצט אַלט געווען...

ווען לייבוש האָט אויפגעמאַכט אַניוטעס בריוו האָבן אים געציטערט די פינגער און ס'האַרץ האָט געקלעמט „ענדלעך אַ בריוו פון אַניוטען!" — אַניוטע האָט זייער ווייניק געשריבן, אַ פּאָר היימישע נייסן: „היות ווי ביי איר פאָטער, דעם גביר, האָבן די געשעפטן מיט־אַמאָל גענומען גיין באַרג אַראָפּ, די קונים צאָלן נישט די וועקסלען, דער פאָטער איז בייז און מרה־שחורהדיק, די מוטער וויינט גאַנצע נעכט; אַניוטעס אָנקל, אדון בערמאַן, דער אונטערנעמער אין ירושלים, האָט זיי געשריבן, אַז ווען אַניוטע קען סטענאָגראַפיע, ענגליש און אַביסל העב־רעאיש, וואָלט איר דער אָנקל בערמאַן געקאָנט מסדר זיין דורך אַ גוטע פּראָטעקציע אויף אַרבעט אין אַ ביוראָ אין ירושלים. זי האָט עס דער־

ציילט דער מוטער, די כ׳וטער וויל דערפון נישט הערן, אָבער זי, אַניוטע, לערנט שוין ענגליש און לערנט סטענאָגראַפיע, זי וועט זיכער בקרוב קומען אין א״י און וועט זיך באַזעצן אין ירושלים״, מער האָט אַניוטע גאָרנישט געשריבן. דעם בריוו האָט זי געענדיקט:
„גרים דיין ברודער מיט רבקהן״.

א נ י א.

אַניוטע האָט צום ערשטן מאָל אין אירע בריוו אַזוי פאַרענדיקט. תמיד האָט זי געשריבן „דיינע אויגן, לייבושקע, קושט דיין אַניוטע״. פון דעם בריוול האָט אויף לייבושן אַ ווייע געטאָן אַ קעלט, עפּעס האָט זיך אין אים אַ ריס געטאָן מיט יסורים, כאָטש נעם און צעוויין זיך. פאַר זיין דמיון איז ווידער אויסגעוואַקסן דער לערער פון גימנאַזיע אוודאי לערנט ער מיט איר העברעאיש, אַנישט וואָלט זי געשריבן, אַז זי לערנט אויך העברעאיש — דער לערער זיצט און גלעט אַנטיוטעס פינגער — לייבוש איז שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן, ס׳האָט זיך אים געגלוסט צו שרייען מיט אַלע קרעפטן, ער האָט פאַרגעסן, אַז רבקה מיט מערען שטייען פון וויטן און קוקן אים אָן. לייבוש האָט צונויפגעקנוילט דאָס בריוול אין פויסט און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב. ער איז אַוועק ווייט איבער דער שמאָלער סטעזשקע, באַרג אַרויף, וואו עס שטייט אַ פאַרוואָרלאָזטע חורבה מיט נעסטן פון שפּאַרבער צווישן די פעלדזן, וואו יונגע אָדלער וויינען הונגעריקע, ווי קליינע קינדער אויף פרעמדע הענט.

לאַנג איז דאָרטן לייבוש געזעסן, ביז ער האָט זיך באַרואיקט. ס׳איז אים שווער געוואָרן די היים, ער קען נישט זיצן ביי בערלען אויף „קעסט״ און דאָ זיצט נאָך די מערע. איר שטענדיקער לאַכן קלינגט אים אין די אויערן, דאָס לאַכן דענערווירט אים, ס׳ערגערט אים ווי קען מען עס אַזויפיל לאַכן?

ער קוקט אויף מערען און זעט איר נישט...

לייבוש איז פון דער פאַרוואָרלאָזטער חורבה אַוועק אין שטאָט. אין דער רווישיקער דירה פון אַרבעטער־ראַט אין צימער 8 האָט זיך געפונען דער אַרבעטס־אַמט, וואָס נעמט אָן און צעטיילט אַרבעט, ער פירט די חשבונות פון יעדערנס אַרבעטס־טעג און היט אָפּ די רייע פון די אַרבעטסלאָזע צו יעדער פאַראַנענער אַרבעט, דער אַרבעטס־אַמט באַמיט זיך אַריינצופירן אַרבעטער אין פּראָדוקטיווע נוציקע פאַכן, און זאָרגט, אין דעם פרט, פאַר די פריש געקומענע חלוצים.

לייבוש רעגיסטרירט זיך דאָרטן דריי מאָל אַ וואָך, לייבוש האָט ליב באַקומען דעם טומלדיקן צימער נומער 8, דאָרטן אינעם רעש איז אים לייכט אויפן האַרצן, די ווענט פון צימער זיינען פאַרשריבן מיט נעמען, מיט וויצן, דאָרטן זיינען אויסגעקריצט טיף אינעם טינק סאָטי־

רישע פיגורן ע"פ רוב געווידמעט די באַמטע. לאַנג דויערט דאָס שטיין אין דער רייע מיט די קאַרטלעך, ביז מען דערגייט צום טיש, וואו מען שטעמפּלט זיי, און איידער וואָס ווען דערציילט מען זיך וויצן, מען קיצלט איינער דעם צווייטן מיט אַ שטרויעלע אונטערן אויער, ס'איז היימיש און היימלעך...

אַנדערשמאָל זוכט מען אָפּצולאָדן די אַנגעקליבענע ענערגיע פון אַ סך צעבטלטע טעג, שטויסט מען איינער דעם צווייטן, מען שטופּט זיך אין די ווינקלען ווי חדר־יינגלעך, און אַז דאָס אַלץ ווערט מיאוס, נעמט מען אַ בלייער און מען קראַצט עפּעס אויף דער וואַנט.

קענען די אויפשריפטן אויף די ווענט זיינען שוין געווען אַ סך וואָרענונגען און אַפּעלאַציעס. ס'העלפט גאָרנישט, די מענטשן טוען עס פון נישטגוטקייט. לייבוש האָט דערקלערט דעם פּקיד פון אַרבעטס־אַמט, אַז ער וויל נישט גיין צו שוואַרצער אַרבעט, אַ פּאָר יאָר צייט האָט ער געאַרבעט אויף לאָקאָמאָטיוון, עס ציט אים צו שלאָסעריי, צו מעכאַנישער אַרבעט. דער פּקיד האָט זיך אַביסל געבייזערט: „אַ פיינשמעקער" אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט איינווענדן קעגן לייבושעס דראַנג צו פּראָדוק־טיוויזאַציע, צו דערווערבן אַ ממשותדיקן פאַך. לייבוש האָט געזאָגט, אַז ער קען לעת עתה אַרבעט ביי יעדער מין שוואַרצער אַרבעט, אָבער זיין ריי צו שלאָסעריי וויל ער נישט פאַרלירן, פאַר קיין פאַל נישט, דריי מאָל אַ וואָך פינקטלעך האָט לייבוש אָפּגעהיט די רעגיסטראַציע.

דער אַרבעטס־אַמט איז אַ געווײלטע אינסטיטוציע און באַשטייט פון פאַרשטייער פון אַלע ריכטונגען אין דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע; דער אַרבעטס־אַמט האָט נישט צו טאָן, נאָר מיטן אָננעמען און פאַרטיילן אַרבעט, נייערט אויך מיט די מיטלען ווי אַזוי אָנצונעמען די אַרבעט און ווי אַזוי איר צו פאַרטיילן. די מערהייט די „אחדותדיקעס" האָבן גע־האַלטן „ביי אַלע באַדינגונגען, וואָס מער אַרבעט!" — וואָס מער אָנ־גענומען אַרבעט, אַלץ מער פּלאַץ פאַר פרישע עולים.

די באַראַכאָוויסטן האָבן דערווידערט און געשטריטן מיט די „אחד־דותניקעס", „וואָס איז מיטן אַרבעטס־לוין? ווי גרויס וועט זיין דער אַרבעטס־טאָג? צי מיינט איר אַז נידעריקע לוינען, שווערע באַדינגונ־גען און אַ לאַנגער אַרבעטס־טאָג, וועט באַגייסטערן די נאָר וואָס געקו־מענע נייע עולים און נאָר וואָס געוואָרענע אַרבעטער? צי וועט אַזאַ מצב נישט ברענגען פאַרקערטע רעזולטאַטן? צי זאָלן מיר אין א"י דערציען די נייע אַרבעטער פאַר נכנעים צו די אונטערנעמער? וואָס?"

אויף דער היינטיקער זיצונג האָט זיך אָפּגעשפּילט דער זעלבער וויכוח. צוויי וויכטיקע פראַגן האָט מען ג ע מ ו ז ט לייזן: 1) די אַרבעט אויפן כביש אין „נוה שלום", אַרבעט אויף 8־9 חדשים פאַר 150 מאַן. שטיינברעכער, סאַלינג־לייגער, שאָטער־קלאַפּער און סתם גע־

ניטע כביש־ארבעטער. דערפון 150 מומחים און 100 שווארץ־ארבעטער. דא מוזן באשעפטיקט ווערן 30 פראצענט פרישע חלוצים, וואס זיינען די וואכן אנגעקומען אין לאנד. 2) ביי דער גרויסער טרוקן־ארבעט פון ־ער נאצ. געזעלשאפט דארף מען האבן 300 מאן, צווישן זיי טראקטא־ ריסטן, מעכאניקער ביי מאטארן בעטאן־גיסער, וואסער־לייטער, און אר־ בעטס־לייטער. ס'פעלן פאכלייט, וואו נעמט מען זיי? די מענטשן מוז מען שוין צוגרייטן און באשטימען. די צווייטע וואך ווערט די ארבעט ענטגילטיק באשטעטיקט.

ביז האלבער נאכט איז מען געזעסן ביז מען האט פארטיק געמאכט די רשימות מיט די קאנדידאטן פאר ביידע ארבעטן. אין דער רשימה פון דער טרוקן־ארבעט איז באשטעטיקט געווארן: „לייבוש חיים — אלס ארבעטער ביי די מאטארן פון די וואסער־פלומפן" מיט א באמער־ קונג — „ביז די פלומפן וועלן מאנטירט ווערן, מוז דער ה' לייבוש חיים ארבעטן אומעטום, וואו די לייטונג וועט אים באשטימען".

מענדל חיים האט ווידער געשריבן צו די קינדער:

„והשנית קען איך אייך מיטטיילן מיינע ליבע קינדער, אז אזא ריז, ווי ברוך זעליק איז בין הנופלים, חיורד בנכסים ועסקים. מען רעדט, אז ער שטייט גאר שמאל, זיין אניוטע גייט אויף קורסן און קלייבט זיך פארן צו איר פעטער גוטמאן אין ירושלים. וואס זאל איך שרייבן פון אונדז? דער קומפעראטיוו נעמט אוועק די לעצטע פאר קונים, די מור־ טער זאל געזונט זיין, נעמט זיך אוועק דאס לעבן פון ערגערניש, אונדזער טאכטער, אייער שוועסטער זעלדע שתח"י, פארט שוין אפ מיט מזל דעם צווייטן חודש קיין אפריקע אין יאניסבערג, ברוך זאל געזונט זיין האט מיר שוין ארויסגעשיקט אלע פאפירן.

אונדזער נעסט ווערט אויסגעליידיקט, צעפליגן די קינדער איבער שבעה ימים, מיר בלייבן עלנט און בעטן נאר גאט ברוך הוא פאר אייער געזונט און לעבן. מיר זיינען שוין אליין „דיער־דא־באבא", קושט שטארק פון אונדזערטוועגן עמוסלען און לייבושן זאגט, אז די מאמע שתח"י האט שוין איבער אים אויסגעוויינט די אויגן. זאגט אים לייבושן, אז מיר ווייסן שוין נישט, ווי מען שרייבט נישט חדשים לאנג צו איי־ גענע טאטע־מאמע נישט איין אות".

בערל האט פארגעלייענט דעם בריוו צום אוונט־עסן, ווען אלע זיי־ נען געזעסן ארום טיש. לייבוש האט זיך איינגעהערט, ווי מען לייענט דעם בריוו. דאס ווארט „אניוטע" האט אים א קלאפ געטאן אין קאפ און מער האט ער שוין נישט געהערט. ער איז געווען פארנומען מיטן ווארט „אניוטע", וואס איז אים געפלויגן אין די געהירן ווי א פויגל. מערע איז געזעסן אויף דער קאנאפע אין שאטן, די פיס פארלייגט אונטער

זיך. זי האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון לייבושן. מערע איז געוועזן מיד, זי האָט שוין געאַרבעט אין קיך, די פיס האָבן איר געבראָכן פון לויפן א גאַנצן טאָג פון איין טישל צום צווייטן. דאָס קינד האָט זיך געשפּילט אין בעטעלע, די הענטלעך האָט ער געשטופּט אין נאָז, אָדער געכאַפּט א פיסל און עס פאַרבירט כאַפּן מיטן מויל. רבקה האָט צוגעגרייט פאַרן קינד דעם נאַכטלעגער און געזאָגט צו בערלען מיט לייבושן, וואָס זיינען געזעסן ביים טיש: „מען דאַרף קלערן וועגן אָפּנעמען די עלטערן אין ארץ־ישראל, מיר וועלן זיך אַן עצה געבן".

בערל איז נאָך לאַנג געזעסן ביים טיש. ער איז געשפּרונגען פון איין מחשבה צו דער צווייטער, דער עיקר פון אַלע מחשבות איז איצט: פאַרלאָזן די פאַבריק, ס'איז אים אוממעגלעך צו אַרבעטן ביי אַנדערער אַרבעט אין דער פאַבריק אויף אַזעלכע נידעריקע פּרייזן, ער קען נישט עקסיסטירן, בערל האָט שוין גערעדט מיט א מאַשיניסט פון א פּרעס־ראָלער, ער וויל אַרבעטן מיט אים צוזאַמען אויפן כביש, די פאַרמאַלי־טעטן אין אַרבעטס־אַמט וועט ער צו יעדער צייט באַקומען; רבקה איז מסכים.

עס זיינען זיך צונויפגעקומען די אַרבעטער־תושבים פון נוה שלום ביי בערלען. זיי האָבן א ניים: ווי מען האָט באַשלאָסן פאַר בערלס נסיעה אין תל־אביב, האָבן אַלע זיך אַנטזאָגט צו חתמענען די וועקסלען און צו צאָלן דעם כביש־שטייער. „גוט", האָט זיי געענטפערט דער ועד.

אויף מאָרגן האָט דער ועד געמעלדעט:

„ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אז פאַר די אַלע וואָס ווילן נישט צאָלן פּריוויליק די באַליינטע שטייערן פון ועד, וועט געהעכערט ווערן דער פּרייז אויפן וואַסער מיט נאָך א האַלבן שילינג אויפן קוב־מעטער".

בערל האָט אַלץ אויסגעהערט און געזאָגט: „די באַלעבעאַטים האָבן מורא אונדז אָפּצוהאַקן די וואַסער־רערן, מאַכן זיי אַזאַ מין קונץ. זיי מיינען אויף אַזאַ אופן פון אונדז פּטור צו ווערן. ניין חברים, דאָס װעלן זיי נישט זוכה זיין, ס'גייט צו ווינטער, לאָמיר אַלע יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט אין משך פון פיר וואָכן צייט אויסהאַקן א גרויסע ציסטערנע און אָנזאַמלען רעגן־וואַסער פאַר אונדזערע 20 משפּחות. מיר וועלן מאַכן א גרויסע פּלאַטפאָרם פון צעמענט און ס'וועט זיין גוט". בערלס פאָרשלאָג איז אַלעמען געפעלן געוואָרן, מערע האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן: ס'איז איר זייער געפעלן געוואָרן דער איינפאַל פון בערלען, זי האָט מחמת געוואוינשאַפט אין קבוצה געשטימט מיט אַלע פאַרזאַ־מלטע אַרבעטער. זי האָט אויך אויפגעהויבן די האַנט און אויסגערופן: „גוט, מיר וועלן זיי ווייזן די בורגנים!"

# באַשטעטיקט

ס'איז געווען שפּעטיקער האַרבסט. די פעלדער זיינען פול געווען מיט מענטשן, וואָס האָבן געאַקערט און צוגעגרייט די ערד צו דער באַפרוכפערונג פון זריעה מיט רעגן. רעגן איז נישט געפאַלן מער ווי 7 חדשים. די טעג זיינען געוואָרן קירצער, די נעכט לענגער, די לופט קיל, פון די פעלדער און בערג האָט אַראָפּגעקוקט אַ טרוקענע נאַקעטקייט, די פּאָרן פון דער ערד זיינען איינגעדאַרט, איינגעשרומפּט, די לופט בענקט נאָך חיות — נאָך רעגן.

אין ירושלים איז דער האַרבסט שטאַרק אָנזעעוודיק, די גאַסן רויִשן, די געשעפטן זיינען פול מיט מענטשן, וואָס קויפן איין ווינטערדיקע זאַכן, די לופט איז שאַרף־קיל. אין די אָוונטן ציטערן מענטשן פון קעלט, מען טוליעט זיך אין וואַרעמע בגדים. די גרופּן אַרבעטער וואָס שפּאַצירן בצבור אין די גאַסן, גייען אָנגעטאָן אין וואָלענע סוועטערס און לעדערנע י'עק. דער ווינטער הענגט אין דער לופטן איבערן קאָפּ. די גרויסע שטיינבנינים, די הויכע ביוראָ־פענצטער זיינען העל באַלויכטן, דאָס ליכט שפּיגלט זיך אין גלאַנץ פון שוואַרצן אַספאַלט אין גאַס, געשלאָסענע לימוזינען, קליינע פאָרדן גליטשן זיך איבער די גאַסן, עס הערן זיך פאַריתומטע בומען פון קלויסטער־גלאָקן. ביי די זייטן פון גאַסן שלייכן זיך צווייי־רעדלדיקע וועגעלעך, באַלויכטענע מיט קאַרביט־לאָמפּן, די וועגעלעך שטופּן, אַראַבער, מאַראָקאַנער, ספרדים און תימנישע ייִנגלעך, דאָרטן באַקן זיך קאַשטאַנעס אויף גליענדע פייער־טעפּ, און פאַרשיידענע מינים קערלעך געטונקטע אין זאַלץ. פון שפּאַצירנדיקן עולם טיילן זיך אויס לאַנגפיסיקע בריטישע זשאַנדאַרן, אין ווינטערדיקע שינעלן, ווייסע הענטשקעס און פאַרריסענע קעפּ, ווי שאָטנס גליטשן זיך צווישן עולם, באָרוועסע קלויסטער־ברידער, מיט פאַרבראָכענע הענט איבערגעוואָרפענע מיט בונטע קרעלן, וואָס ענדיקן זיך מיט הילצערנע צלמים, זיי טראָגן שווערע סוטאַנעס פון ברוינעם קעמל־האָר מיט שפּיציקע קאַפּיושאָנען.

אין איינעם אזא אָוונט איז דער גרויסער זאַל פון אַ געוויסער נאַ־ציאָנאַלער חברה, געווען העל באַלויכטן. אין די ווינקלען פון זאַל האָבן געברענט נאַפט־אויוונס איבערגעדעקטע מיט שיסלען וואַסער, די לאַנגע טישן אויסגעשטעלט אין אַ „חית", פּייערלעך איבערגעדעקטע מיט גריי־נעם געוואַנט, 2 תימנער שמשים פּאָרען זיך אַרום די טישן, זיי צעלייגן פּאַפּירן און בליישטיפטן. פּאַרן גאַס פון דעם זאַל, קומען זיך צונויף דויכע ציוניסטישע באַאַמטע און וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע טוער, עס הייבט אָן שמעקן מיט גוטע ציגאַרן. דער עולם באַגריסט זיך העפלעך, מען שטייט אין גרופּן און מ׳שמועסט זיך דורך אין ענגליש און דייטש. די תימנער שמשים לויפן אויף די שפּיץ פינגער און שטעלן לענג־אויס די טישן טיי מיט לימענעס, די מענטשן זעצן זיך אויס, מען זופּט פון טיי און מען שמועסט ווייטער. אַ קלונג האָט מודיע געווען, אַז עס הייבט זיך אָן די וויכטיקע זיצונג, צו וועלכער אַלע זיינען זיך צונויפגעפאָרן. די זיצונג האָט זיך געעפנט, ס׳האָט זיך באַוויזן דער פקיד פון דער נאַ־ציאָנאַלער חברה, וואָס האָט באַדנס אויפן „רויטן כרמל".

דער פקיד האָט מיט אַ הכנעהדיקן שמייכל אַרויסגענומען אַ פּאַק פּאַפּירן פון אַ דיקער טעקע, און האָט רעפערירט וועגן דער אַנטוויקלונג פון „רויטן כרמל": „די באָדנס ווערן גוט פאַרקויפט, די איינציקע מניעה איז דער כביש, וועגן וועלכן איר, געשעצטע פאַרזאַמלטע, דאַרפט היינט ענדגילטיק באַשליסן, כדי מען זאָל וואָס גיכער קענען פאַרקויפן די חלקים ערד און צוטרעטן צו אַ נייער קניה. ווידער, געשעצטע הערן, האָב איך דעם כבוד צו דערמאָנען די וויכטיקסטע פון אונדזערע אַלע אַרבעטן — דאָס אויסטריקענען די זומפּן פון ריזיקן ביר־ים שטח, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ גאַנצע טעריטאָריע. די פּרטים פון גרויסן פּלאַן זיינען אייך באַקאַנט, נאָר דער אינזשעניער סורין וועט וועגן דעם נאָכאַ־מאָל גענוי רעפערירן, און איך בעט געפעליקסט אים געבן דאָס וואָרט.

דער אינזשעניער סורין איז געווען אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער מאַן מיט אַ בלאָנדער באָרד און בלויע אויגן, ער איז גיכער געווען ענלעך צו אַ רוסישן גרונט־באַזיצער ווי צו אַ מחבר פון ענערגישע פּלע־נער, וואָס ער האָט אַליין דורכגעפירט. דער אינזשעניער סורין איז נישט געווען סתם אַ פאַכמאַן,אַלא אַ טרוימער און אידעאַליסט.

וועגן ארץ ישראל האָט ער זיך שפּעט דערוואוסט. ביז דער צייט האָט ער געאַרבעט אין אַ גרויסער דייטשישער פירמע, ביי פאַרשיידענע דרענאַזש און אַמעליאַריזאַציע־אונטערנעמונגען. סורין האָט זיך שלעכט געפילט אין דער דייטשער פירמע, ווי אַ לייב אין אַ שטייג, זיינע געוואַגטע פּלענער האָט מען שטענדיק העפלעך אָנגענומען, אָבער דער דירעקטאָר פון דער פירמע פלעגט צושרייבן: „צור קענטניש". זיינער אַ יוגנט־פריינד, וואָס האָט זיך מיט אים צופעליק באַגעגנט איז געווען אַ פּייערדיקער

ציוניסט. דער פריינד האָט אים פאַראינטערעסירט מיט ארץ ישראל. סורין איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם ברייטן ארבעטס־פעלד, אַלץ ווערט אין ארץ ישראל געבויט פון בראשית, א וויסטעניש! וויפל פלאַץ און פאַרנעם פאַר זיינע אידייען! סורין איז געווען פאַרליבט אין זיין פאַך ביז זעלבסאָפּפערונג. די נאַציאָנאַלע חברה האָט אים פאַרגעלייגט אויס־ארבעטן אַ פּראָיעקט אויסצוטריקענען די זומפּן צופוסנס דעם כרמל, צווישן די זומפּן זיינען געלעגן גרויסע שטחים פרוכטבארער באָדן, קיינער האָט זיי נישט באַארבעט, די מאַלאַריע האָט דאָרטן געקאָסט ווי אַ סערפ תבואה אין פעלד. דער שטח האָט אַ גרויסע צוקונפט, ער ליגט נאָנט צום שטאָט, די טענדענץ פון דער אנטוויקלונג פון שטאָט גייט אין דער ריכטונג פון די זומפּן, דאָרטן וועט מען בויען באַן־ליניעס, צענטראַלע באַן־ווערקשטאַטן אַ גרויסן אַעראָדראָם מיט אנגאַרן, דאָרט וועט זיין דער נאַפט־צענטער, דאָרטן וועלן זיך ענדיקן די מאָסולער נאַפט־רערן, דאָרטן וועט מען בויען פאַבריקן, די מניעה איז דערווייל די זומפּן, די פאַרשאָלטענע זומפּן אין נאָנטער שכנות.

סורין האָט אין זיין רעפעראַט דערציילט:

„כ'האָב דערזען די רחבות פון שטח, בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער ווייטער פּערספּעקטיוו. 6 חדשים האָט געדויערט די טאָפּאָגראַפישע פאַרמעסטונג, מיר האָבן אויסגעפונען אַז דער יסוד פון די זומפּן איז נישט דער טייך אליין, וואָס ליגט אויף ד ע ם שטח נידעריקער ווי דער ים, ווי ס'האָבן געמיינט מיינע פאָרגייער, זיי האָבן געמיינט, אַז דעם טייך קומט אָן שווער אריינצופאַלן אין ים, צעגיסט ער זיך, און אַזוי אַרום שאַפּן זיך די זומפּן. די דאָזיקע השערה, איז נאָר טיילווייז אַ באַגרינ־דעטע, איך האָב דאָרטן געפונען צענדליקער וואַסער־קוואַלן, וואָס ליגן גרופּנווייז אויף איין פּלאַץ, אָדער נאָענט איינער פון צווייטן. די וואַסער־קוואַלן וואָס דאַרפן אין אָריענטאַליש לאַנד, וואו דער דוחק אין וואַסער איז גרויס, זיין אַ ברכה, זיינען דאָ להיפּוך: אַ קללה. די קוואַלן, זיינען די הויפּט גורמים פון זומפּ. מיין פּלאַן איז אַזאַ: איך האַלט נישט פון פ א ר ש י ט ן די ז ו מ פּ ן. וואָרעם בעת מען פאַרשיט זיי אין איין אָרט, ווערן זיי גלייך נאָנט אין אַ צווייטן, ק ו ו א ל ן מ ו ז ן ג ע פ י נ ע ן ז י י ע ר א ו י ס ד ר ו ק! אונדזער הויפּט־ארבעט דאַרף זיין: רעגולירן, צונויפברענגען און פאַרשטאָפּן די קוואַלן. מען קען קאָנצענטרירן און צונויפנעמען די וואַסערן אין ספּעציעלע קאַנאַלן און באַסיי־נען, דורך אַ ברייטן צווייג פון דרענאַזש. די געזאַמלטע וואַסער וועט מען קאָנען פאַרברויכן פאַר די פעלדער. וואָס איז שייך דעם טייך, בין איך ביי דער פאַרקערטער מיינונג, ווי מיינע פאָרגייער.

זיי האָבן זיך באַמיט צו געפינען אַ וועג, ווי אַזוי דעם טייך אָפּ־פירן צום ים און אים דערמעגלעכן נאָרמאַל צו פליסן, כדי ער זאָל זיך נישט שפּרייטן אין זומפּ. מעגלעך, אַז אַזאַ אַרבעט וואָלט מען מיט דער צייט געקענט דורכפירן דורך פאַרשיידענע שליוזן, וואַסערפאַלן וכדומה; דער דערפאָלג וואָלט דאָך געווען אַ פּראָב־לעמאַטישער, ווייל דער טייך איז וואַסער־רייך אום ווינטער, בעת זומער איז ער טרוקן. מיין פּלאַן זאָגט דעם היפוך: סע פּענדי־קולאַר צום טייך אויסגראָבן טיפע קאַנאַלן כדי ווען דער טייך וועט ווערן וואַסער־פול און שטייגן, זאָל זיך דאָס וואַסער נישט צעגיסן אין זומפּן, נאָר אין די קאַנאַלן, אַזוי וועט מען קענען די „שווערע געשיכטע" רעגולירן. מען וועט רעגולירן דעם טייך, ביז מען וועט אים קענען נוצן אויף צופירן סחורות פון ים".

„וואָס איז שייך די קאָסטן, האָב איך, אדונים, צוגעשטעלט געגויע סמעטעס, איך וויל אונטערשטרייכן מיין מיינונג, אַז דער ערשטער דערפאָלג פון דער אַרבעט איז נישט אַזוי אָפּהענגיק פון געלט ווי פון די אַרבעטער, וואָס וועלן די אַרבעט דורכפירן. אַזאַ אַרבעט פאָדערט אויסדויער ביז התלהבות, ווען די אַרבעטער זיי־נען גוט באַלוינט זיינען זיי צופרידן, די אַרבעט איז דאָפּלט פּראָ־דוקטיוו, די פּראָדוקציע איז גרעסער. אַזוי ווייזן מיר מיינע חשבונות און אַזוי ווייזט די פּראַקטיק".

ס'האָט גערעדט דער פּקיד: „צוויי יאָר וועט די אַרבעט דויערן, מיר נייטיקן זיך שוין אין גרעסערע סומען, מוזן מיר פּרוּוון פאַרקויפן באָדן, די מענטשן מוזן קוקן אויף אונדז מיט צוטרוי און נישט מורא האָבן דאַרטן צו קויפן דעם באָדן, מיר מוזן מכריז זיין אין דער עפנטלעכקייט „אַז מיר טריקענען אויס דעם שטח, כדי אים צו קאָלאָ־ניזירן". פון דעם אויסגעטריקנטן שטח וועלן מיר, לאָמיר זאָגן, 300 דונאַם אָפּגעבן אויף אַן אַרבעטער־קוואַרטאַל פאַר די שטאַטישע אַרבע־טער. די אַרבעטער וועלן עס מיט צופרידנקייט אָננעמען, מיר וועלן זיי געבן הלוואות; אונדז לוינט עס, און זיי דערמעגלעכן ת י כ ף צו בויען הייזער, דאָס וועט זיין דער קערנדל פון ישוב. איר ווייסט מיינע הערן, אַז אַרום אַ ישוב פון 300 הייזער, וועלן שוין מענטשן קויפן ערד, דער פּרייז וועט שטייגן, און אַלץ וועט גיין כשורה ווי מיר האָבן פּרוּווס־געזען. די עקסיסטענץ פון אַרבעטער־קוואַרטאַל וועט אויך דינען די קונים פאַר אַ באַווייז, אַז נאָך טריקענען דעם זומפּ איז די מאַלאַריע פאַרשוואונדן, דער לעבעדיקער ישוב וועט זיין דער בעסטער באַווייז".

פאַר אַלע אָנטיילנעמער אין דער זיצונג איז דער פּלאַן געווען באַ־קאַנט פון פריער אין אַלע פּרטים, ער איז געווען גוט באַאַרבעט און גענוי קאָנטראָלירט, אַלץ איז אויסגעחשבונט, דעבאַטירט און באַשלאָסן אין

־ער ערשטער אינסטאנץ. אלא סוף זיצונג איז פאָרגעקומען אַ שטיקל אינצידענט מיט איינעם אַ חשובן אַנטיילנעמער, אַ מיטליאָריקער מענטש, מיט אַ קליין יאַרמעלקע אויפן שפּיץ־קאָפּ, האָט געמעלדעט, אַז ער מוז ביי דער געלעגנהייט פאַרטיידיקן די רעכט פון די „מזרחים", וואָס זיינען כסדר באַוואָלט, ער פאָדערט, אַז מען זאָל בפירוש באַשליסן אַז 20 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער ביי די ביידע אַרבעטן מוזן זיין מיטגלידער פון „מזרחי", „די הערן דאַרפן נישט פאַרגעסן אונדזער וואָג אין גלות, און די מזרחיסטישע אַרבעטער אין א"י זיינען אַ טייערער עלעמענט, וואָס שטייט נישט אין גרויסן, מאַכן נישט קיין שטרייקן, און אַרבעטן ביליק"... דער פאָרזיצער האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָ קען מען גאָרנישט באַשליסן, ער, דער פאָרזיצער, קען נאָר זאָגן זיין פּריוואַטע מיינונג: „די אַלגעמיינע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע זי ברענגט אַריין לעת עתה אין לאַנד 99 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטס־קרעפטן, זיי מוזן מיר האָבן, מיר האָבן זייער פיל אַרבעטן, קיינער מיינט נישט חלילה צו באַוואָלען די „מזרחים", איך קען ממליץ זיין, אַז אַ געוויסע צאָל „מזרחישע" עלעמענטן זאָל מען פאַרזיכערן אַרבעט אויפן כביש און אין די זומפּן", קיין שום תנאים בנוגע דעם קען מען נישט, און מען טאָר נישט אַרויסשטעלן דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. „מיר נייטיקן זיך, מיינע הערן, אין דעם, מיר נייטיקן זיך איצטער זייער, מער ווי אין אַנ־ד'ערשמאָל"...

# אָנגעהויבן

דעם אויפבוי פון כביש האָט אָנגענומען דער אונטערנעמער שטיין פון תל אָביב. דער אונטערנעמער האָט אויפגעעפנט אין „נוה שלום" אַ ביוראָ און איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. אין אַ באַגינען האָבן די מענטשן פון „נוה שלום" דערזען אַ לאַנגן בחור, וואָס שטייט אין מיטן דעם אויסגעטראָטענעם בלאָטיקן שטעג ביי אַ טאַכיאָמעטער, פוןביידע זייטן אויף אַ מרחק פון 50 מעטער שטייען אַרבעטער מיט לאַטעס. דער לאַנדמעסטער מאַכט אַ טאָפּאָגראַפישע מאַפּע פון דעם פּאַס ערד, וואו דער וועג דאַרף דורכשניידן, איצט מעסט ער די פּראָפילן פון באָדן; לויט זיינע אויסמעסטונגען וועט מען קענען פעסטשטעלן, וואו מען דאַרף רייסן די פעלדזן, וואו מען דאַרף אָנשיטן און וואו מען דאַרף אַראָפּ־גראָבן דעם באָדן. אַ צווייטע גרופּע אַרבעטער האָבן געמאָסטן די לענג און די ברייט פון ביידע זייטן שטעג מיט אַ שטאָלענעם מעסט־באַנד... די אַרבעטער האָבן אויסגעשטעלט רויט־ווייסע שטאַנגען, ווי סאָלדאַטן, אין אַ שורה, דער מעסטער האָט קאָמאַנדעוועט: „רעכטס", „לינקס", „אַביסל אָן אַ זייט" — „נעמט אַ גוטן ישר"... בייטאָג האָבן זיך באַוויזן אויפן באַרג גרופּן אַרבעטער מיט פּעק צונויפגעראָלטע מאַטראַצן און קישנס, מיט טשעמאָדאַנעס. אַנדערע האָבן געשלעפּט אויף די פּלייצעס לאָפּעטעס, באָמעס, טשאָקעס, איזמילן, קירקעס, ברעכשטאַנגען און ברע־טער.

אויף די לאָדנס פון די הייזער האָט מען אויסגעהאַנגען צעטלען מיט אויפשריפטן: „אַ צימער צו פאַרדינגען", „פרישע היימישע מיטיקן בזול", אַ „פּלאַץ צו נעכטיקן פאַר צוויי בחורים". די אַרבעטער האָבן געלאָזן די לאָדונג אינמיטן וועג און געגאַנגען פון שטוב צו שטוב דינ־גען צימערן. חברה האָבן זיך געזידלט און געשלאָגן: „ס'הייסט פּרייזן אויף צימערן, ס'וועט אויסמאַכן 40 פּראָצ' פון פאַרדינסט".

בערל האָט באַשלאָסן דערווייל נעמען אורלויב אין פאַבריק אויף

דריי חדשים, כדי איננאנצן נישט איבעררייסן מיט דער פאבריק. ער וועט זען, ער האט באקומען ארבעט אויפן כביש טאקע ביים פרעס־ראלער אלס געהילף מאשיניסט.

אין די פארנאכטן נאך דער ארבעט האט בערל צוזאמען מיט די איבעריקע ארבעטער פון פאבריק, וואס האבן געוואוינט אין „נוה שלום", געגראבן די וואסער־ציסטערנע, מען האט שוין געהאט אויסגע־גראבן און אויסגעהאקט א היפשע גרוב, וואו מען האט אויסגעמויערט פון די זייטן מיט צעמענט־בלאקן. באלעבאטים מיט פארלייגטע הענט אויף הינטן פלעגן פארבייגיין און קוועטשן מיט די פלייצעס.

דאס בויען די ציסטערנע האט איננאנצן ארויסגעבראכט פון די כלים די באלעבאטים פון ועד, זיי האבן זיך מישב געווען און געשיקט זאגן אין שטאט־ראט, אז היות ווי מען בויט דא א וואסער־ציסטערנע, וואס קען שאטן דעם געזונט, ווייל דארטן וועלן זיך קלייבן מאסקיטן, ס'וועט ווערן נישט קיין וואסער־ציסטערנע נאר א מאלעריע־נעסט". מען האט בערלען איינגעלאדן אין שטאט־ראט און געפרעגט, ווי אזוי דער־לויבן זיך מענטשן צו בויען צעסטערנעס אן א דערלויבעניש? בערל האט געקלערט, אז ער וועט אלץ דערציילן דעם בירגערמייסטער, דעם ריינעם אמת, נאר גלייך ווי ער האט דערזען דעם פעטן פנים, די קורצע פולע הענט, וואס שפילן זיך מיט א שווערער גאלדענער קייט אויפן זשי־לעט, האט ער זיך איבערגעקלערט: „ניין, נישט ער וועט אונדזער שופט זיין". האט אים בערל געענטפערט, אז ראשית וועט די ציסטערנע זיין גוט געשלאסן, מיט א שווערן בעטאן דעקל, קיין קאמארעס וועלן דארטן קיינמאל נישט קענען אריינפליען. „אויב מאלאריע, האבן מיר דאך אויך פרויען מיט קליינע קינדער און וויסן דעם טעם דערפון"; והשנית, האט ער געוואלט בעטן א דערלויבעניש. האט זיי דער חבר פון שטאטישן ארבעטער־ראט, דער אדוואקאט, געזאגט, אז מען דארף נישט קיין דער־לויבעניש, ווייל דאס איז אויסערן גרענעץ פון שטאט־ראט. דאס בלוט האט דעם בירגערמייסטער א שלאג געטאן אין פנים: „אזא חוצפה פון א שלעפער"! ער איז אויפשפרונגען און היסטעריש גענומען קלינגען אין גלעקל. דערשראקן איז אריינגעפאלן דער משרת. „גיי ברענג תיכף דעם אינזשעניער"!... דער שטאטישער אינזשעניער איז אריין, ער האט זיך פארנויגט פארן בירגערמייסטער און מיט הכנעה אנגעוויזן מיט א שטעקעלע אויף דער גרויסער שטאט־מאפע פון דער וואנט, אז „נוה שלום" ליגט ווירקלעך מיט 1,000 מעטער דרומדיקער פון יענער זייט שטאטישער גרענעץ.

רבקה מיט נאך עטלעכע פרויען האבן אומגעדולדיק אפגעווארט בערלען. בערל האט זיי דערציילט, וואס מען האט פון אים געוואלט אין שטאט־ראט. האבן די פרויען צופרידן געלאכט. פארנאכט, פארנאכט,

ווען די מענער האָבן געטינקעוועט די בלאָקן פון גרוב מיט אַ פּעטער צעמענט־מישונג, איז איבער זיי געשטאַנען מערע און מיט איר געלעכ־טער אַריינגעשריען אין גרוב: „מען וועט אייך נאָך אָנקלאָגן פאַר מלוכה פּאַראַט, געדענקט!"

באַגינען, ווען די סערענע אונטן אין דער פאַבריק ביי די ברעגעס פון ים האָט געזונגען די 6טע שעה, האָבן זיך אַרויסגעשאָטן קבוצות, קבוצות אַרבעטער מיט כלים אויף די אַקסלען, יעדער קבוצה האָט זיך אויסגעקליבן אַ שטח ווענ, וואָס זי האָט געדאַרפט פּאַרטיק מאַכן. מען האָט אָנגעצווינגן אַ שטריק אויף די נומערירטע פעלקלעך, וואָס האָבן אַרויס־געקוקט פון דער ערד, מען האָט אַריינגעשפּיגן אין די הענט, פאַרמאָסטן מיט די קירקעס האָט געבראָכן דעם ווידערשטאַנד, די אַרבעט איז אַוועק מיט פּליים און ברען, שטיקער ערד און שטיין זיינען געפלויגן פון די זייטן, פון דער ערד האָט געשלאָגן אַ ריח, וואָס האָט מענטשן פאַר־שיכורט און אָנגעפילט די גלידער מיט לוסט: איינס צוויי. איינס — צוויי, ביז די קירקעס שלאָגן זיך אָן אונטן אָן שטיין און ס'פליען פונקען. חברה האָבן זיך גענומען אָפּוואַרפן די אָנגעהויפטע שטיקער, ווער מיט לאָפּעטס, ווער פּשוט מיט די הענט, מען האָט געוואָרפן די גרודעס ערד, פון וועלכע ס'זיינען אַראָפּגעהאַנגען רחמנותדיקע צעריסענע שטיקער פון רעגן־ווערים, אויף אַנדער גרודעס האָט געווימלט מיט פאַרביימל־טע מוראַשקעס, גרויסע, ברוינע, זיי האָבן געשלעפּט אין די פּיסקעס, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט פאַרנעמען פון די חרובע היימען: טויטע פליגלען, קערעלעך, און רייז־פאַרמיקע ווייסע אייער.

אַרבעט אויפן כביש איז געווען בשפע, דער פּרעס־לאָרער האָט נאָך נישט געהאַט וואָס צום טאָן, ווייל ס'איז געווען ווייט צום סאָלינג. אַ סבוצה אַרבעטער האָבן בערלען צוגענומען צו זיך. בערל האָט גוט גע־קענט די כביש אַרבעט פון פריערדיקע צייטן, באַזונדערס שטיין־ברעכן, דאָס איז אַן אומנות, וואָס נישט אַלע קענען זי. מען האָט בערלען מיט צופרידנקייט אָנגענומען אין דער קבוצה. בערל איז געזעסן אויף אַ פעלדז מיט אַ גרויסן איזמיל, אַרומגעטוליעט מיט אַ נאַסע שמאַטע, ער האָט געדרייט דעם איזמיל רעכטס און לינקס. אויפן קאָפּ פון איזמיל זיינען יעדע רגע געפאַלן שווערע קלעפּ פונאַ 8 קילאָדיקן האַמער. אַ געזונטער בחור אין קורצע הייזלעך, מיט אַ רויטן טיכל אויפן האַלדז, איז געשטאַנען און געהוקעט: קלאַפּ־קלאַפּ, קלאַפּ־קלאַפּ. דער איזמיל איז מיט מאַטערניש לאַנגזאַם געקראָכן אין וואונד פון פעלדז. בערל בייט זיך מיטן בחור, אַ ווײַלע קלאַפּט דער בחור און בערל דרייט דעם איז־מיל, אַ ווײַלע קלאַפּט בערל און דער בחור דרייט דעם איזמיל. זיי קלאַפּן מיט פאַרנעם, מיטן ריטם פון געניטע שטיין־ברעכער. אַזאַ אויסגעלערנ־טע קלאַפּן מאַכט נישט מיד און גיט גוטע רעזולטאַטן. די וואונד אין

פעלדז דערגרייכט 50-60סענטימעטער אין דער טיף. נעמט בערל די לאַנג־הענטלדיקע לעפעלע און פוצט די וואונדיקע לאָך, מען פאַרבינדט אַ טרוקן טיכל אויף דער לעפעלע און די לאָך ווערט טרוקן אויסגע־ווישט. די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט פון שטיין־ברעכער פאַנגט זיך אָן, ווען די לאָך איז פאַרטיק, בערל נעמט די שייטלען צוקער און פּאַטאַש, מישט צונויף אַ געוויסע מאָס, וואָס בילדעט מיט זיך אַ שטאַרקן אויפרייס שטאָף נאָכהער דרייט ער אָפּ פון אַ קרענצל אַ לאַנגן קנויט, דער קנויט ווערט אַריינגעלייגט אין דער לאָך, די לאָך ווערט אָנגעפילט מיטן אויפרייס שטאָף. בערל קלאַפּט פאָרזיכטיק איין דעם צוקער מיטן פּאַטאַש און פאַרשטאָפּט עס פון אויבן מיט טרוקענע ערד. דעם פעלדז דעקט מען איבער מיט אַ שווערער אייזן־פּלאַטע, אויף דער פּלאַטע לייגט מען אָן שווערע שטיינער, כדי די שפּליטער פון אויפרייס זאָלן ווייט נישט פליען, נאָך די אַלע הכנות רינגלען אַרום די חברה פון דער קבוצה דעם צוגעגרייטן שטיין, און צעשפּרייטן זיך אין אַ קרייז ווייט אַרום און ס'הילכן געשרייען:

וואַרדאַ! וואַרדאַ! פאָרזיכטיק! מען שיסט! וואַרדאַ!

אַלע צעפליען זיך אין די דערבייאיקע הייזער, מען פאַרמאַכט אַרום די לאָדנס. בערל בלייבט דער לעצטער ביים אויפרייס־פּלאַץ, ער צינד אָן דעם קנויט און אַנטלויפט אויף גיך אָן אַ באַהעלטעניש. ביי אַלעמען קלאַפּן די הערצער פון דערוואַרטונג, מען ציילט די סעקונדן לויט דער לענג פון קנויט. די לופט ציטערט אויף פון אַ שטאַרקן דונער מיט אַ רויעך, ס'פליען שטיינער, שפּליטער און זאַמד, וואָס קלאַפּט זיך אָפּ אָן די דערבייאיקע דעכער, טויבן פליען אין דער לופטן צעשראָקענע, חברה לויפן צוריק, מען דעקט אָפּ דעם צעשמעטערטן פעלדז, און מען קלאַפּט בערלען צופרידן אין פּלייצע:

„אַ טייערער שאָס, חבר בערל, אַ האַלבן קוב שטיין!"

רבקה גייט אַלע טאָג שפּאַצירן מיטן קינד „כאַפּן פרישע לופט" לענג־אויס דעם מענטשן געווימל ביי דער אַרבעט פון כביש. רבקה ווערט מיטגעריסן מיטן טעמפּ פון דער אַרבעט. פאַר אירע אויגן לעבן אויף אַמאָליקע טעג און חדשים, ווען זי האָט געאַרבעט ביים בוי פון „כביש טבריה" ווען זי האָט געקלאַפּט שאָטער און געזונגען מיט די חברה אין כאָר. די זכרונות צעחושן איר, אין איר מוח נעמט נאָגן: „עך רבקה, אַ מאַמע ביזטו מיט אַלע מאַמעס גלייך, מיט ווינדעלעך, מיט טעפּעלעך, מיט אַ קינד אויפן האַנט און אַ קיך אין דער פּערספּעקטיוו"... „לאָז נאָר דאָס קינד אויפוואַקסן"! דאָס קינד האָט נישט געוואוסט פון רבקהס אומעטיקע מחשבות, האָט עס פּרובירט כאַפּן איר נאָז, אָדער זיך איינ־פּלאָנטערן אין די האָר. רבקה דערפילט דאָס קינד און די אומעטיקע מחש־בות פאַרשווינדן צוזאַמען מיט דער בענקשאַפט נאָכן תכלית. רבקה

ווערט איבערגעלאָדן מיט צערטלעכקייט, זי פילט זיך ווי שולדיק קעגן קינד פאַר אַזעלכע געדאַנקען, פאַרטומלט זי די שולד און הוידעט און וואַרפט און כאַפּט דאָס קינד צוריק דער זון אַנטקעגן. זי גייט אַראָפּצו זען, וואָס בערל טוט; דרייט דעם איזמיל רעכטס און לינקס, אָדער ער שטייט און קלאַפּט מיט אַ 8־קילאָדיקן האַמער איבערן קאָפּ פון איז־מיל, וואָס זיין חבר דרייט רעכטס און לינקס: „קוק, עמוס, זאָגט רבקה צום קינד, דיין פאָטער מיט די ברידער אַרבעטן, קוק זיך צו, ווי זיי אַרבעטן זונעלע, אַ וועג וועט דאָ זיין, אויטאָמאָבילן וועלן לויפן און דו וועסט מיט דעם וועג אין שול גיין, זע, דיין פאָטער מיט די ברידער טרעטן דאָ אויס אַ וועג"...

# אין רעגנדיקע טעג

דער הארבסט האָט זיך געראַנגלט מיטן ווינטער. דער ווינטער האָט מיט זיינע קאַלטע ווינטן געטריבן דעם פאַרשפּעטיקטן הארבסט. דער הימל איז צייטיק געוואָרן צום רעגן. ס'קלייבן זיך כמארעס, פריער שטיק־לעך פון פאַרשיידענע גרויסן, די שטיקלעך שטרעבן צו פאַראייניקונג, דער ווינט לאָזט נישט, ער צעטרייבט זיי צוריק. טרעפט זיך, אַז אַ שווע־רע שטיק כמארע האַלט נישט אויס אין דער לופטן, זי פּלאַצט און לאָדט אָפּ ס'ביסל רעגן, לסוף האָט דער ווינט בכבודו אַליין געבראַכט דעם מזרח־ווינט מיט דער גאַנצער אַרטילעריע דונערן און בליצן, דער הארבסט האָט זיך אויף אַן אמת דערשראָקן און איז אַנטלאָפן. דער הימל איז גיך אָנגעלאָדן געוואָרן מיט פולע געקנייטשטע וואָלקנס, עס איז אויסגעפאַלן דער ערשטער ווינטערדיקער רעגן, ווען די ערד האָט דורשטיק אויסגעטריקנט ביזן לעצטן טראָפּן. אין טאָג פון ערשטן רעגן האָט מערע געהאַט איר שבת, די פרייע טעג פאַרברענגט מערע אין גערטל אַרום באַראַק, מיט אַ לאָפּעטע און גראַבל, זי גראָבט, זי פלאַנצט און לעבט איבער טיג, ווי אין דער גרויסער קבוצה אין טאָל פון יזרעאל. אין אירע שבתים פאַרגעסט מערע אָן דער קיך, אָן דער שטאָט און אָן אַלץ אַרום; זי האָט געבעטן אין קבוצה, מען זאָל איר שיקן אַ פּאָר צענד־ליק נטיעות פון ציפּרעסן און קאַזאַרינעס. גרויס איז געווען איר פרייד, ווען מען האָט איר די נטיעות געבראַכט. מערע האָט זיי געפלאַנצט אַרום בערלס באַראַק. עס זיינען געפאַלן די ערשטע שווערע טראָפּנס רעגן, מע־רע האָט אויפגעצאַפּלט, זי האָט אַ טרייסל געטאָן איר צעפּודלטן קאָפּ און מיט פליים וווייטער געגראָבן אַ בייט. דער רעגן האָט זיך פאַרשטאַרקט און געגאָסן ווי מיט עמערס, איז נאַס געוואָרן, ס'האָט איר גאָרנישט געקימערט, זי איז געשטאַנען אונטערן שטראָם און מיט הנאה געקוקט דעם אויפגעריסענעם בייט. רבקה קלאַפּט אין פענצטער און רופט זי אהיים: משוגענע!

א ווילדע פרייד האָט מערען באַהערשט אין דעם ערשטן גום רעגן, זי האָט געוואָרפן מיטן קאָפּ, געשפּרונגען מיט די באָרוועסע פיס פון איין בייט צום צווייטן און הילכיק געלאַכט. דער רעגן האָט איר געשמיסן אין פּנים און ריטשקעווייז גערונען פון קאָפּ איבערן האַלדז צום נאַקעטן לייב. אַז דער רעגן האָט נישט אַזוי גיך אויפגעהערט, האָט זי אַרומגע־שאַרט גרויסע שיסלען אַרום די געפלאַנצטע ביימער, די שיסלען האָט זי געשאַרט מיט די הענט. אַן אויסגעשמירטע מיט דער פעטער קלעפּי־קער ערד איז מערע אַריינגעלאָפן אין שטוב.

אַז דער רעגן האָט גענומען פאַלן, האָבן די אַרבעטער פון כביש געמוזט אָפּשטעלן די אַרבעט. עס איז שווער צו אַרבעטן אין רעגן, די ערד איז קלעפּיק, די שטיינער נאַס. די אַרבעטער זיינען אַוועק צו זיך אין די צימערן אָדער אין עס־שטוב פון דער אַרבעטער־קיך. די עס־שטוב איז געוואָרן פאַר זיי דער קלוב, וואו מען האָט געלייענט, געשפּילט אין שאָך, אין דאָמינעס, אָדער געפירט אַן סופיקע וויכוחים. דער ערשטער אין דער דיסקוסיע איז געווען יאַשעק דער „פּראַקטיאָנער". יאַשעק איז אַ יונגער בחור פון אַ יאָר 24, צו 18 יאָר איז ער געוואָרן אַ „שומר" אין דער קליינער גאַליצישער שטעטל — זיין היים. די עלטערן האָבן אויף דעם געקוקט מיט חשד. זיי האָבן עס פּרובירט באַרעכטיקן מיט דעם, וואָס „יאַשעק געפינט זיך סוף כל סוף צווישן באַלעבאַטישע אָנ־שטענדיקע קינדער", ווען יאַשעק האָט אויפגעהערט לערנען, האָבן אים די עלטערן פאַרביטערט די טעג: „אַזאַ בחור מעג אַוועקוואַרפן די שטו־תעריי. אַזאַ בחור מעג זיך אויסזוכן אַן אָנשטענדיקערע אַרבעט ווי זיך ברעכן אויף אַ שטעקן". דער פאָטער מיינט, יאַשעקן צו מאַכן זיין רעכ־טע האַנט: „לאָז ער זיך בילדן קאָמערציעל", אָבער יאַשעקן איז דער „שומר" מיט די זומערדיקע לאַגערן אויף דער פרישער לופט, ווייט פון דער היים, בעסער געפעלן געווען ווי די נודנע קאָמערציעלע בילדונג, „קאָנטאַקאַרענט", „קרעדיט", „דעבעט", „דעפּיציט און באַלאַנס". דער מחנך פון זיין „נעסט" האָט די יוגנט באַגייסטערט פאַר ארץ־ישראל, דער מחנך האָט דערציילט פון דעם וואונדערשיינעם לעבן אין ארץ־ישראל, וואו יעדער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין אויפבוי פון יידישן פאָטערלאַנד".

יאַשעק איז זייער מקנא געווען זיינע קריסטלעכע חברים פון דער גימנאַזיע, וואָס זיינען שטאָלץ מיט דער אייגענער „אָיטשיזנע", גרויס איז יאַשעקס קינאה געווען אין די נאַציאָנאַלע ימים טובים: למשל, אין דריטן מאַי, ווען אַלע שולן גייען אין שורות, יעדער שול אונטער איר פאָן, זיי מאַרשירן צום פּאַראַד, די קריסטלעכע חברים שטויסן יאַשעקן אָן אַ זייט: „זשיד, דאָ פּאַלעסטינע"... וויפל פרייד עס האָט יאַשעקן גע־בראַכט דער מחנך פון „נעסט"! „אין ארץ ישראל וועסטו האָבן אַ איי־

גענעם יידישן פּאַטערלאַנד מיט אייגענע ימים טובים, דאָרטן זיינען נישטאָ קיין שקצים און קיינער וויט דיר נישט שטויסן אין אַ זייט".

יאַשעק געפינט זיך אין לאַנד צוויי יאָר צייט. פריער איז ער געווען אין אַ שומרישער קבוצה אין אַ קאָלאָניע פון יהודה. יאַשעק האָט פאַר דער צייט אַנטייל גענומען מער אין שטרייק־פּאַטרולן ביי די מאַראַנצן־סעדער, ווי אין נאַציאָנאַלע פּאַראַדן; זיינע יונגע פּלייצעס האָבן באַוויזן טועם צו זיין זשאַנדאַרישע נאַהייקעס, אַרבעט איז אין דער קאָלאָניע געווען, שווערע אַרבעט, און דאָס עסן אין קבוצה איז קנאַפּלעך און נישט אַזוי באַטעמט ווי אין דער היים, יאַשעק האָט מיט זיין גאַנצן יונגן לעבן זיך געריסן צום תכלית, צום עיקר, ווי דער מחנך האָט זיי גע־לערנט און איבערצייגט: — דער תכלית — „דאָס אייגענע פּאַטערלאַנד", איז נישט געווען אַזוי העל און ליכטיק, ווי יאַשעק מיטן גאַנצן נעסט האָבן געטרוימט אין זומערדיקן לאַגער. יאַשעק האָט גענומען צווייפלען די נאָענטסטע צייט צו קענען ווערן אַזוי חוצפּהדיק דרייסט, ווי זיינע קריסטלעכע חברים פון דער גימנאַזיע, יאַשעק האָט גענומען זוכן אַ טרייסט אין די פאַרביטערטע פּאַריאַושטע גרופּן פון דער „פראַקציע". עס איז זיי שווער געווען אין ארץ ישראל, ביסלעכווייז האָט זיך אין זייי־ערע הערצער צעפלאַקערט אַ פאַרביסענע שנאה צום ציוניזם, וואָס האָט זיי אַרויסגעריסן פון דער געמיטלעכער זאָרגלאָזער סביבה פון דער היים. דער ציוניזם האָט זיי פאַרשלעפּט ווייט איבער ימים און געצוואונגען שווער צו אַרבעטן מיטן ביטערן שוויים. גאָר אָפט האָט מען געהונגערט און געקרענקט, די „פּראַקציאָנערן" האָבן פון טיפן האַרצן געהאַסט דעם יידישן אַרבעטער — זיי האָבן געהאַסט זיך אַליין אַלס אַרבעטער, אַר־בעטער, ערגעץ טיף אין בלוט האָט געפייניקט די בירושהדיקע שנאה צו דעם „געזעל" צום „גראָבן יונג", אַ שינאה אין בלוט פון אָבות אבותיהם, גבירים, סוחרים, פאַבריקאַנטן...

אין עס־שטוב פון אַרבעטער־קיך איז יאַשעק געזעסן אויף אַ טיש און דורכן פענצטער אַרויסגעקוקט אין אומעטיקן דרויסן. יאַשעק האָט דערזען אַ קאַראַוואַן קעמלען, וואָס איז געגאַנגען אין אַ לאַנגע שורה צוגעבונדן צו אַ קליין אייזעלע אין שפּיץ, אויפן אייזעלע רייט אַ דורכ־גענעצטער אַראַבער, מיט אַ זאַק אויפן קאָפּ, מיט אַ לאַנגן שטעקן אין האַנט. יאַשעקן האָט פאַרקלעמט ס'האַרץ פון רחמנות צום עלנטן דורכ־גענוייקטן קאַראַוואַן־טרייבער, עס האָט זיך אים אַרויסגעריסן אַ געשריי: „קוקט, חברה, ווי נידעריק און אָרעם דער אַראַבער איז אין ארץ ישראל; וואָס פאַר אַ פאַרברעכן מיר באַגייען מיטן בויען דעם כביש, מיטן בויען די באַן וכדומה. די כבישים און די באַנען צעברעכן דעם גאַנצן מעמד פון קאַראַוואַנען־טרייבער, זיי פאַרלירן זייער אָרעם ברויט, מיט וועלן ענדיקן דעם כביש, וועלן דאָ אויטאָמאָבילן לויפן, ווער וועט עס נוצן אַ

קעמל צו פירן משא? דער עלנטער אראבער, וואס רייט דא איצט פאר־בײ אונדזערע פענצטער, וועט דאך אינגאנצן רואינירט ווערן! נידער מיטן כביש, נידער מיט די באנען!... אונטן טריקנט מען דעם זומפ, פאר־ניכטעט מען זיין פאשע־פלאץ, וואו וועט דער אָרעמער בעדואינער פא־שען זיין שאָף? זאָגט אליין: — איז נישט דער ציוניזם אידענטיש מיטן אימפעריאליזם? צעברעכן מוזן מיר דעם אימפעריאליזם צוזאמען מיטן ציוניזם — גענוג דלות און שקלאפעריי!"

„טיפש, ליקווידאטאר, עפענדי!" האבן חברה געשריען. צו וואס בויסטו דעם כביש? צו וואס נעמסטו ארויס דאס ביסן פון מויל די אָרע־מע אראבער? וואס ביסטו בעסער פארן פעאדאל? — דער פעאדאל טענהט פונקט ווי דו, מען דארף נישט קיין כבישים, מען דארף נישט קיין באנען, מען דארף נישט קיין טראקטאָרן, לאָז בלייבן דער זעלבער טעמפ ווי ביז איצט — דער טעמפ פון קאראוואנען, פון אייזל דאס איז דעם עפענדי צום הארצן, וועט בלייבן די תקופה פון קאראוואנען מיטן אייזל־טרייבער, וועט קיינמאל נישט אויפקומען קיין ארבעטער־קלאס אין ארץ ישראל, דאס ווילן די עפענדים, צוזאמען מיטן אימפעריאליזם — זיי ווילן נישט קיין ארבעטער־קלאס"... פארוואס יאשעק, חברסטו זיך נישט בעסער מיטן אראבישן ארבעטער? פארוואס זעסטו נישט, אז די יידישע ארבעטער זאלן מיט די אראבישע ארבעטער זיך פאראייניקן אין איין קלאס, הא?

„אז די יידישע ארבעטער זיינען ציוניסטן", שרייט יאשעק.

— „שוויינ, — פארמאך ס'מויל", האט געדונערט א פעסטע שטים. דאס האט געשריען יאשע „באק", דער „הפועל־הצעירניק" — „שוויינ, קאמינטערן, טשעקא, פארמאך ס'מויל! — עפענדי!"

יאשע באק איז געלאפן אנטקעגן מיט אויסגעשטעלטע פויסטן, נאר חברה האבן אים פארהאלטן און נישט געלאזט, און יאשעק האט היס־טעריש געשריען: „פארוואס פארשטייט איר נישט, אז די נאציאנאל־אראבישע באוועגונג, וואס איר רופט „עפענדישע", זי איז דאך דער איינציקער כוח, וואס קען צעברעכן דעם אימפעריאליזם, און נישט אייער שאוויניסטישע ארבעטער ארגאניזאציע", די נאציאנאל אראב" — יא־שעק האט נישט באוויזן צו ענדיקן זיין ווארט, ווי חברה לצים האבן איבערגעדרייט דעם טיש, יאשעק איז אראפגעשפרונגען, די חברה האבן אים געגומען אונטערן אָרעם און אוועקגעזעצט אויף א באנק. מען האט גענומען זינגען, אקאמפאנירנדיק מיטן גאפל, לעפל און פוסטע טעלער, יאשעק האט זיך געבייזערט, קיינער האט מער אויף אים קיין אכט נישט געלייגט, אלץ האט געזונגען:

זונטיק און מאנטיק האק איך שטיינער,
בים־באם, בים־באם...

מאַנטיק און דינסטיק ברעכן די ביינער,
בים־באַם, בים־באַם...
דאָנערשטיק און פרייטיק — אין די גריבער,
בים־באַם, בים־באַם...
קומט דער שבת ליג איך אין פיבער,
בים־באַם, בים־באַם...

אין עס־שטוב איז טונקל געוואָרן, די חברה זיינען אַלץ געזעסן און געזונגען, ביז דער פאַרוואַלטער האָט אָנגעצונדן די לאָמפּן און אויסגערופן, אַז דאָס עסן איז פאַרטיק.

צופוסנס דעם כרמל און זומפּיקן טאָל האָט די אַרבעט געפיבערט, דער אינזשעניער סורין איז געווען אומעטום, וואו מען האָט אים געדאַרפט, ער קומט מיט בינאָקל פאַרוואָרפן אויף אַ רימענדל איבער דער זייט, מיט דער בלעכערנער טוטל מאַפּעס, די מאַפּעס וויקלט ער פאַנאַנדער, מעסט און ציילט, טרעט נישט אָפּ פון אַרבעטס־פּלאַץ. נישט זעלטן טוט אויס סורין די שיך, פאַרקאַשערט די הויזן, וואַרפט אַראָפּ דעם ראָק און קנעט דעם זומפּ צוזאַמען מיט די אַרבעטער. וויפל מאָל בלייבט ער שטיין פאַרגליווערט,, פאַררייסט דעם קאָפּ, זיינע נאַקעטע פיס פילן אַ קאַלטן שפּרודלדיקן שטראָם פון אַ קוואַל, סורין בייגט זיך איין און שטופּט אין זומפּ די הענט טיף, ביז די גרינע וואַסערן נעצן די ווייסע אַרבל פון עמד.

— „אַ קוואַל, חברה, אַ קוואַל!" שרייט דער אינזשעניער סורין, „אַ גיט אַ הער!" „די מאַפּע דערלאַנגט!"

אַ פּאָר יונגעז שטייען ביז איבער די קני אין זומפּ, מען קלאַפּט אַריין אַ פּלאָקן מיט אַ ברעטל וואו עס איז אויפגעשריבן „קוואַל נומ' 17". סורין צייכנט דערווייל אַריין דעם קוואַל אויף דער מאַפּע.

סורין האָט גאָרנישט געקלערט פון רעגן. ווען עס האָט אָנגעהויבן גיסן, האָט ער געפּאָדערט מען זאָל ווייטער אַרבעטן — „ס'מאַכט נישט אויס, וואָס מען נעצט זיך איין". סורין האָט געפיבערט מיטן פייער פון דער אַרבעט און געמיינט דעם פיבער איבערגעבן די חברה. לייבוש איז תמיד געווען נאָענט צו סורינען, ער איז געווען באַגייסטערט פאַר זיין אייזערנעם ווילן. דער שווייגער לייבוש האָט דערהערט, ווי סורין פאָדערט אַרבעטן אין רעגן, האָט זיך פאַר לייבושער ברוסט אַרויסגעריסן: „מסכים!" נאָכהער האָט זיך לייבוש פאַרשעמט, פאַר זיין דרייסטקייט, ער האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

דעם זעלבן אָוונט האָט סורין באַקומען אַ בריוו פון אויבערדאָקטער פון דער קראַנקן־קאַסע, אַז ער פאַרווערט קאַטעגאָריש די אַרבעטער צו אַרבעטן אין רעגן ביי די זומפּן. די סכנה פון רעוומאַטיזם און מאַלאַריע קען מען נישט אָוועקמאַכן מיטן האַנט. סורין האָט זיך געראָגזהט און

געברומט אין דער באָרד אריין: „ליאַלקעס זיינען זיי, צי וואָס?" קיין ברירה איז נישט געווען, סורין האָט געמוזט מסדר זיין ספּעציעלע אַר־בעטן אויף ווינטער, ווי גיסן רערן, קלאַפּן שאָטער, פירן שטיינער, מאַנ־טירן די מאַטאָרן און פּלומפּן. דאָס אַלץ קען מען מאַכן זיך אויסבאַהאַל־טנדיק פון רעגן, אַ שאָד 3 חדשים צייט!

ביי בערלען זיינען אין די רעגנדיקע טעג תמיד געווען געסט, חברים אָדער שכנים. די געשפּרעכן האָבן זיך על פּי רוב געדרייט אַרום די ענינים פון זעד מיטן וואַסער, און דער אַרבעט אויפן כביש.

ווען קיין געסט זיינען נישט געווען, פּלעגן אין די רעגנדיקע טעג זיצן בערל, רבקה און לייבוש און שמועסן פון דער אַלטער היים. זיי דערמאָנען זיך אָן די פאַרגאַנגענע יאָרן, און בויען פּלענער, ווי אַזוי צו ברענגען די עלטערן אין לאַנד. רבקה האָט נישט געהאַט קיין עלטערן, איז איר זייער ליב געווען די זאָרג פאַרן שווער און שוויגער, וועלכע זי האָט אביסל געקענט פון דער היים. רבקה איז געווען מיט בערלען פון איין שטאָט, פון אַ באַזונדערער סביבה, זיי האָבן זיך אפילו אָנגעקערט פּאָר ווייטע קרובים, אָבער אין דער היים נישט געהאַט צווישן זיך קיין שום מגע. לייבוש האָט נישט אויפגעהערט צו קלערן פון אַניוטען. רבקה דערמאָנט שטענדיק אַניוטעס נאָמען, לייבוש ווערט רויט, בערל איז מרמז רבקהן מיט די אויגן, זי זאָל בעסער שווייגן, אין האַרצן טוט אָבער לייבושן הנאה ווען ער הערט ריידן פון אַניוטען.

אָפט פּלגט מערע אויך ביי־זיין ביי די אינטימע פאַמיליען־גע־שפּרעכן. מערע איז געווען אַן אייגענע אין שטוב און קיינער האָט זיך פאַר איר נישט געקווענקלט ביים אַרומריידן די פאַמיליע־ענינים. אדרבה, מען האָט מערען משתּף געווען ביי די געשפּרעכן, און געפרעגט אַ מיי־נונג. טייל מאָל האָבן זיך אַלע געשפּילט מיטן קינד. דאָס קינד איז אונ־טערגעוואַקסן און האָט שוין געקענט אונטערשיידן די מענטשן איינעם פון צווייטן. בערל זעצט זיך אויף אַלע פיר אויף דער פּאַדלאָגע, דאָס קינד זיצט אויף אים רייטנדיק, רבקה מיט מערען האַלטן עס צו פאַר די דענטלעך פון ביידע זייטן, לייבוש שטייט פון ווייטן, די הענט אין די קעשענעס, און, קוקט זיך צו, ווי זיין ברודער פּויזעט אויף דער ערד, און מערע לאַכט אַריבער דאָס קלאַפּן פון רעגן אין בלעכערנעם דאַך; ווי אַ וואָגן וואָלט אויבן געפאָרן, אַזוי קלאַפּט דער רעגן אין דאַך.

## לעצטע אַקאָרדן

לייבוש האָט פּלוצלינג באַקומען אַ קליין בריוול פון אַניוטען, אַניוטע שרייבט אים, אַז זי איז שוין דריי וואָכן צייט ביי איר פעטער אין ירושלים, זי האָט אים בכוונה פריער גאָרנישט געשריבן נישט וועגן דעם, אַז שוין פאָרט זי אין ארץ ישראל און נישט וועגן דער צייט, ווען זי קומט אָן מיט דער שיף. זי האָט נישט געוואָלט מאַכן לייבושן קיין שום זאָרגן און אויפרעגן אומזיסט. זי בעט לייבושן, ער זאָל קומען אויף שבת קיין ירושלים, „זי וויל אים זען און ריידן". אויב אים איז באַקוועם ער זאָל קומען מיטן בייטאָגיקן צוג און גלייך פאָרן צום הר־הצופים, „זי וועט אויף אים וואַרטן אין אמפּיטעאַטער".

דעם בריוול האָט אַניוטע ווידער געענדיקט: „גריס בערלען מיט רבקהן".

א נ י א.

לייבוש איז צעטומלט געוואָרן פון בריוול, ער איז שטיין געבליבן, אין מיטן צימער, דאָס בריוול איז אים אַרויסגעפאַלן פון האַנט, רבקה האָט פון ווייטן געזען אַלץ, זי האָט זיך געשראָקן, „אפשר האָט וואָס פּאַסירט אין דער היים, צי וואָס?" זי האָט אויפגעהויבן דאָס בריוול און גיך דורכגעלאָפן מיט די אויגן איבער די שורות, מיט כעס האָט רבקה אַ שליידער געטאָן דעם בריוו: „אַזאַ חוצפּה! אפילו נישט קומען דערוואַרטן ביים באַן, אַ צעלאַזנקייט פון אַ בת־יחידה"... רבקה האָט פּאַרזיכטיק גענומען לייבושן אונטערן אָרעם און וואַרעם מיט האַרץ שטיל געטענהט: „זיי נישט צערודערט, קינד איינער, ביזט יונג, אַ לעבן שטייט דיר פאָרויס, מיין נישט, אַז עס איז שוין סוף וועלט, זיי אַ מענטש"... לייבוש האָט גאָרנישט געהערט, ער האָט לייכט זיך באַפרייט פון רבקהס אומאָרמונג און שווער אָפּגעאָטעמט: „גאָרנישט, רבקה, ס'איז מיר זייער שווער, איך מוז פאָרן און איר זען, איך מוז!"

לייבוש איז געקומען אין ירושלים ,אין דער אויסגעבענקטער שטאָט ירושלים, לייבוש האָט אַזוי פיל געשטרעבט צו זען די ·שטאָט, און אַט גייט ער איבער די גאַסן פון ירושלים, ער פילט נישט די וואַרעמקייט די קדושה, וואָס דאָס וואָרט „ירושלים״ פלעגט ביי אים תמיד וועקן. מיטן וואָרט „ירושלים״ איז ביי לייבושן פאַרבונדן זיין גאַנצע קינדהייט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט, אין די חדרים ביי דרדקי מלמדים, אין חדר, אין די קאַלטע אָוונטן, ביי אַ טונקל שיין פון נאַפט־לעמפל, זיצט דער רבי און דערציילט פון ירושילם, ל״ג בעומר אונטער אונטערן שטאָט — דערציילט מען פון ירושלים, און פון שבעה עשר בתמוז ביז שבת נחמו רעדט מען טאָג און נאַכט פון ירושילם. וואו איז כסלו־טבת מיט חנוכה? וואו איז סוכות, שבועות, פסח מיט די עולי רגל? און דער פאָטער, מענדע חייט, זינגט אַלע שבת פאַרנאַכט גייענדיק הין און צירוק איבערן צימער. ער זינגט, זינגט און פאַטשט מיט די הענט:

ירושלים עיר הקודש!

ירושלים עיר הבירה!...

לייבוש שפּאַנט איבערן ברוק פון דער אַלטער שטאָט, ער קלערט פון גאָרנישט — נאָר פון אַניוטען. גלעקער זשומען איבער דער שטיינערנער ירושלים, שפיצן פון צלמים און מינאַרעטן רייסן זיך צום הימל, וואָס איז צעצונדן אין צענדליקער שרפות אין פייערדיקע פאַסן צעשפּרייט איבער אַלע צעדרייטע גאַסן און געסלעך, איבער געסלעך געוועלבטע און נישט געוועלבטע, מיט שוואַרצע דעכער פון אויבן איבער צעהויקערטע און צעדרייטע קובן, לייבוש שפּרייזט און די גלעקער זשומען: בום־בום, בום־בום...

לייבוש האָט דערגרייכט די קאָפּ פון הר־הצופים באַצירט מיט גרינס, און ווייסע סטעזשקעס און שטיינערנע פליכן, צעשניטן, דער באַרג שמייכלט אין צעפלאָמטער השתוממות פון זון אונטערגאַנג. אין אַ ווינקל אויף אַ שפּוע מיט אויסבליק צום ווייטן טונקל־בלויען ים־המלח מיטן פּנים צום תהומיק־שטאַל־קאָלירענעם מדבר יהודה, געפינט זיך דער אַמפיטעאַטער.

לייבוש איז געזעסן אויף אַ שטיין און מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ, וואָס האָט זיך געריסן פון דער ברוסט אַרויס, האָט ער געזען, ווי אויף אַ סטעזשקע שלייכט זיך, ווי אַ זעאונג, אַניוטע, שלאַנק ביז צום ציטערן, די זעאונג שוועבט אים אַנטקעגן „אַניוטע! ציטעריקע דו מיינע!״ ווי זי האָט זיך פאַרענדערט!

לייבוש איז אויפגעשפּרונגען, ס׳האַרץ האָט געצאַפּלט, כאָטש לאָז איר אַרויס פון ברוסט.

זיין קאָפּ איז געפאַלן אין אַניוטאָס שויס, און ער האָט דערפילט דעם לאַנג־באַקאַנטן דופט פון זיין אַניוטען און איז שיכור געוואָרן פון

די בשמים, די קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט, — אָט, אָט פאַרלירט ער ד'עם באַוואוסטזיין, אָט, אָט — — — אַניוטע האָט געגלעט זיינע האָר, געגלעט מיט די אויסגעקושטע לאַנגע ציטערדיקע פינגער, ביז זי האָט אויסגעשטומט: „לייבוש!"

איז לייבוש אויפגעשפּרונגען, ער האָט אַזויפיל צום זאָגן און דער־ציילן, אַז דער תהום פון מדבר יהודה וועט אַלץ נישט קענען פאַרנעמען, ער האָט זיך איינגעביסן אין אַניוטעס בליקן, אַניוטע האָט נישט אויס־געהאַלטן און אַראָפּגעלאָזן די אויגן, אויסגעמיטן לייבושעס קוק, לייבוש האָט זיך פאַרלוירן. אַניוטע האָט איר קאָפּ ווידער אויפגעהויבן און דרייסט אָנגעשטעלט אויף לייבושן אירע ספק בלויע, ספק גרויע קאַלטע אויגן פון אונטער די דעכלעך פון אירע לאַנגע וויעס.

— „לייבוש! צו וואָס זיך פייניקן אַזויפיל צייט, צו וואָס? רעכן אַראָפּ אונדזערע קינדער־יאָרן, האָבן מיר באַוואוסטזיניק געלעבט בס"ה עטלעכע יאָר צוזאַמען, ווילסטו איך זאָל דיר פעלשן און באַהאַלטן דעם אמת? ניין לייבוש, כ'בין צו דיר צו טיף אויפריכטיק, אויפריכטיק ביז גאָר, אַנישט וואָלט איך דאָ, איצט, מיט דיר נישט געזעסן. ביזט מיר טייער, האַרציק טייער ווי מיין אייגענער לעבן, וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך קען דיר נישט ליבן ווי פריער, כ'קען נישט מער! כ'וויל דיר ליבן אָבער אַלץ איז פאַרשוואונדן, אויסגעזונגען די לידער, אַלע זיסע יונגע ניגונים, נישטאָ מער, לייבוש... נישטאָ יענער לייבוש, וואָס האָט גע־לעבט אין מיר, מיט מיר, מיט מיין גאַנצן וועזן, נישטאָ מער יענער לייבוש, וואָס כ'האָב אומעטום געזען, וואָס איז אומעטום מיט מיר גע־גאַנגען, נישטאָ!

ווי גליקלעך וואָלט איך געוואָלט זיין ווי אַמאָל, ווידער שפּרינגען מיט דיר אַרום די הויכע טאָפּאָלן פון אונדזער אַלטן שטאַטישן פּאַרק, פאַרגיין אין טאָפּלדיקן געלעכטער און דיינע שטאַרקע אָרעמס, פלאָנטערן אין זיסן פיבער, זיך טרינקען אין תהום פון דיינע קינדערישע אויגן, וויגן דיין יונגן קאָפּ אין מיין שויס. כ'האָב גאָרנישט פאַרגעסן, נישט דעם מינדסטן פּרט פון אונדזער פאַרגאַנגענעם גרויסן גליק, דאָס רגע קורצע גליק... דיינע קושן האָבן געבליט אויף מיר, כ'פיל זיי ביז היינט; ווי הייליקע קמעות האָב איך אָפּגעהיט די ברווינע ביסן דיינע אויף מיין יונגן לייב, כ'האָב זיי געהיט און געוויינט ביי זייער פאַרגיין, צי האָט אָן דיר מיין לעבן געהאַט אַ זין? אַלעמען פלעג איך רופן מיט דיין נאָ־מען, כ'האָב פאַרגעסן די וועלט אַרום, ווייל חוץ דיר האָט גאָרנישט עק־זיסטירט, כ'האָב צוליב דיר מיין היים צעבראָכן, כ'האָב געלאָזן אין שווערן צער מיינע אַלטע עלטערן, כ'האָב אויפגעגעבן מיינע פריינט און נאָענטע, אַלעמען פאַרטריבן, ביז דער לעצטער חברטע, כ'האָב געשוועבט אין אַזאַ זיסער שכרות אין יונגן גליק... דערמאָן זיך, לייבוש, יענעם

ביטערן אוונט, בעת דו האסט זיך געגרייט צום פארן, דערמאן זיך: — כ׳האב געוויינט און זיך געבעטן, כ׳בין דיר געפאלן צו די פיס: — לייד בוש, פאר נישט אליין, נעם מיר מיט, כ׳וועל עס נישט אויסהאלטן, כ׳קען אן דיר נישט לעבן, דו ביסט געשטאנען פארגליווערט און דיינע ליפן האבן געשטאמלט: ניוטא — יוטא — — — „מוז פארן, ביסט שוואך ניוטא, יוטא, פריער מוז איך פארן, אויסבויען די נעסט דארטן און אויסגעבענקטן לאנד, צופוסנס דעם כרמל, צי אין בלומיקן טאל יזרעאל״, האט געשעפטשעט ווי א קינד, און דו האסט נישט פארנומען מיין צער וועו די באן האט מיט איר ווייטיקדיקן פייף דיר אוועקגעריסן פון מיר און אוועקגעטראגן... כ׳האב געבליבן פארגליווערט און דערזען מיינע צוויי צענדליק יונגע יארן ווי פארוועלקטע אן א זין אין די פוסטע צימערן פון דער צעבראכענער היים, נאכהער האב איך אזא לאנגע צייט די ווערטער פון דיינע בריוו געטראגן אויף מיינע ליפן ווי תפילות, אזוי א חודש, צוויי, דריי, א האלבן יאר, א יאר און ווידער א יאר ביז, ביז דו, דער לעבעדיקער לייבוש, האט פאר מיר אויפגעהערט עקזיסטירן ווי א ממשותדיקער יש, ביזט געווארן א לעגענדע, א פאפירענע בריוו־לעגענדע, וואס האט מיר נאר דערמאנט פון דיר דעם לעבעדיקן לייבוש, ביסלעכווייז האסטו גענומען פארשוואונדן פון מיין דמיון, אויסוועבן, א צייט לאנג האב איך דיר נאך ווי געזען ווי פון א נעפל ארויס, א ווייטער, ווייטער נעפל, ביז דו ביזט פארשוואונדן... מיין 24טער יאר האט זיך געריסן און געברויזט ווי פרילינגס־וואסערן פון א הויכן בארג־אראפ, מיין 24טער יאר האט זיך געריסן צום לעבן מיט דורשט, מיט לײדנשאפט, כ׳האב געוויינט,ה׳ כ׳האב געביסן מיין יונגן לייב ביז בלוט פון כעס און רציחה איבער זיך אליין, ווי אזוי האב איך דיר פארלוירן אפילו פון מיין דמיון, ווי אזוי קענסטו פון מיין לעבן פארשווינדן?

כ׳האב דיר פריער געשריבן אלץ, גארנישט פארבארגן, כ׳האב געמיינט אז דו וועסט אלץ געפינען און ארויסלייענען פון צווישן די שורות ארויס פון מיינע בריוו צו דיר.

כ׳האב דיר נישט געקאנט אנטאן יסורים מיט פרטים, צי האסטו פון די בריוו, מיינע לײדן נישט ארויסגעלייענט?! אט בין איך איצט ווי דו אין אויסגעבענקטן לאנד, כ׳האב זיך באמיט צו וועקן, שפּינען און קרעפטיקן יענעם זיסן חלום אונדזערן, ס׳איז אבער פון אלץ גארנישט געווארן, ס׳געוועב וואס האט אונדז געבונדן איז דינער און דינער געווארן, ווי א פעדעמל, ביז א האר פון א שפינוועבס, און דעם אמת געזאגט, האט מיר אט דער האר אהער געבראכט, כ׳האב געהאפט אז דא דיי וועט מיר געלינגען פון דאס ניי פונעם חלום אויסשפינען דאס פארשוואונדענע ווארע, כ׳בין שוין דא הי מער ווי א חודש, כ׳קען נישט שלאפן, כ׳קען נישט עסן, כ׳קען נישט לעבן, כ׳האב געמיינט, געטראכט

— — — אָבער, לייבוש, דער האָר איז איבערגעריסן נישט צוריק צו פּאַרקניפּן, פון דער אַמאָליקער בלומיקער אויסגעקוועטשטער ליבע איז געבליבן אַש, אַ בוקעט פּיינלעכע האַרציקע יוגנט זכרונות — — — — — — — —

די גלעקער האָבן אויפגעהערט ברומען אין דער שטאָט ירושלים. נאַכט איז צוגעפאַלן, די צעצונדענע שרפות איבערן הימל־געוועלב — אויסגעלאָשן, דער מדבר יהודה איז פאַרשוואונדן, צוזאַמען מיטן ווייטן ים המלח דערטרונקען אינעם חושך. טויזנטער אויגן האָבן זיך צעפינקלט ארום באַרג ציון און אין טאָל רפאים. פון אַ ווייטן מינאַרעט האָט אַ מואזין געציקלט ניגונים אין דער לופט אַריין... לייבוש האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און געזוכט אַניוטעס אויגן, ער האָט געטראָפן אויף איר לענגלעך בלאַסן געזיכט צוויי שנירלעך טרערן.

— „הייסט עס אַז ס'איז אויס?"

— „יאָ, לייבוש, ס'איז אויס".

אַניוטע האָט זיך אויפגעהויבן און ווי אַ זעאונג פאַרשוואונדן אין דער ווייסער סטעזשקע אין דער ריכטונג צו די בנינים פון אוניווערזיטעט אויפן הר הצופים.

פון אויבן איז אַראָפּגעהאַנגען דער סאַמעט פון אַ נאַכטיקן קאַלטן ווינטער־הימל, וואו נישט וואו, אויסגעזעצט מיט פינקלדיקע בריליאַנטן. אַ העלער מעטעאָר האָט מיט אַ פייערדיקע בייטש אַ וויש געטאָן דעם שוואַרצן סאַמעט פון הימל, ווי אין צווייען צעשניטן אויף איין איינציקן אויגנפינטל און פאַרשוואונדן אין ווייטן תוהו.

„אויס" — האָט לייבוש געשטאַמלט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויפגעהויבן פונעם קאַלטן שטייניקן אַמפּיטעאַטער טרעפּ, „אויס".

מיט געבראָכענע טריט איז לייבוש אַוועק מיט דער זעלבער ווייסער סטעזשקע וואו אַניוטאַ איז אַט ערשט פאַרשוואונדן.

# אַ שפּיאָן אויפן כביש

דעם 26טן דעצעמבער ....192
די רעגירונג פון פּאַלעסטינע (א"י)

✶

צענטראַלע פּאָליציי־פּאַרוואַלטונג פון דער שטאָט מ.

**דעם הער בערל חיים**

„נוה שלום".

סיר!

אין אויפטראַג פון פּאָליציי־שעף האָב איך דעם כבוד אייך איינצו־לאַדן אויף מאָרגן 9 פרי אין דער געביידע פון דער צענטראַלער פּאָליציי נומ' 7.

איר ווערט געבעטן מיטצונעמען מיט זיך אייערע פּערזענלעכע דאָ־קומענטן.

איך, אייער אונטערטעניקער קנעכט
(א חתימה פון א נאָמען)
פּאָליציי־אָפיציר.

בערל האָט איבערגעלייענט דעם בריוו און געקוועטשט מיט די פּליי־צעס: „צו וועלכן גוט יאָר דאַרפן זיי מיר דאָרטן האָבן מיט מיינע פּער־זענלעכע דאָקומענטן"? רבקה האָט זיך דערשראָקן און זיך געבעטן ביי בערלען, ער זאָל גיין צום אַדוואָקאַט פון אַרבעטער־ראַט פרעגן, אפשר ווייס ער, וואָס דאָס איז. בערל האָט איר באַרואיקט, ער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט און אַריינגעלייגט דעם בריוו אין קעשענע. אינסטינק־טיוו איז בערל געוואָרן אומרואיק, ער האָט גענומען איבערקלייבן אין געדאַנק אַלץ, וואָס ס'האָט געקענט פּאַסירן, אַז מען זאָל אים דערפאַר

רופן אויף א פארהער אין דער פּאָליציי. „צי איז עס ווידער נישט א מסירה פון עמיצן פון די ועד־מענטשן וועגן ענין מיט די וואסער״?

אין צימער נומ׳ 7 פון דער צענטראַלער פּאָליציי, איז געזעסן א יונ־גער יידישער אָפיציר אין ברילן מיט א הויכער באַראַשקענע פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ.

— „זיצט, אדון, חיים!״ האָט דער אָפיציר העפלעך געזאָגט צו בערלען, — „אפשר ווילט איר רויכערן?״ — „זייט זיך מכבד״! האָט ער אָנגעוויזן אויף א קעסטל ציגאַרעטן אויף זיין שרייבטיש. דער אָפיציר האָט ארויסגענומען פון זיין שופלאַד א רויטע פּאַפּקע, פול מיט בריוו, און גענומען אויספרעגן בערלען, ווי מען רופט אים, ווי מען רופט זיין פרוי ,ווי לאַנג אין לאַנד, פון וועלכער מדינה מיט וועלכער שיף געקו־מען, ווי הייסן זיינע עלטערן, וואו ער ארבעט און וויפל ער פארדינט.

— פארוואָס, אדון חייט, האָט איר פארלאָזן די פאבריק?

— ווייל דער פארדינסט איז מיר קנאַפּ צו דערנערן מיין פאַמיליע.

— צי וואוינט עמיצער מיט אייך חוץ אייערע פרוי?

— יאָ, מיין ברודער.

— צי געהערט איר צו א פּאַרטיי?

— ניין.

— אין חוץ לארץ האָט איר געהערט צו פּאַרטיי?

— ניין, כ׳האָב נאָר געהערט צום החלוץ.

— צי קענט איר מיר נישט זאָגן, אדון חייט, מיט וואָס פאַר א שליחות איר זיינט מיט עטלעכע וואכן צוריק געפאָרן קיין תל אביב?

— צוליב ענינים מיט שטייערן און וואסער אין אונדזער קוואַרטאַל.

— אזוי נאָר? און אז איך וועל אייך זאָגן, אז איר זיינט געפאָרן אויף א געהיימער קאָנפערענץ אין שליחות פון א גרופּע מענטשן, וואָס האָבן זיך ביי אייך געהאַט פארזאמלט דעם און דעם טאָג 8 אזייגער אין אָוונט?

בערלען האָט זיך געוואָלט לאכן, נאָר אָנקוקנדיק ווי די אויגן ביים אָפיציר האָבן זיך אויסגעשפּיצט, איז בערל געוואָרן ערנסט און גע־ענטפערט:

— אויב איר וועט עס באַווייזן ,וועט איר מיר אָנקלאָגן אין געריכט.

— איך בעט אייך, אדון חייט, ענטפערן צו דער זאַך און מיט מיר נישט מאכן קיין חכמות!

— דאָס איז צו דער זאַך, אדוני!

דער אָפיציר איז בייז אויפגעשפּרונגען און אין איין אָטעם אויס־געשריען פון פּאַפּיר ארויס:

„דער מענטש, וואָס הייסט בערל חייט, פירט אָן מיט א געהיימער אָרגאַניזאַציע אין „נוה שלום״, וואָס איז אויסן זיך קעגנצושטעלן די

עקזיסטירנדיקע מאכט, ער בונטעוועט די אַרבעטער, וואָס בויען דעם כביש, און העצט די איינוואוינער, זיי זאָלן נישט צאָלן קיין שטייערן דעם ועד פון „נוה שלום”. דער מענטש איז שעדלעך פאַר דער אויבנ־יערמאַנטער סביבה און ס'איז נייטיק איינצוצאַמען זיין טעטיקייט...”

— נו, — האָט אויסגעשריען מיט נצחון דער אָפיציר, וואָס וועט איר זאָגן צו דעם?”

בערל האָט גאָרנישט געענטפערט, ער האָט נאָר אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס. דער אָפיציר האָט געהייסן בערלען גיין. ער האָט פון אים צוגענומען דעם פּאַס מיט דער „תעודת עליה” און אָנגעזאָגט, אַז „דער אדון בערל חייט זאָל זיין גרייט צו דערשיינען אין פּאָליציי ביי יעדער צייט ווען מען וועט אים אַרויספאָדערן.

צו דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט דער אָפיציר געשריבן, אַז לויט די ראַפּאָרטן פון געהיים־אַגענט נומ' 7־7, האָט ער איינגעלאַדן דעם ה' בערל חייט צו זיך אויף אַן אויספאָרשונג; ער האָט איינגעזען, אַז דער מענטש איז אינטעליגענט, פאַרביסן, פּאָלי־טיש זייער ראַפינירט, ער פאַרלירט נישט קיין איבעריקן וואָרט, ער לייגט פאָר אריינצוטראָגן בערלען אין דער שווארצער רשימה „צ”, אין דער קאַטעגאָריע מיטן צושריפט: „אונטער אויפזיכט”.

בערל האָט געטראָפן אין דער היים רבקהן מיט פאַרוויינטע אויגן, די גאַנצע שטוב איז געווען איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אראָפּ, די בעט־געוואַנט אויף דער ערד, די ביכער צעוואָרפן, די אַלטע משפחה־בריוו צעשאָטן איבערן צימער, די בילדער אויף די ווענט אויסגעדרייט, ברע־טער פון דיל אויפגעריסן, אַפילו ס'בעטעלע פון קינד איבערגעדרייט אין דער מאַטראַצל אויפגעטרענט, דאָס קינד האָט געוויינט ביי רבקהן אויף די הענט ,און געוואָרפן מיט די הענטלעך... בערל האָט באַלד תופס גע־ווען, וואָס איז פאַרגעקומען אין די פּאָר שעה צייט פון זיין אָפּוועזנ־הייט, רבקה האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן, זי האָט געשלוכצט אָן טרערן, — „פאַרשאָלטענע”, האָט בערל מיט פאַרקריצטע ציין אַ ברום געטאָן.

די ידיעה וועגן דער הויז־זוכונג און אויספאָרשונג ביי בערלען איז גיך באַקאַנט געוואָרן צווישן די כביש־אַרבעטער. נישט געקוקט אויפן גאַס־רעגן, האָבן זיך חברה געלאָזן צו בערלען אָנקוקן צי ס'איז ווירקלעך אַזוי ווי מען דערציילט, די חברה האָבן געשאָלטן, געזידלט און געהאָלפן בערלען צוריק אין אָרדענונג ברענגען די היים. אַלע האָבן בערלען גע־קענט פאַר אַ רואיקן אומפּאַרטייאישן אַרבעטער, וואָס נעמט אַפילו נישט קיין אָנטייל אין די וויכוחים פון קיך, וואָס איז דאָ געשען?

צום אָוונט־עסן איז די אויפרעגונג נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן צווישן עולם אין אַרבעטער־קיך, „כיבע אַ שפּיצל, אַ שמעקער אַ פראַ־

וואַקאַטאַר זיצט דאָ צווישן אונדז", האָבן חברה מיט פאַרביטערונג געטענהט.

אין אַ ווינקל ביי אַ קליין טישל, האָבן זיך צונויפגעקומען עטלעכע אַלטע אַרבעטער פון די מומחים, פון די יעניקע וואָס מען רופט „אַנטי־קים" זיי האָבן זיך שטיל געסודעט און אַרומגעקוקט. ס'איז קלאָר געווען, אַז צווישן עולם האָט זיך פאַרקליבן אַ שפּיצל. די אַלטע חברה האָבן באַשלאָסן צווישן זיך די „פויגל" דעמאַסקירן און פאַרטרייבן.

טעווקע „מאַפּעלע" האָט געזאָגט, אַז דער שפּיצל שטעקט ערגעץ צווישן די קבוצות. טעווקען האָט מען גערופן „מפּיל־קינד" להיפּוך פון זיין אויסזען, בס"ה איז ער געווען אַ יונג מיט ברייטע פּלייצעס, וואָסע־רע 6 פוס הויך, מיט אַ פּאָר קינדערשע אויגן, און אויסגעפּראַצעוועטע הענט, וואָס זיינען געווען אַפּט אַרויסרייסן אַ בוים מיט די וואָרצלען.

„נאָר אין די קבוצות שטעקט ס'טינופת", האָט טעווקע נישט גע־וואָלט נאָכגעבן.

— „און איך זאָג", האָט זיך אָפּגערופן יעקע „פּאַסיווער ווידער־שטאַנד", אַז „דאָס איז נאָר אַ מסירהלע פון די ועד־מענטשן מחמת די עסקים מיטן וואַסער".

נאָטע שומר האָט אויף יעקען אַ שפּיציקן קוק געטאָן, אַזש יעקען איז קאַלט געוואָרן. איז יעקע שטיל געוואָרן, און מער אַ וואָרט נישט פאַרלוירן, ער קען נישט ווידערשפּעניקן נאָטען, ער ציטערט פאַר אים און פאַר זיין חוזק צונג, ווארום נאָטע איז דאָ דער איינציקער וואָס ווייסט יעקעס מיאוסן סוד: — מיט אַ יאָר 8 צוריק איז יעקע אַליין גע־גאַנגען פון פעלד אַ היים, בעדואינער האָבן אים אָפּגעטאָן אַ מיאוסע מעשה, וואָס יעקע וועט נישט פאַרגעסן ביזן טויט, די בעדואינער האָבן זיך פאַרגנבעט הינטער יעקעס פּלייצעס, פאַרוואָרפן אַ טוך איבער זיין קאָפּ, פאַרשטאָפּט ס'מויל מיט גראָז, אויסגעטאָן מוטער־נאַקעט און צו־גענומען זיינע קליידער און שיך, נאָכהער האָבן זיי פאַרבונדן זיינע אויגן, און מיט אַ שטריק צוגעבונדן די הענט אויף הינטן און מיט אַ שמאַטע קוים פאַרבאָרגן זיין ערוה, זיי האָבן יעקעס וואַסער־פלאַש אָנ־געמאָלקן מיט ציגן מילך, און די פלאַש אַריינגעשפּאַרט צווישן זיינע פאַרבונדענע הענט, זיי האָבן אים ביטער געשלאָגן, אַרויפגעפירט אויפן הויפּט־וועג און אָפּגעלאָזן.

יעקע איז געווען אַזוי צעטומלט און צעמישט, אַז ער האָט נישט געפילט ווי ער איז אין אַזאַ מעמד אַריינגעקומען אין הויף פון דער קבוצה וואו נאָטע איז געווען אַ שומר. נאָטע האָט אים אָפּגעבונדן, ווילד אָנגעקוקט מיט פאַראַכטונג און אָנשטאָט מיטגעפיל, אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים: — „דו קראַליק, דו פּחדן, האָסט דאָך געהאַט אַ געלאָדענע „כלי" אין קעשענע, אַ טייערע נייע כלי מיט גאָלד צוגלייך, וואָס האָסטו

געשווינגן״? ווייל יעקע האָט אויך געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע פון די שומרים האָט מען מחמת בושה און פּרעסטיזש די מעשה פאַרשוויגן און דערשטיקט. די שומרים טראָגן נישט אַרוים אַזאַ חרפּה מחוץ למחנה... צווישן זיך האָט מען זיך לכתּילה געבייזערט, אָבער צום סוף געקייקלט פון געלעכטער באַזונדערס פונעם איינפאַל מיט דער פלאַש ציגן־מילך, דערפאַר האָט מען יעקען פון יענעם טאָג און ווייטער אַ נאָמען געגעבן „פּאַסיווער פידערשטאַנד״, אַ נאָמען וואָס איז אים פאַרבליבן ביזן הייני־טיקן טאָג...

יעקע האָט זיך דערמאָנט די מעשה און זיך טיף איינגעגראָבן אין זיין אַלטן סאָלדאַטסקן שינעל און מער אַ וואָרט נישט געזאָגט.

נאָטע „שומר״ האָט בכלל זייער ווייניק גערעדט, צווישן די ציינער האָט ער אויסגעזיפּצט: „דער מנוול איז דאָ צווישן אונדז אַלעמען, איר וועט באַלד זען״.

נאָטע האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ רוף געטאָן מיטן האַנט אַ בחורל, וואָס האָט זיך געדרייט צווישן די טישן:

— איי, חבר! גענאָסע! קום נאָר אַהער, זיי זיך מטריח און זיי מכבד מיט אַ סיגאַר!

צו זיי איז צוגעגאַנגען אַ נידעריק בחורל, אָנגעטאָן ווי אַלע אַר־בעטער אין אַ אָפּגעריבן סאָלדאַטיש רעקל, קורצע הויזן, נאַקעטע פיס אין שווערע באַטשוועקעטע אַרבעטס־שיך, דער בחורל האָט ליבלעך אַרויס־גענומען פון קעשענע אַ קעסטל ציגאַרעטן „בבקשה חבר, זיי זיך מכבד!״ — אַ שיינעם דאַנק״.

דער בחורל האָט זיך אַרומגעקוקט אַ ווײַלע און איז צוריק אַוועק צווישן דעם עולם. נאָטע האָט אַ שמעק געטאָן פון ציגאַרעט, איבערגע־לייענט דעם אויפשריפט און אים באַהאַלטן אין היטל. ער האָט אויפגע־זוכט אַ חבר פון „ועד הפועלים״ און אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויפן בחורל געפרעגט, „ווער איז ער, צי דער ועד קען אים?״ דער ועדניק האָט זיך פאַרזיכטיק אויסגעדרייט, אָנגעקוקט דעם בחור און געענטפערט: „ניין״.

דער בחור איז אים אַביסל פאַרדעכטיק, ער אַרבעט נישט, נאָר ער דרייט זיך אַרום צווישן חברה, דער ועד האָט זיך שוין אינטערעסירט מיט אים, מען איז דערגאַנגען, אַז ער איז דאָ אין „נוה שלום״ אַ פריי־שער; ער זאָל זיין אַ „צאַברע״, אַ היי־געבוירענער, אַ זון פון אַ כולל גבאי אין ירושלים.

נאָטע האָט דעם ועדניק אַ שלעפּ געטאָן צום זייטיקן טישל וואו עס זיינען געזעסן טעווקע און יעקע „פּאַסיווער ווידערשטאַנד״. נאָטע האָט אַרויסגענומען פון היטל דעם ציגאַרעט און געזאָגט: „קוקט עס אָן חברה, דאָס איז נישט פון אונדזערע ציגאַרעטן, עס איז „אַן עמיר״,

וואָס קאָסט 20 שטיק 4 גרוש, אַזעלכע ציגאַרעטן רויכערן קיינמאָל נישט קיין אַרבעטער, דאָס איז זיכער דער שפּיצל, וואָס פּאַסקודיעט אויף אונדז אונטער אין דער פּאָליציי, — ער האָט עס משמעות אָנגעפּאַסקודיעט אויף בערלען"...

די חברה האָבן זיך איבערגעקוקט, נאָכהער האָבן זיי זיך שטילער־הייט איבערגעשמועסט: — „מאָרגן וועט מען עפּעס טאָן"...

4 מעת לעת ווי ס'רעגנט אָן אויפהער, די צעווייקטע פעלדער האָבן באַוויזן זיך גוט אָנצוטרינקען און אַרויסגעבן אַ צאַרט גרינעם גראָז, וואָס האָט געציטערט אויף מרחקים אַרום און אָפּגעפרישט ס'אויג. דאָס אויג איז מיד געווען פון דער נאַנטקייט. באַרג־אַראָפּ האָבן געפּלאָפּלט שטראָמען וואַסער, די לאַנגע קאַנאַלן פּאַזע דעם כביש זיינען פול גע־וואָרן, די אָנגעצויגענע שטריק האָט געפּלאַצט פון נאַסקייט, לענג־אויס דעם כביש האָבן זיך געוואַלגערט איבערגעדרייטע קופּעס שטיינער. פון גיין צו דער אַרבעט האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין. חברה האָבן שפּעט געשלאָפן, נישט געקומען צום פרישטיק, און שפּעטער פון מיטיק נישט געגאַנגען אַ היים, זיי איז ליבער געווען צו בלייבן בחברותא אין דער עס־שטוב פון אַרבעטער־קיך, אין די ענגטע צימערן איז געווען נודנע, קאַלעמוטנע, אין דער עס־שטוב איז אויך געווען אומעטיקלעך, אַלע וויצן האָט מען געהאַט אויסדערציילט, די חכמות אָפּגעטאָן, דער עולם האָט פיל גערויכערט, געלייענט צייטונגען, געגענעצט און צוגע־שוויגן, צו דיסקוסיעס האָט געפעלט שטימונג.

אין איינעם אַזאַ טאָג, ווען דער עולם איז געקומען עסן, האָט מען מיט איבעראַשונג געפונען אויפן מודעות־ברעט אַ געשריבענעם פּלאַ־קאַט בזה הלשון:

**„אַרבעטער פון אַלע פעלקער פאַראייניקט אייך!"**

„היינט 8 אוונט, נאָכן אוונט־עסן, וועט דאָ אין עס־שטוב פאָר־קומען

„אַ חברים־פאַרווײַלונג מיט געזאַנג, טענץ און שפּילערייען.

**„איינטריט־פּרייז 1 גרוש".**

„די ריינע הכנסה איז געווידמעט דעם צובייס, וואָס וועט זיין צום סוף!"

חברה „טראַסק".

דער פּלאַקאַט האָט אַלעמען הנאה געטאָן, דער עולם האָט געוואוסט, אַז דאָ שמעקט מיט אַ שטיקל אַרבעט פון די „אַנטיקים", אַז זיי זאָגן עפּעס צו וועט נישט זיין אומעטיק.

דעם אָוונט־ברויט האָט מען אָפּגעגעסן בחפזון, אַלע האָבן זיך באַ־זאָרגט מיט בילעטן, און געבליבן זיצן ביי די טישן, מען איז געזעסן ביז „מאַפּעלע" האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַנט אין טיש, אַזש דער

טיש איז אויפגעשפרונגען. „מאַפּעלע" האָט געמעלדעט, אַז די פּראָגראַם פאַנגט זיך אָן, דער ערשטער נומער איז „געזאַנג"... דער עולם האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן, און זיך אַרומגעקוקט, ווער איז דאָ דער זינגער, ס'איז שטיל געוואָרן, מען האָט געוואַרט און געוואַרט, ביז טעווקע „מאַפּעלע" האָט ווידער אַ געשריי געטאָן:

— „נו, מען האָט דאָך געזאָגט, אַז ס'הויבט זיך אָן מיט געזאַנג

— טאָ וואָס שווייגט איר? צי זיינען אייערע כּלים קאַליע, צי וואָס? זינגט!"

דער עולם האָט זיך אַ רגע איבערגעקוקט און אויסגעשאָסן מיט אַ דילכיקן געלעכטער, אַז די ווענט האָבן געציטערט: יאָשע באָק האָט מיט זיין מעטאַלענעם קול אַ דונער געטאָן: „נו! — „זבחו זבחי צדק" — טראַ־לאַ־לאַ־ליאַ־לאַ! מען האָט געזונגען. דער איינפאַל איז געפעלן געוואָרן, נאָכהער האָט טעווקע געמאָלדן:

„הפסקה".

אין עס־שטוב האָט גערוישט ווי אין אַ בינשטאָק. חברה האָבן געטומלט און געהוליעט. דער ירושלימער בחורל אין סאָלדאַטישן רעקל מיט די שווערע שיך האָט זיך אַרומגעדרייט פון גרופּע צו גרופּע, ער איז געווען גוט אויפגעלייגט און האָט זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער, אויף אַ טיש, אין אַ ווינקל, איז געזעסן נאָטע „שומר" מיט יעקען — „פּאַסיוווער ווידערשטאַנד",ביידע האָבן נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון בחורל. יעקע האָט געשטויסן נאָטען מיטן עלנבויגן און געמורמלט: „זע, קוק אים נאָר אָן", פון זיך אַליין האָבן זיך געשאָפן רעדער מיט רעדלעך, טעווקע האָט געשפּילט אויף אַ האַרמאָשקע און דער עולם האָט געזונגען צום ריטם פון אַ טאַנץ:

„די מאַמע האָט געקאָכט וואַרעניקעס,
„און איך בין דאָך פּליישיק!
„האָב איך געקענט אַ שיינע מיידל,
„האָב איך צו איר חשק".
„טאַ־ראַ, טאַ־דאַראַ, טאַ־ראַ־ראַ־ראַ."

מען האָט ווידער אַזוי לאַנג געזונגען און געטאַנצט ביז טעווקע האָט אַריינגעלייגט די האַרמאָשקע אין קעשענע און אויסגערופן:

„הפסקה"!

יעקע איז אויפגעשטאַנען און פאַרגעלייגט איצט צו שפּילן אין „פּאַטשקעס", די שפּיל באַשטייט אין דעם, וואָס איינער זעצט זיך אין מיטן צימער אויף אַ שטול, אַ צווייטער בויגט זיך איין מיטן הינטערשטן חלק אַרויף, דער וואָס זיצט, האַלט פעסט צו דעם אויסגעבויגענעם די אויגן. אַרום שטייען אַ 6־7 מאַן, איינער גיט אַ פּאַטש, און דער מיט די געבונדענע אויגן מוז טרעפן ווער ס'האָט געפּאַטשט. אויב ער טרעפט,

ליגט זיך דער וועמען ער האָט געטראָפן, און יענער מוז ווייטער טרעפן, אויב דער וואָס ליגט טרעפט נישט, ליגט ער ווייטער און כאַפּט פּעטש ביז ער טרעפט...

נאָטע האָט זיך ברייטלעך געזעצט אויף אַ שטול, אַרום אים האָבן זיך צונויפגעקליבן חברה אין אַ רעדל, דער עולם האָט זיך אויסגע־שטעלט אויף בענק און טישן, כדי בעסער אָנצוקוקן די שפּיל. ס'האָבן זיך געמאָלדן די ערשטע 8 מאַן צום שפּיל, צווישן זיי דער ירושלימער בחורל.

נאָטע האָט אַ וואונק געטאָן צו יעקען, יעקע איז צוגעגאַנגען צום בחורל און געזאָגט: — „דו ביזט דאָ דער יינגסטער פון אַלע לייג זיך דער ערשטער און איר, חברים, ציילט בקול רם ביי יעדער פּאַטש ווי יום־כפור אין שול, מיטן ניגון פון דער עבודה:

אחת־ואחת,

אחת־ושתים...

נאָטע האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע זיין גרויסע קאָפּ־טוך, אַריינגענומען אין איר דעם בחורלס קאָפּ, און די קאָפּ פעסט צוגעדריקט צו זיין שויס. נאָטע האָט אַ פינטל געטאָן מיטן אויג, ביי דער זייט איז אויסגעוואקסן טעווקע, און יעקע האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

חברה! ציילט: — „אחת־ואחת"...

„אחת־ואחת", האָט דער עולם אין כאָר מיט געלעכטער אויפגע־זונגען. טעווקע „מאַלפּע", האָט אַ הויב געטאָן אַ האַנט ביז דער סטע־ליע, נאָכהער אַראָפּגעלאָזן איר דעם בחורל אויפן הינטערשטן חלק מיט אַזאַ כוח, אַז דער עולם איז פאַרגליווערט געוואָרן. דער בחורל איז אויפ־געשפּרונגען, גיך האָט ער אויסגעפּלאָנטערט די קאָפּ פון נאָטעס קאָפּ־טוך און מיט פאַרטערטע אויגן אויסגערופן: „נישט אַזוי שטאַרק, חבר"... נאָטע האָט אים צוריק געכאַפּט די קאָפּ, אַריינגעשטופּט איר צווישן זיינע קני און טעווקע האָט ווידער אַ דונער געטאָן מיט זיין איי־זערנער האַנט... נאָטע האָט מער נישט אָפּגעלאָזט דעם בחורלס קאָפּ, טעווקע האָט אַזוי לאַנג געקלאַפּט ביז, ער איז מיד געוואָרן און געזאָגט: „דער בחור קען שוין צוריק פאָרן קיין ירושלים"...

אין עס־שטוב האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, איינצעלנע מענ־טשן פון עולם האָבן געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר, ס'האָבן זיך געהערט מיידלשע קולות, „גענוג, גזלנים, גענוג"... נאָטע האָט אָפּגעלאָזן דעם בחורל, דער בחורל איז געפאַלן צו דער ערד, און גענומען וויינען מיט ביטערע טרערן, „וואָס ווילט איר פון מיר, רוצחים"! יעקע האָט אים אַ הייב־געטאָן און געזאָגט אין אויער אַריין: „תיכף זאָל דיין געביין נישט ווערן פון דאַנען, פון דער שטאָט. איצט ווייסטו וועסטו ווי צו שמעקן... מאַרש"!

דער בחור איז שטיל געוואָרן, זיין פאַרוויינטער פּנים איז ווייס געוואָרן ווי קרייט, ער האָט אויסגעגלאָצט די אויגן, און צוהאַלטנדיק מיט איין האַנט דעם אונטער־חלק, האָט ער אינסטינקטיוו אונטערווייּ־לעכס זיך גענומען שאַרן צו דער טיר:

„וואַרט, וואַרט נאַר בחור"! האָט אים נאָכגעשריגן צוריקגערופן, „נעם דיר מיט דיין ציגאַרעט, דו נבלה איינע"! און נאָכטע האָט פון זיין היטל אַרויסגענומען אַ צעקנייטשטן ציגאַרעט, דעם וואָס ער האָט נעכטן ביי אים גענומען, ער האָט אים דעם ציגאַרעט אַ שטופּ געטאָן אין אָפענעם מויל. נאָכטע האָט אים צוגעפירט ביז דער טיר און אַרויסגעשטויסן אין דרויסן: — „פון אַזאַ חזיר טויג אַפילו דער האָר נישט, יאַללאַ דו אויס־וואורף" — — — !

דער בחור איז פאַרשוואונדן אין גאַס־רעגן, אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. מער האָט מען אים אין „נוה שלום" נישט געזען.

בערל האָט גאָרנישט געוואוסט פון דער גאַנצער געשיכטע, ווי אַזוי זיינע אַלטע חברים האָבן זיך אָפּגערעכנט מיטן שפּיצל, וואָס האָט אויף אים אָנגעפלוידערט אין דער פּאָליציי. שפּעט ביינאַכט האָט נאָכטע אָנגע־קלאַפּט בערלען אין פענצטער און אים אָנגעזאָגט: „בערל! שוין געענ־דיקט".

— „וואָס געענדיקט? האָט בערל אַ צעטומלטער, מיטן שלאָף אויף די אויגן, געפרעגט.

— „געענדיקט מיטן אויסוואורף, ער איז אַנטלאָפן"...

מאָרגן גאַנץ פרי, האָבן חברה, בערלען מיט רבקהן דערציילט די פּאַסירונגען פון נעכטיקן אָוונט אין דער עס־שטוב פון דער אַרבעטער־קיך.

# אין שפּיטאָל

ליבוש איז געקומען צופאָרן פון ירושלים און איז געפאַלן צו בעט מיט הויכן פיבער. רבקה האָט זיך זייער דערשראָקן, זי האָט געבראַכט דעם דאָקטאָער פון דער קראַנקנקאַסע. דער דאָקטער האָט ליבושן באַטראַכט פון אַלע זייטן, געקנאָטן זיין לייב און אויסגעקלאַפּט די פּלייצעס מיט דער ברוסט — 39,5 פיבער — מען קען נישט פאָראויסזען וואָס דאָ מאַכט זיך, די לונגען זיינען ביי אים אין אָרדענונג, דאָס נעמלעכע אין האַלדז, דוכט זיך די מילץ איז אַ ביסל אויפגעלאָפן... דער דאָקטער האָט פאַרשריבן רפואות און געהייסן ליגן איבער נאַכט קאַלטע טיכער צום קאָפּ. „אויב די טעמפּעראַטור וועט נישט פאַלן, זאָלט איר מיר מיטטיילן". אין אָוונט האָט די טעמפּעראַטור דערגרייכט 39,9. בערל מיט מערען האָבן געוואַכט ביים קראַנקן צוקאָפּנס און געביטן די נאַסע טיכער אויפן קאָפּ. רבקהן האָבן זיי נישט צוגעלאָזן צום קראַנקן, מחמת זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן קינד.

מערע האָט געענדיקט אירע דריי חדשים אורלויב און זיך געקליבן פאָרן צוריק אַהיים אין טאָל פון יזרעאל. די לאַגע פון ליבושן האָט איר שטאַרק צעטומלט, ס'האָט איר געצויגן צו אים מיט אַ פאַרבאָרגענעם כוח, וואָס איז אַ סך שטאַרקער געווען ווי איר אייגענער ווילן. זי איז נישט אָפּגעטראָטן פון ליבושעס בעט. מערע האָט געבעטן אין דער קבוצה, מען זאָל איר פאַרלענגערן דעם אורלויב אויף נאָך אַ חודש. אַ תשובה איז געקומען, אַז די ווירטשאַפטס־קאָמיסיע איז מסכים, „אָבער מערע זאָל וויסן, אַז זי פעלט דאָרטן; מערע ווייס דאָך, אַז איצט איז זריעה־צייט, איצט פלאַנצט מען איבער אין דער אָראַנזשעריע, וואו מען פילט איר אָפּוועזנהייט. זי זאָל אויך וויסן, אַז דער פרילינג איז נאָענט, די אינקובאַטאָרן זיינען פול מיט אייער"...

דער דאָקטער האָט באַפוילן איבערצופירן ליבושן אין שפּיטאָל: „דאָרט וועט ער באַקומען די געהעריקע פלעגע, אַ דאָקטער צו יעדער

ציט, איר וועט זיך נישט דאַרפן אַרויסשלאָגן פון די קרעפטן, איר זייט דאָך אַרבעטס־מענטשן, מוזט איר שלאָפן די נעכט, און די חברטע רבקה חייט האָט אַ קליין קינד" — האָט דער דאָקטער געזאָגט. מיט גרויס מי איז געלונגען מערען צו פועלן, מען זאָל איר לאָזן וואַכן אין שפּיטאָל ביי לייבושן. זי איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט. לייבוש האָט געפיבערט און גערעדט פון היץ פאַרשיידענע זאַצן, וואָס האָבן זיך נישט געקלעפּט איינס צום צווייטן. וויפל מאָל איז ער געשפּרונגען פון געלעגער, מערע האָט אים מיט כוח געמוזט איינהאַלטן. אייניקע מאָל האָבן אים די סאַניטאַרן אפילו צוגעבונדן צום געלעגער, ער זאָל נישט אַרויספאַלן. די נעכט האָבן זיך געצויגן אָן אַ סוף. „ניוטאַ־יוטאַ" האָבן לייבושעס פאַרברענטע ליפּן געשטאַמלט, ער פלעגט אָנכאַפּן מערעס האַנט, איר ליידנשאַפטלעך גלעטן און דריקן צו זיינע ליפּן, צום האַרצן:

— „ניוטאַ־יוטאַ" מערע האָט געביסן די ליפּן ביז בלוט, זיינע ווערטער פון היץ האָבן איר געקלאַפּט איבערן קאָפּ ווי שווערע האַמערס. אייניקע מאָל האָט מען לייבושן איינגעגעבן שלאָף־געטראַנק, ער זאָל זיך נישט אינגאַנצן אַרויסשלאָגן פון די כוחות. בעת לייבוש איז אומרואיק געשלאָפן ,פלעגט מערע אַרויסגיין אויף דער ברייטער טעראַסע פון שפּיטאָל, וואו מען האָט געהערט ווײ־געשרייען פון געווינערינס און געוויין פון ניי־געבוירענע. אויף דער טעראַסע איז תמיד פול געווען מיט קראַנקע אַרבעטער, על פּי רוב אויף מאַלאַריע, רעצידיוויסטן, אָדער „גרינע"; די, וואָס ביי זיי צוקאָפּנס איז געהאַנגען אַ ברעטל מיטן אויפשריפט „מאַלאַריא טערציאַנאַ", פלעגן נישט אַראָפּגיין פון בעט. אויף דער טעראַסע זיינען געזעסן די מיט דער „מאַלאַריא טראָפּיקאַ". די טעראַסע דאָט מען אין שפּיטאָל גערופן „דער קלוב"... חברה זיצן אין ווייסע כאַלאַטן, איינגעפאַלענע געלע באַקן, רעדער אונטער אויסגעלאָשענע אָדער גלאַנציקע אויגן, באָרוועסע פיס אין לאַטשן. דאָ אויף דער טעראַסע האָט אויך געפּלאַקערט דער פּאַרטיי־קאַמף, ווי אין אַן אַרבעטער־קלוב, דיסקוסיעס. גאַנצע לעקציעס האָט מען דאָ געלייענט און געלייענט אָדער פאַרפּלאָנטערטע וועלט־פּראָבלעמען. די פלעגערינס, שוועסטער און סאַניטאַרן, לייגן אויך צו אַן אויער. איינער שטייט אויף דער וואַך, דער דעזשורנער דאָקטער זאָל חלילה נישט אָנקומען. ער טרייבט אַלעמען צוריק אין די בעטן און בייזערט זיך: „דאָ איז נישט קיין קלוב"... מערע האָט געהערט אַ לעקציע פון איינעם אַ בלאַסן בחור מיט אַן איינגעפאַלענער ברוסט, דער בחור האָט צוגעהוסט, ער איז געווען פאַר די דאָקטוירים אַ „זעלטענער עקזעמפּליאַר". 8 יאָר צייט ווי דער מענטש פיבערט. גאַנצע ליטערס פליסיקייט מיט רפואות האָט מען אים איינגעגעבן אָדער איינגעשפּריצט, ס'„נעמט נישט", ס'„העלפט נישט", אין אויסלאַנד האָט מען אים געשיקט. צענדליקער טוצן גלעזעלעך מיט בלוט

אונטערן מיקראָסקאָפּ גערוקט — ס׳„העלפט נישט״, ס׳„נעמט נישט״, די אויגן האָבן ביי אים געברענט און ער האָט געטענהט:

„סען־סימאָן האָט זיך געהאַלטן אין איין וועגדן צו קיסרים, ער האָט באמונה שלימה געגלויבט, אַז די קיסרים וועלן דורכפירן זיינע אור־טאָפּיעס. סען סימאָן האָט נישט אַזוי שאַרף אָנגעגריפן די בורזשואַזיע; דערפאַר, פוריע, וואָס איז נישט געווען אַזאַ נגיד ווי סען סימאָן, נאָר אַ פּשוטער פּריקאַזשטשיק האָט מיט מער מוט שאַרף קריטיקירט די בור־זשואַזיע מיט דער בורזשואַזער אָרדענונג. דאָס זיינען געווען פּראַנצוי־זישע אוטאָפּיסטן, וואָס האָבן אָנשטאָט וואַסער פון אַ ברונעם געטרונ־קען וויין פון פּראָוואַנס; דערפאַר ראָבערט אָאוען, דער שותּף זייערער, איז געווען אַ מענטש מיט קאַלטע בלוט, ווי ביי אַ פיש פון דער טעמזע. אָאוען איז געווען אַן אויסגערעכנטער, ער האָט זיך פאַרנומען מיט מסחר, מיט קאָאָפּעראַציע; נישט דוד רעמעז, נאָר ער, האָט אויסגעקלערט די צעטלעך פון „סולל־בונה״ און „המשביר״... אָאוען האָט געמאַכט אַ רושם אויפן רוסישן צאַר, וואָס האָט אים פּאַרטיידיקט. דער דייטשער קייזער האָט אים אַ מעדאַל געשאָנקען, און טשיקאַווע: ווי נאָר פון זיין רואיקער סוחרישער אַרבעט האָט זיך גענומען אויספּיקן אַ באַוועגונג, האָט מען אים געזאָגט: מיסטער אָאוען „עקסקיוז״! און זיין זון איז פאַרגאַנגען... מען האָט זיך צו אים גענומען, היוצא מדברינו, חברים, מיט אונדזערע מנהיגים איז די זעלבע מעשה: זיי וואַרטן און האָפן אויף באַנקירן, (קיסרים זיינען זייער ווייניק פאַראַן), אַנדערע פּרובירן אַטאַ־קירן די באַנקירן, אַלע האָבן זיי „כאַראַשי פּאָוועדיענעם״ פון רייכע גרולים, זיי האָבן מעדאַלן מיט המלצות און לאָז זיך נאָר נעמען עפּעס אויספּיקן, וועט מען זיך נעמען צו זיי. פאַרדאָן, חברים, צו אונדז״...

דער בחור פאַרהוסט זיך, און די שוועסטער שלעפּט אים מיט כוח אַריין אין פאַלאַטע אויפן בעטל, זי דעקט אים איבער, גיט אים אַ פּיל צו שלינגען און מוסרט אים, הלמאי ער רעגט זיך אויף. „מען קען דאָך ריידן געלאַסענער״...

מערע האָט זיך זייער ווייניק פאַרנומען מיט חקירות, אָבער זי האָט ליב געהאַט צו הערן די אַלע טענות. מערע האָט נישט געהאַט קיין צייט צו לייענען ביכער. פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג האָט זי גע־אַרבעט, נאָכהער געפאַלן מיד אין אַ געזונטן שלאָף. מענטשן ווי מערע, וואָס זיינען געזעסן ווייט פון דער שטאָט אין אַ קבוצה, האָבן ליב גע־האַט צו הערן אַליע, וואָס מען האָט זיי געבראַכט פון שטאָט, מיטן זעלבן אינטערעס האָבן זיי אויסגעהערט דעם באַריכט פון שליח פון „קרן־קימת״ אין אַמעריקע, אַ לעקציע וועגן „דיאַלעקטישן אויפפאַסן פון מאַ־טעריאַליזם״, אָדער וועגן מוזיק אין דער שיטה פון „מאָנטעסאָרי אין קינדער־גאָרטן״. די בחורים אין אַ קבוצה האָבן געהאַט מער צייט אויף

צו לייענען ביכער ווי די מיידלעך, באזונדערס אין די ווינטערדיקע רעגן־טעג, אין לאנגע אומעטיקע נעכט, די מאלציייטן זיינען אויך געווען די צייט פון דיסקוסיעס. נישט אלע פרויען האבן געהאט פרייע צייט; פאר זיי איז געווען דער אינקובאטאר, דער קליידער־לאגער, די קינדער־היימען, ארבעטן, וואס מוזן דורכגעפירט ווערן אפילו אין די גרעסטע רעגנס... מערע האט נישט געהאט קיין אויסגעשפראכענע אידייע, זי האט גע־וואוסט איין זאך: ארץ ישראל, איר פלעגט געפעלן ווערן ע פ ע ס פון אלע רעדנער. באזונדערס שארף האט זיך איר איינגעקריצט א פסוק פון איר חבר מענדל „פלעכאנאוו", א מיטגליד פון קבוצה, ווייל מענדל האט ביי יעדער געלעגנהייט ציטירט פלעכאנאוון האט מען אים שוין גערופן „מענדל פלעכאנאוו", מענדל האט איינמאל אין א דיסקוסיע געזאגט: „מארקס און ענגלס האבן געלערנט, אז דער קאפיטאל ביי 20 פראצ' ריווח ווערט לעבעדיק. ביי 50 פראצ' ריווח איז ער גרייט צו ברעכן די קאפ, ביי 100 פראצ' ריווח טרעט דער קאפיטאל מיט די פיס יעדער מין מענטשלעכן געזעץ, ביי 300 פראצ' ריווח איז דער קאפיטאל גרייט צו ריזיקירן מיט יעדער געמיינהייט, אפילו ווען ס'שטייט אים פאר א סכנה פון תליה"... די פשוטע ווערטער האבן זיך מערען איינגעקריצט אין מוח, זי האט עס נישט תופס געווען אויף אן ארט, האט זי א פארנאכט גע־נומען „מענדל פלעכאנאוון" אונטערן ארעם, און געבעטן ער זאל עס איר בעסער מסביר זיין, דערקלערן. מענדל האט איר דערקלערט: „— זעסטו, מערע, וואס די צייטונגען שרייבן יעדער יאר נאך סוכות, ווען מען שניידט די מאראנצן אין פסח־תקוה, ווי אזוי אונדזערע קאפיטא־ליסטן, די פלאנטאטארן, טרעטן מיט די פיס יעדער מין מענטשלעכן און נאציאנאלן געזעץ, צוזאמען מיטן ציוניזם מיט די חלוצים, מיטן פרינ־ציפ פון יידישער ארבעט. זיי ברענגען פ ר ע מ ד ע זשאנדארן און פאסעווען יי ד י ש ע ארבעטער — זיי טוען עס ביי קנאפע 100 פראצ' ריווח... — „ריכטיק, גוט, דאס פארשטיי איך מענדל, האט מערע געזאגט, וואו איז 300 פראצ' ריווח"? מענדל האט איר איראניש אנ־געקוקט און געפרעגט: — „ווייסטו נישט? אין רוסלאנד האט זיך בא־שטעטיקט די רייד פון קארל מארקס און פרידריך ענגלס, איצט, מערע, נעם דיר א ביישפיל דעם ענגלישן קאפיטאל אין אינדיע"... דאס האט שוין מערע נישט אזוי גוט תופס געווען, מער האט זי מענדלען נישט געפרעגט, ווייל זי האט געפילט, ווי מענדל ענטפערט מיט ביטול אויף אירע פראגן.

מעת־לעתן האבן געביטן איינער דעם צווייטן, בערל קומט פאר־בייטן מערען אין די לאנגע אומעטיקע נעכט. אזוי זיינען אוועק 21 מעת־לעת, ביז דער קריזיס איז געקומען. לייבוש האט א גאנצע נאכט שווער געקרעכצט, ער האט זיך געווארפן און געשפרונגען פון בעט, ער האט

געשריען און געפּאַכעט מיט די הענט: „קלאַפּט אַריין אַ פּלעקל און שרייבט אָן „קוואַל נומער 8״... — „ניוטאַ־יוטאַ־יוטאַ״...

ביי לייבושן איז די נאַכט געזעסן די אויבערשוועסטער, דער דאָק־טער איז אַלע ווײַלע געקומען געטאַפּט דעם פּולס, אויסגעהערט דעם גאַנג פון הארצן, מען האָט אים איינגעשפּריצט אין מוסקול פון אַ האַנט, ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. לייבוש האָט געווילדעוועט. מערע איז גע־שטאַנען אין אַ ווינקל און שטיל געוויינט, בערל איז אויך די נאַכט נישט אָפּגעטראָטן פון לייבושעס בעט.

פאַרטאָג האָט זיך לייבוש באַרואיקט. ער האָט שטיל געשטאַמלט, געבעטן וואַסער, אַ שווערער שוויים האָט אים אַרויסגעשלאָגן פון שטערן און באַדעקט דאָס געזיכט, זיין אָטעם איז רואיק געוואָרן. די הענט זיי־נען געבליבן אויף דער דעקע און ער איז איינגעשלאָפן.

לייבוש האָט זיך אויפגעכאַפּט אויף מאָרגן שפּעט אין אָוונט, ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן און פאַרוואונדערט זיך אַרומגעקוקט. פאַר זיין בעט זיינען געשטאַנען מערע מיט בערלען. לייבוש האָט צוריק פאַר־מאַכט די אויגן און שטיל געבעטן אַ טרונק, בערל האָט ציטעריק אויפ־געהויבן זיין קאָפּ צוזאַמען מיטן קישן און מערע האָט אים מיט אַ לע־פעלע איינגעגעבן וואַסער זופּ נאָך זופּ, לייבוש האָט ווידער לאַנגזאַם אויפגעמאַכט די אויגן, זיין מידער בליק איז צונויפגעפאַלן מיט מערעס גרויסע גלאַנציקע אויגן. אַ רגע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט, מערע האָט די ערשטע אַראָפּגעלאָזן איר בליק, ס׳האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט, זי האָט דערפילט אַ צופלוס פון בלוט אין פּנים. האָט זי זיך אויסגעדרייט צום פענצטער, ס׳האַרץ האָט נאָך שטאַרקער געצאַפּלט און געפלאַטערט. אַ גרויסע פרייד האָט איר באַהערשט און אָנגעפילט אַלע גלידער, ס׳האָט זיך איר פאַרגלוסט שטאַרק און הילכיק צו לאַכן,שפּרינגען לויפן און שרייען מיט אַלע קרעפטן...

בערלען איז די רגע אַ שווערע לאַסט אַראָפּגעפאַלן פון די פּליי־צעס. ס׳איז אים לייכט געוואָרן, אין האַלדז האָט געצופּט און געקנוילט, ער איז פול געוואָרן מיט ברודערלעכע רחמים. בערל האָט זיך איבער־געבויגן איבער לייבושן, ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַ זער טראָגט אים אויף זיינע אַקסלען, ווי מיט 20 יאָר צוריק אין דער שטילער היים אין ליטע.

אין דער אַלגעמיינער פּאַלאַטע האָט זיך אַלץ באַוועגט אין טונקל מאַטן ליכט, איין בעט האָט מודיע געווען דער צווייטער „לייבל חיים פון „נוה שלום״ איז אַרוים״, „ער ווערט געזונט״, „נאָכן קריזיס״... „ס׳מיידל וועט זיך פרייען״... מען האָט צוגערופן די וואַכנדע שוועסטער און איר געבעטן אַריינצוגיין צו לייבושן אים זאָגן אין נאָמען פון אַלע־מען: לחיים״! די שוועסטער האָבן צופרידן, מיט הנאה זיך געפּאָרעט

אַרום לייבושעס צימער, זיי האָבן מיטגעפּילט דעם שלאַנקן שוואַרצקודל־דיקן יונגן בחור, מען האָט אים געבראַכט טיי מיט וויין, און געלייגט הייסע גומי־פלעשער צו די פיס. דער דאָקטער האָט געהאַלטן לייבושעס פּולס, געקוקט אויפן טאַשן־זייגער: — „אַ געפונענער, אדון חייט, לחיים!"

רבקה איז אַנטקעגן געלאָפן שפּעט ביינאַכט בערלען מיט מערען. מערע האָט אין דער פינצטער דערקענט רבקהס סילועט, איז זי געלאָפן שפּרינגענדיק מיט פרייד, דיביידע פּרויען האָבן זיך געקושט, מערע האָט געטוליעט איר צעפלאַמטן פּנים אין רבקהס ברוסט און געפּלאַפּלט: „רבקה, ס'איז שוין גוט! ס'איז גוט רבקה"... בערל איז געשטאַנען מיד, מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט און געקוקט אויף זיי. ער האָט צוזאַמען מיט זיי געצאַפּלט פון פרייד.

צום סוף איז דעם הימל מיאוס געוואָרן דער רעגן. דער רעגן האָט גענומען אָנקומען נאָך לענגערע הפסקות. די ערד איז זאַט געוואָרן מיטן וואַסער, אַ שפּע רעגן איז דאָס יאָר געפאַלן — 1,000 מילימעטער! די פייכטע פעלדזן פון די בערג האָבן געשיינט דער זון אַנטקעגן, ווי מיט זילבער באַשמירטע, אָפּגעפּוצטע לכבוד פרילינג. די פעלדער האָבן זיך געשפּרייט פון ווייטן און גרין־סאַמעטענע ווייכע דיוואַנעס, דורכגעוואָרפן מיט פלאַם־רויטע מאָן־בלומען, די שפּועס פון די בערג, און צווישן פון די פעלדזן זיינען באַדעקט געוואָרן מיט גרינס און בלומען. דיביימער האָבן זייערע אָפּגענוצטע בלעטער איינציקווייז פאַרביטן אויף נייע אויף גרין־זאַפטיקע. די נאַקעטע ווייסע פייגן־ביימער מיט זייערע קנאָביק־צע־דרייטע שטאַמען און צווייגן האָבן אַרויסגעלאָזן פון זיך פולע ברוינע קנאָספּן, ווי וואָרצלען פון יונגע מיידלשע ברוסטן. די זון האָט מילד גע־וואַרעמט און אירע חיותדיקע שטראַלן צעטיילט ביד רחבה ביז צו דעם מינדעסטן גרעזעלע, ביז צו דעם שוואַכסטן שפּראָצל, זי האָט זיי פול געמאַכט מיט לעבן און כוח צום וואַקסן. אַפילו די בייז־מיאוסע דערנער זיינען אין פרילינג נישט געבליבן באַוואָרנט פון דער מוטער־נאַטור — זייערע זעגעלעך און שטעכער זיינען באַצירט געוואָרן מיט קאָלירטע קנעפּלעך און בלומען. דער הימל האָט זיך גאַנצע טעג געבאָדן אין בלוי פון ים, געשפּילט מיט קליין־ווייסע וואָלקנס, ווי מיט יונגע שעפעלעך. די לופט איז פול געווען מיט פייגל־געזאַנג און ליכט.

# „חבר רבי גדליה"

אין „נוה שלום" האָט די לופט געקלונגען מיט קינדערשע קולות. די לענג פון כביש איז פול געוואָרן מיט מענטשן, וואָס האָבן געגראָבן, געשלעפט זאמד און שטיינער, עס האָבן געדונערט שאָסן פון אויפרייסן: „וואַרדאַ! פּאַרזיכטיק מען רייסט"! אַ היפּשער חלק פון כביש־בעט איז געלעגן פאַרענדיקט, אויסגעגראָבן אויסגעפּוצט, גלייך, פוןביידע זייטן זיינען געלעגן בערג מיט שטיינער צעצויגן ווייט אין מרחק, אַרבעטער האָבן די שטיינער געשפּאָלטן מיט שווערע האַמערס, און געגרייט מאַ־טעריאַל צום סאָלינג.

די פּרויען־אָפּטיילונג פון אַרבעטער־ראַט האָט אַרויסגעשיקט אין „נוה שלום" 40 מיידלעך צו שפּאַלטן שטיינער, די מיידלעך האָבן גע־רעדט, דיסקוטירט און געזונגען. ס'איז אַרויף אַ גרופּע „יוגנט", וואָס די יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעשיקט, די יונגע חברה האָבן פאַר־שטאַרקט די באַוועגונג און רעש אויפן כביש. די כביש־אַרבעטער זיינען געוואָרן אויפמערקזאַמער צו זיך אַליין, מען האָט זיך אָפּט ראַזירט, גע־טראָגן ריין געוואַשענע העמדלעך, אַנדערע האָבן אַפילו די שיך גע־פּוצט... די בערג שאָטער זיינען געוואַקסן פון ביידע זייטן כביש, אויף זיי זיינען געריטן מיידלעך און יוגנט, וואָס האָבן גאַנצע טעג געקלאַפּט מיט די האַמערס אין שטיין, ווי הונדערטער ביקסן וואָלטן פון ווייטן געשאָסן: טאַק־טאַק, טיק־טאַק; טאַק, טאַק, טאַק...

אויפן שאָטער איז אַן אמתע „קלאַסן" פאַרטיילונג, די מיידלעך פון די קבוצים אָדער פון „גדוד" האָט מען גערופן „שבטים", יעדער גרופּע איז געזעסן באַזונדער, די „אַריסטאָקראַטן" פון „השומר הצעיר", זיינען געזעסן באַזונדער, די „בודרות", די, וואָס האָבן נישט געהערט צו קיין שום קיבוץ אָדער קבוצה זיינען אויך באַזונדער געזעסן, פּאַראייניקט אַלע האָט דער אויטאָמאָביל וואָס האָט זיי געבראַכט און אָפּגעפירט צו דער אַרבעט און די אַלגעמיינע געזאַנגען אָדער אסיפות. די „שומר־

הצעירניקעס", קלאַפּן און דיסקוטירן פּראָבלעמען פון דערציאונג, פון ליבע און פרוידס טעאָריע. די „שבטים"־מיידלעך ריידן וועגן קאָלעק־טיווע פאָרמען פון דער פּראָדוקציע און לעבן, „די אַרבעט אויפן כביש איז נישט קיין ציל, דאָס איז דער איבערגאַנגס־מאָמענט ביז מען וועט גיין אויף „קאָלאָניזאַציע", די „בודדות" קלערן בכלל נישט פון דעם, זיי זיינען צופרידן, אַז אַרבעט איז פאַראַנען, אַנדערע פון זיי מיינען אַז דאָס איז שוין אַ פאַך, אַנדערע זיינען נישט מסכים, מען וועט מיט דער צייט זיך קוואַליפיצירן ביי מער סטאַבילע פאַכן.

די רעגנס האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט, די זון איז ווידער געוואָרן אומברחמנותדיק, זי האָט געברענט און געבראָטן, די ערד האָט צוגע־טריקנט, ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע גליאיקע „האַמסינען" — הייסע ווינטן וואָס קומען פון סירישן מדבר. אין איינעם אַזאַ טאָג האָט דער עולם אויפן כביש געזען ווי ס'גייט זיך באַזאַכט דער אַלעמען באַקאַנטער „חבר רבי גדליה", מיט אַ רוקן־זאַק אויף דער פּלייצע.

העמערלעך אין איין האַנט און אַ צינערנע וואַסער־קאַן אין דער צווייטער: „שלום, שלום קינדער"!

עס איז אָנגענומען, אַז איין אַרבעטער רופט דעם צווייטן „חבר", אָבער אַז איין אַרבעטער זאָל אָנרופן דעם צווייטן „חבר רבי גדליה", דאָס איז שוין עפּעס אַ נייס; ווען איר זאָלט אָבער אָנקוקן דעם „חבר רבי גדליה", וועט איר זיך נישט וואונדערן: גדליה איז אַ ייד פון אַ יאָר 65, ער האָט אַ פּאָר פריילעכע אויגן, אַ גרויסע ווייסע באָרד, וועלכע שמעקט מיט אתרוגים־ריח, אָט דער זקן אַרבעט צוזאַמען מיט אַלע יונגע אַרבעטער אויפן כביש, מיינט נישט אַז חבר רבי גדליה שטייט אָפּ פון די יונגע, האָט נישט קיין טעות! — אַ יונגער אַרבעטער קלאַפּט אָן אין משך פון טאָג איין קוב־מעטער שאָטער־שטיינדלעך, אַזאַ אַרבעטער איז אַ בריה, און חבר רבי גדליה קלאַפּט אָן שפּילנדיק אָנדערטהאַלבן קוב־מעטער אַ טאָג...

חבר רבי גדליה איז אויסערגעוויינלעך באַליבט אויפן כביש, מיט קיינעם קריגט ער זיך נישט, מישט זיך נישט אין די וויכוחים. ער זיצט אַ גאַנצן טאָג אויפן בערגל שאָטער, קלאַפּט מיטן האַמערל און זינגט זיך אַלטע ניגונים פון ראש השנה און יום כפור, אָדער גאָר פאַרגעסענע ארץ ישראל־לידער. עס זיינען געווען צייטן ווען „שיינע יידן" האָבן גע־וואָלט דעם אַלטן חבר רבי גדליה אַרויסגענומען פון דער יונגער חברה, פון דער שווערער אַרבעט, זיי האָבן אים געוואָלט מכבד זיין מיט אַ בכבודיקער פּרנסה, מ'האָט אים געוואָלט געבן אַ פּאָסטן פון אַ שמש אין אַ בית מדרש אָדער צדקה־קלייבער, חבר רבי גדליה אָבער, מאַכט ברייט אויף די אַלטע ליכטיקע אויגן און גיט זיך אַזוי סתם אַ מורמל אין באָרד אריין:

— „מוחל, מוחל"...

בסך הכל מיט 25 יאָר צוריק איז חבר רבי גדליה געקומען אין לאַנד. זעלטן וואו ס'האָט געפינקלט אַ יידישער ישוב. ער האָט אויסגע־מאָסטן דאָס לאַנד אין דער לענג און דער ברייט, געטראָגן די שטיינער צו די הייזער אין חדרה, געפלאַנצט ביימער אין די ערשטע סעדער פון „זכרון יעקב", געמישט קאַלך צו דער ערשטער שטוב פון תל אביב, גע־פיבערט מיט דער יוגנט אין די ערשטע געצעלטן פון עמק, און לסוף איז מען אים מכבד מיט „שמשות", „מוחל — מוחל"...

ווערט חבר רבי גדליהן אַן אויג פאַרטערט, ציט ער אויס די אויס־געהאָרעוועטע, אויסגעטריקנטע טונקל־ברוינע הענט, ווי ער וואָלט וועלן ארומנעמען דעם גאַנצן כביש מיט אַלע בחורים און מיידלעך, צוזאַמען מיט די בערג שטיינער פוןביידע זייטן, און אַלע צודריקן שטאַרק צו זיין אַלטן פאַנאַנדערגעכראַשטשעטן גרוי־האָריקער ברוסט.

— „מיט זיי, מיט די יונגע האָב איך געלעבט און אַזוי וועל איך שוין דערפאָרן ביזן סוף"...

חברה אַרבעטן איצט ווייט פון ישוב, דער כביש ציט זיך 4 קילאָ־מעטער, איז ביי דער אַרבעט פונוויטן פאַראַנען אַ צרה — צרה איז וואַסער. יעדער אַרבעטער נעמט זיך מיט אַ פעלד־פלאַש וואַסער, נאָך 10 אזייגער אין דער פרי, ווער רעדט נאָך אין אַ „חמסין", איז טרוקן אין האַלדז פונקט ווי אין פלאַש... די זון ברענט, די שטיינער ווערן אָנ־געגליט, חברה רייטן אויף די בערג שטיינער פון ביידע זייטן כביש, די העמערלעך קלאַפּן מיד, אַרויף, אַראָפּ, די העמדלעך און קליידער זיינען ביי אַלעמען דורכגענעצט, די פּנימער ברוין פאַרשטויבט, גלאַנציק פון שוויים, די ליפּן פאַרטריקנט. די געשפּרעכן ווערן שטילער, די דיסקוסיעס הערן אויף, אַפילו דאָס צוזינגען פאַרשטומט, און איבער ביידע לאַנגע שורות הענגט איין אַלגעמיינער גרויסער פאַרלאַנג: ו ו אַ ס ע ר !

חלומען דורשטיקע חברה ווי זיי עסן טעלער קאַלטן באָרשטש, ראָרטן שווימען אַרום שטיקלעך אייז, אַנדערע סמאַקעווען זיך אין גע־דאַנק גלייך ווי זיי וואָלטן געטרונקען שוימיקן קאַלטן גאַזאַז אַ מחיה... און רוזשקע שרייט צו אסתרן דער חברטע אין „השומר־הצעיר": — „עסטאַ — עסטאַ"! „בצעש ליאָדי"?

זיצן חברה פאַרטאָן מיטן קלאַפּן און טראַכטן, קיינעם פאַלט נישט איין נעמען ערגעץ די גרויסע קאַן און ברענגען וואַסער; אָדער מען פוילט זיך, אָדער אַ שאָד די צייט...

דער אַלטער חבר ר' גדילה קען די חברה דורך און דורך: — „עט פּוילּיאַקעס בני פּוילּיאַקעס וואָס איר זיינט!... נאָך מיט אַ צוויי צענדליק יאָר צוריק, ווען מיר פלעגן דאַרפן וואַסער, האָבן מיר עס געטראָגן אויף די פּלייצעס אַ מהלך פון 6 קילאָמעטער, אָדער מיר פלעגן פירן די פעסל

פון קוואל מיט ביקסן אין די הענט! האט זיך דען עמיצער געפוילט? און חבר ר׳ גדליה, גייט זיך זינגענדיק אין באָרד אריין, מיט זיין גע־לאַסענעם טריט, צום גרויס־צעצווייגטן באָקסער־בוים, נעמט ארויס פון אונטן די צינענע קאַן, וואָס ער האָט באַהאַלטן כדי די זון זאָל זי נישט אָנגליען, און ער ברענגט פון נאָענטן הויף אַ קאַן מיט קאַלטן וואַסער...

טראָגט ער די קאַן פון בערגל צו בערגל, פון מויל צו מויל, יעדער טרינקט אביסל און איז זיך מחיה, מיינט נישט, אז חבר ר׳ גדליה אליין איז נישט דורשטיק: „אויף דער עלטער, ווערט דער זכרון קירצער", זאָגט חבר ר׳ גדליה, „זיך פאַרגעסן כאַפּן אַ טרונק ביים ברונעם". טריקנט אים אין האַלדז נישט ווייניקער ווי די „פויליאַקעס", חבר ר׳ גדליה פאַר־גינט זיך נישט: „עט קינדער — טרינקט, זייט זיך מחיה, איך בין שוין אַזוי צוגעוואוינט, איך"... און אַ טרער פאַרנעפּלט אים דאָס אויג.

די קאַן איז שוין לאַנג אויסגעליידיקט, די אַרבעט גייט גאָר אַנ־דערש אַוועק, מען זינגט מען חכמהט זיך, די העמערלעך לויפן פלינק ארויף־אַראָפּ, ארויף־אַראָפּ, שטיינער צעברעקלט אויף שטיקלעך, און פון ווייטן אונטערן באַרג זינגט די סירענע די 12טע שעה...

חברה פוילן זיך גיין עסן אין אַרבעטער־קיך, שיט מען זיך צום שאָטן פון באָקסער־בוים, דער חבר רבי גדליה שטייט נאָך אַלץ מיט דער ליידיקער קאַן אין האַנט און איז פאַרטאָן אין מחשבות, ער איז ערגעץ ווייט מיט 25 יאָר צוריק, ווען זיין באָרד איז געווען שוואַרץ ווי פּעך, זיינע אויגן שאַרף ווי ביי אַן אָדלער און מיט אַ ביקס אויפן אַקסל באַ־לייט ער דעם אייזל מיטן פעסל, וואָס גייט צום קוואַל נאָך וואַסער...

רוזשקע שמועסט שוין מיט עסטען וועגן מאַקס האָדענס בוך, חברה כאַפּן אַ דרעמל אין שאָטן פון בוים.

— „עט" מורמלט חבר רבי גדליה אין דער גרויער פאַרשטויבטער באָרד אריין:

— „מ'דאַרף אויך גיין עסן"...

בערלס טאָג איז אויך געקומען: אַ היפּשער חלק פון כביש איז שוין געווען אויסגעלייגט מיט סאַלינג, די שטיינער זיינען געלעגן מיט די נע־זער אין דער לופטן, און האָבן פון ווייטן געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ גרויסער סאָטע בינען, מען האָט געדאַרפט די שטיינער נעמען פּרעסן, כדי אָנצופּאַנגען שפּרייטן דעם שאָטער און פאַרענדיקן דעם חלק פון כביש. חברה האָבן דערהערט אַ ווייטן פייף ווי פון אַ לאָקאָמאָטיוו, מען האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, און אָנגעשטרענגט די אויגן, יעדער אַר־בעטער האָט באַוויזן דאָ אין דעם כביש אריינצולייגן אַ שטיק געזונט און כוח, יעדער איינער האָט געוואָלט שוין זען כאָטש איין שפּאַן פאַר־טיקן כביש, און הנאה האָבן פון דער אייגענער שאַפונג, יעדער איינער האָט געוואָלט זען דעם רעזולטאַט פון חדשים אַרבעט און ליידן. און אַ

וואָלקן רויך און דאַמף, מיט אַ סאָפּען און פּייפן, איז געדולדיק צונג־קראָכן דער שווערער פּרעס־ראָלער. בערל איז געשטאַנען אויפן פּלאַט־פאָרעם צוזאַמען מיט דעם מאַשיניסט, די היטל איז אים געווען פאַר־דרייט אויף אַ זייט, פאַרקאַשערט די אַרבל איבער די אויסגעשמירטע אויסגעהאָרעוועטע הענט, די פּנימער זיינען ביי ביידן געווען פאַרשוויצט און שמוציק פון אייל און סאַזשע. — „בערל! דאַמף", האָט דער מאַשי־ניסט געשריען. בערל האָט אַ צי געטאָן אַ הענטל, ס'האָט אַרויסגע־דילכט אַ נייַ־ צעצויגן פּייף, דער קוימען האָט גערוישט: פּאַף־פּאַף־פּאַף, ס'האָט זיך צעשאָטן אַ געדיכטער דאַמף און צעפאַלן אין דריבנעם רעגן אַרום. — „וואַסער, וואַסער, יאַטן, גיסט גיכער אויפן שאָטער, אונטערן ראָד"! ס'האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ שפּע וואַסער אויפן כביש, דער שווע־רער מאַשין האָט געגומען איינפּרעסן די שטיינער, מען האָט געהערט, ווי ביי זיי האָבן זיך געבראָכן די ביינער אונטער דער שווערער לאַסט פון פּרעס: הוראַ— הידד!

— „חברה! חצי, דערלאַנגט, לאָמיר פאַרטיק מאַכן כאָטש אַ פּאָר מעטער כביש!" זיינען געפלויגן קאָשיקעס שאָטער פון האַנט צו האַנט — אויפן כביש אַרויף, דער ראָלער האָט געדולדיק געקראָכן און איינ־געפּרעסט שטיינער. — „זאַמד, חברה, זאַמד!" אין משך פון אַ שעה צייט איז געבאָרן געוואָרן די ערשטע 10 מעטער פולשטענדיק אויסגע־טראָטענער, פאַרטיקער כביש. כדי די שטיק פאַרטיק כביש זאָל אינגאַנצן געענדיקט זיין, האָט מען פון ביידע זייטן גיך צוגעפּראַוועט די קאַנאַלן און באַנקעטן. דער עולם האָט מיט הנאה אָנגעקוקט די שטיק כביש, „פון אַזאַ ווילדעניש, דורך אַזעלכע פעלדזן"...

אין אָוונט, ווען דער עולם האָט זיך געקליבן צום אָוונט־עסן, האָט מען געזען טעווקען זיצן מיט זיין גרויסן גוף אויף דאָס שטיק אויסגע־פּרעסט כביש, טעווקע איז געזעסן מיט צעשפּרייטע פיס, און מיט זיינע אייזערנע הענט שטום געגלעט און געפּאַטשט דעם אויבערפלאַך פון די געפּרעסטע שטיינער ווי עפּעס אַ נאָענט ליב באַשעפעניש...

# אין סאַנאַטאָריע

לאַנגזאַם איז לייבוש צוריקגעקומען צו די קרעפטן. די שווערע הייז־קרענק, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, האָט אויך געהיילט יענע וווּנדן, וואָס קיינער האָט נישט געזען... לייבוש האָט געפילט, אַז אַ שטורעם, אַ קאַשמאַר האָט זיך איבערגעטראָגן איבער זיין קאָפּ, ער איז ניצול געוואָרן און אַרויס גאַנץ. לעת עתה פילט זיך לייבוש מיד, שוואַך, צעבראָכן. איצט ליגט ער אין זוניקן צימער און קלערט ווי אַזוי ער האָט נישט געזען אַזוי פיל חדשים מערען ביי זיי אין שטוב, כאָטש ער האָט געהערט איר הילכיק געלעכטער און מיט די אויגן האָט ער געזען, ווי זי דרייט זיך אַרום אין גערטל, מיטן קינד, מיט רבקהן, די מערע וואָס ער זעט איצט, האָט ער קיינמאָל ביז איצט נישט באַמערקט און נישט געפילט... לייבושן דוכט זיך, אַז ער איז אַרויס פון אַ טיפער גרוב, וואו ער האָט אָן באַוואוסטזיין געזונקען אין משך פון אַן אומבאַשטימטער צייט, אַ צייט פון אַ לאַנגער אומענדלעכער נאַכט. איצט האָט ער באַמערקט מערען. ער זעט איר אַרומפּאָרען אַרום זיך, זי טרעט נישט אָפּ פון זיין געלעגער, זי דערלאַנגט אים רפואות, זאַפט, וואַסער, מילך. עס איז געגנוג אַ מאַך מיט דער האַנט — מערע שטייט שוין לעבן אים, איר גוטע אויגן לייכטן מיט פרייד: „— וואָס לייבושקע”? נישט וועלנדיק קלערט לייבוש פון מערען. ער זעט איר, איר צעפּודלטן קאָפּ, די פולע ברוסטן „אַ ביסל מגושמדיק” זי קען גוט ריידן, זי רעדט האַרציק, נאָר — — — אַ כוואַליע יסורים גיט אַ שווענק דאָס האַרץ — ניטאָ — — —

לייבוש איז געפאָרן אין דער סאַנאַטאָריע פון קראַנקן־קאַסע, אין די הויכע בערג פון יהודה, זיך קרעפטיקן און ווידער פעאיק ווערן צו דער אַרבעט. מערע האָט לייבושן באַגלייט צו דער באַן צוזאַמען מיט בערלען. איידער דער צוג האָט זיך גערירט, האָט מערע דערלאַנגט לייבושן איר האַנט „שלום, לייבוש”, „להתראות אין גיכן!...” מערע האָט נישט צוגענומען איר האַנט און לייבוש האָט נישט אָפּגעלאָזן. בערל

האָט דערוויי̈ל מסדר געווען ליבושעס פּעקל אין וואַגאָן, ווען דער גלאָק פֿון וואָקזאַל האָט געקלונגען האָט זיך ליבוש געכאַפּט, אַז ער האָלט נאָך מערעס האַנט. „קום געזונטערהייט צוריק, שלום, שלום!” האָט בערל נאָכגעשריען די באַן.

ווען ליבוש איז שוין נישט געווען, האָט זיך מערע דערפילט מיד, ליידיק אַרום, זי האָט דערפילט אַז עס פעלט איר, עס פעלט איר אַ סך! מערע איז ביי זיך מרוצה געווען מיט ליבושעס אַפּפאָר — „ער וועט געזונט ווערן”, פאַר איר איז נאָך אַלץ געשטאַנען ליבושעס בלאַס פּנים, מיטן קודלדיקן קאָפּ, מיט די אומעטיקע אויגן.

מערע איז צוריקגעפאָרן אין דער קבוצה, זי האָט פריער אָפּגעשיקט אין דער היים 9 פונט פאַר „חנקען אויף הוצאות”, און געשריבן, אַז זי „האָט שוין אָנגעגעבן אויף פּאַפּירן פאַר איר ביי דער רעגירונג”. בערל האָט זיך שטאַרק צעחושט ביי מערעס אָפּפאָר. ער האָט איר אַרומגענומען און זיי האָבן זיך צעקושט. רבקה האָט עפּעס געגערדט מערען אויפן אויער. מערע איז רויט געוואָרן און געלאַכט... אין רבקהס אָדערן האָט געגרונען ס'בלוט פון אירע באָבעס, וואָס האָבן אַ רבנישע הנאה געהאַט פון משדך זיין זווגים, די בלוט האָט איר נישט צורו געלאָזן, איר פרויען־האַרץ האָט מיטגעפילט מערעס געמיט, רבקה האָט געוואוסט אירע געדאַנקען, זי האָט זייער געוואָלט, אַז מערע זאָל בלייבן נאָענט צו זיי, רבקה האָט איר באמת ליב געהאַט און מערע האָט עס גוט געפילט.

אין סאַנאַטאָריע איז ליבושן די ערשטע טעג געווען אומעטיק, נאָכדעם האָט זיך גיך געביטן זיין מצב־רוח, ער האָט געפילט ווי די קרעפטן קערן זיך צוריק, די מוסקולן ווערן אָנגעקוואָלן מיט ענערגיע. דאָ האָט ער געהאַט אַ סך צייט צו קלערן וועגן זיך און וועגן זיינע לעצטע איבערלעבענישן. אַניוטעס זכרון האָט אים מער נישט וויי־געטון, ער האָט זיך באַמיט, וואָס ווייניקער פון איר צו טראַכטן. און אַ זאַג געטאָן: „אַזוי”... דעם זעלביקן אָוונט אין נאָכמיטיקטיקן דרעמל אויף דער זוניקער טעראַסע, האָט ער געפילט אַ ווערעמע האַנט, וואָס גלעט אים, מערעס קול האָט אים געזונגען אין די אויערן. ער האָט איר געזען פאַר זיינע אויגן, ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז זי וואַכט איבער אים און טרעט נישט אָפּ.

די 60 בעטן פון דער סאַנאַטאָריע זיינען דורכן יאָר קיינמאָל נישט געשטאַנען ליידיק. אַלע חודש בייטן זיך די מענטשן. ציט זיך די געשיכטע פון אַנשטאַלט אין איין לעבעדיקער קייט, וואָס רייסט זיך קיינמאָל נישט איבער, יעדער נייער מענטש האָט אין ערשטן טאָג אַלץ געוואוסט, ווי ער וואָלט דאָרטן געווען חדשים לאַנג. ער האָט געוואוסט די נעמען פון די פלעגערינס, פון פּערסאָנאַל, פון דאָקטער, אַפילו פון שומר. ער

דאָט גלייך זיך דערוואוסט, ווען דער דאָקטער קומט, ווען די פּאָסט קומט אָן און גייט אַוועק, ער האָט געוואוסט פון אַלע געשיכטעס און אינטריגעס, וואָס דער קליינער אייגנאַרטיקער לעבנס־אינדזל האָט גע־וועבט און געשפּינט אין דער הויך פון די בערג פון יהודה.

לייבוש האָט זיך די ערשטע צייט געפילט אַ ביסל פרעמדלעך, ס'איז אים שווער געווען איינצופּאַסן זיין לעבן אין דעם דיסציפּלינירטן גע־שלאָסענעם ראַם פון אַנשטאַלט: יעדע דריטע שעה עסן, געצוואונגענע אָפּרו־שעהן, געצוואונגענע צייט פון שלאָפן גיין, אויפשטיין אין אַ באַ־שטימטער שעה. עס איז לייבושן אויך שווער געווען דאָס שפּע עסן וואָס מען האָט יעדערן געגעבן מיט דער פולער האַנט. דער עולם אַר־בעטער כאַפּט זיך על פּי רוב צו די ערשטע טעג צום גוטן עסן אָבער ס'ווערט גיך מיאוס — אַנגענעם איז די ערשטע צייט די שטילע רואי־קייט, דער אָפּרו, אַלאַ אַ פּאָר טעג שפּעטער זוכט מען פאַרווייַלונגען. מען שפּילט אין קראָקעט, אין שאַך, אין דאָמינע, ליבהאָבער זיצן אָפּ שעהן ביים פּאַטעפאָן... ס'ווערן אָפט איינגעאָרדנט לייכטע פאָרלעזונ־גען, קאָנצערטן און היימישע פאַרווייַלונגען. ס'שאַפט זיך דער פּסיכאָז פון „קילאָען", דאָס געזונט און די גענעזונג ווערט יעדער וואָך געוואָגן אויף אַ ווייסער וואָג מיט אַ לאַנגער האַלדז. די מענטשן וואַרטן אויף די צוגענומענע „קילאָגראַמען" און שרייבן נאָכהער וועגן דעם צו די נאָענטע. אין דער סאַנאַטאָריע זיינען אויך פאַראַן קרייזן, וואָס האָבן איין אַלגעמיינעם אינטערעס, למשל מוטערס. די מוטערס ווערט נישט מיאוס צו ריידן אָן אויפהער וועגן די קינדער, וואָס זיינען פאַרבליבן אין דער היים, אַלעמענס קינדער זיינען די קליגסטע, די שענסטע, די בעסטע און געזונטסטע... יונגע מיידלעך האָבן ליב זיך צו האַלטן צו־זאַמען ווי טויבן. מען סודעט זיך, מען לאַכט הויך אויפן קול, מען זוכט כלערליי פאַרווייַלונגען ווי אָפּצוקומען די איינגעצאַמטע צייט. פון צווישן די ביימער קלינגען געזאַנגען און געלעכטער. אין סאַנאַטאָריע פאַרבינדן זיך איידל פאַרבאָרגענע ליבעס און טראַגעדיעס, נישט זעלטן ווערן זיי ווייטער געשפּינט, שפּעטער, אויסער די ווענט פון אַנשטאַלט. די שאַר־פע אויג פון דער הויפּט־פלעגערין איז אומעטום וואַך אין די ווייטסטע ווינקלען פון גרויסן פּלאַץ, אין פאַרבאָרגנסטן שאָטן פון פאַרוואָרפענעם בוים. לייבוש איז נאַטירלעך אַריינגעצויגן געוואָרן אין אָט דער לעבנס־אַטמאָספער, ער האָט נישט באַוויזן זיך אומצוקוקן, ווי די פיר וואָכן זיינען אַנטלאָפן, פאַרוואונדערט פון פּלוצימדיקייט, האָט ער זיך גע־פּאָרעט אין ביורא ביים טישל, וואו מען האָט אים געגעבן געלט אויף צוריק־רייזע און אויסגעשריבן פון בוך. ערשט איצט האָט זיך לייבוש געכאַפּט, אַז די צייט איז גיך אַנטלאָפן, ס'האָט זיך אים געוואָלט בלייבן נאָך אַ פּאָר וואָכן, און געניסן פון רואיקן זאָרגלאָזן לעבן. גראָדע די

לעצטע טעג פאר זיין אפפארן איז אנגעקומען אין אנשטאלט אן ארטיסטין פון דער „הבימה". ווי וואונדערלעך זי האט רעציטירט און פארגעלייענט אין ליכטיקע אוונטן, ווען אויף די בערג פון יהודה האט געשימערט א בלויער נעפל. לייבוש האט א סך פרייע שעהן מיט התמדה געלייענט ביכער פון דער ביבליאטעק, ס'איז א מנהג אין דער סאנאטאריע, די ביכער וואס מען ברענגט מיט, איבערצולאזן אין אנשטאלט. אזוי האט זיך צונויפגעקליבן א שיינע פארשיידנארטיקע ביבליאטעק נישט געקוקט אויף דעם וואס די פארוואלטונג האט שטענדיק פארווערט צו פירן דיסקוסיעס אין דער סאנאטאריע וואס רעגט אויף און פארדארבט אפט די באציאונגען צווישן די מענטשן, פלעגן דאך דיסקוסיעס אויסברעכן פון זיך אליין, קיין שום פארבאט האט זיי נישט געקענט איינצאמען, ס'האט נישט געהאלפן קיין דראונג, און די הויפטפלעגערין האט זיך געמעגט בייזערן וויפל זי האט געוואלט.

מערע האט לייבושן אייניקע מאל דערמאנט א נאמען פון א טעארעטיקער אין זייער קבוצה וואס הייסט מענדל פלעכאנאוו. צו לייבושעס איבערראשונג איז די לעצטע טעג פאר זיין אפפאר אנגעקומען אין סאנאטאריע אט דער חבר מענדל פלעכאנאוו אויף גענעזונג. מאלאריע האט אים אויסגעצערט און די מילץ, זאגט ער, איז פון פיבער שטארק געשוואלן. יא, ער האט געבראכט לייבושן א בריוועלע, אין א צעקנייטשטן קאנווערט מיט בלייפעדער אנגעשריבן: „דעם חבר לייבל חייט אין מוצא". דאס בלוט האט אים א שלאג געטאן אין פנים. ער איז רויט געווארן, פאר מענדל פלעכאנאוו איז עס נישט געבליבן פארבארגן, לייבוש האט געהערט, ווי מענדל דרשנט, פונקט ווי ער וואלט דא געווען א תושב פון לאנגע צייטן. מען האט דיסקוטירט וועגן עוואלוציע און רעוואלוציע. מענדל האט געהויבן און אראפגערוקט די ברילן פון נאז און געטענהט: „חבר פלעכאנאוו האט געמאכט צו בלאטע אייער גאנצע טעאריע וועגן עוואלוציעס, עס איז נאר אן איינרעדעניש, אז די היסטאריע קען נישט מאכן קיין שפרונגען און זי מוז דווקא גיין בהדרגה ווי די ביאלאגיע, ווי די אנטוויקלונג פון די מינים; וואס דארווין האט דערפונדן — איר לעקט דערפון די פינגער, א? — העגעל האט דאך שוין געהאלטן אט די טעאריע פאר א שטות און באוויזן מיט פאקטן, אז די היסטאריע קריכט נישט ווי א שילדקראט, ווי איר ווילט, נאר די היסטאריע קען שפרינגען... מארקס און ענגעלס האבן אין דעם פרט צוגעשטימט צו העגעלס מיינונג — וואס דארפט איר זוכן פאקטן אין דער פארגאנגענהייט? זאגט מיר, חברים, אין רוסלאנד האט די היסטאריע י א געשפרונגען צי נ י ש ט געשפרונגען, זאגט, וואס שווייגט איר?

ווייזט אויס, אז מענדלס רייד זיינען געפעלן געווארן א לאנג־הא־

ריקן דאָקטער פילאָזאָף, וואָס פאַרנעמט זיך דאָ מיט שמירה אין אַ פּלאַנטאַציע, דער דאָקטער איז אויפגעשפּרונגען מיט התלהבות: „יאָ, יאָ, דער מאַן האָט רעכט! איך קאָן אינען בעקאַנט מאַכען מיט דער זאָגענאַנטער מוטאַציאָנס־טעאָריע פון גאָטיע און הוגאָ־דע־פאַרים, וואָס האָבען צונישט געמאַכט אין פּרינציפּ די וואָרהייט דער דאַרוויניסטישער לערע. די טעאָריע פון גאָטיע און הוגאָ דע פאַרים בעגרינדען דאָך מיט פאַקטען און ביישפּילע דאָס אוך אין דער ביאָלאָגי אַלעם ניכט זאָ גוט און פיין שטייט ווי דער דערווייניסמוס. אוך די אַנטוויקלונג דער ביאָלאָגי וויים פון שפּרונגען. יאָ, יאָ, די ביאָלאָגי מאַכט שפּרונגע, יאָ, פרייליך”...

די אַרומיקע צוהערער האָבן אָנגעשפּיצט מויל און אויערן, כדי תופס זיין דעם טיפן ויכוח צווישן מענדל פלעכאַנאָוו מיטן דאָקטער, לייבוש האָט זיך אויך אָנגעשטרענגט, אַלאַ די ערנסט געשפּאַנטע שטימונג האָט איבערגעריסן אַ פאַרביסענער ליטוואַק, וואָס איז אויפגעשפּרונגען מיט רוגזה:

„— אַ חרפּה און אַ בושע! אין אַ געזעלסאַפטלעכן אַנסטאַלט וואָס ס'טייט אויף די ערד פון קרן קימת, פּלאַפּלט מען אָן אויפהער זשאַרגאָן מיט נאָך „סיווים לסוינעס”, חוץ איבריט, סעמט אייך ביזקל אייער וויטן האלדז, סעמט אייך!”... האָבן זיך די מענטשן דערפילט נישט באַקוועם, מען האָט זיך איבערגעוואונקען און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, ביז אַ בחור האָט מיט אַ געמאַכט ערנסטן פּנים טאַמעוואַטע אויסגערופן, — „אויב אַזוי, וואָס רעדסטו, רבי פייוול אידים”? אויפגעמונטערט האָט ער מוסיף געווען: —„ הערט נאָר רבותים! — „אין טסיקאַגע, חומעס בריסים, סאַבעם סירע, האָט אַ סייגעץ דערסאָסן אַ סיקסע, און גאָרניסט ניט”... האָבן אַלע אויסגעבראָכן אין אַ הילכיקן געלעכטער, חוץ דעם דאָקטער, וואָס האָט אָדער מיטגעפילט דעם באַליידיקטן ליטוואַק, אָדער בכלל נישט פאַרשטאַנען וואָס מען האָט דאָ געזאָגט.

דער ליטוואַק איז אויפגעשפּרונגען מלא חימה, ער האָט אַ שמייץ געטאָן אָן דער ערד די צייטונג וואָס ער האָט געהאַלטן, אַ וואָרף געטאָן בייז: „טיפּסים וואָס איר זענטס”, און אַוועק אַ בייזער פון רעדל מענטשן.

מערע האָט געשריבן לייבושן, אַז זי אַרבעט איצט זייער פיל. „אַ געוועטעניש דאָס יאָר אין אינקובאַטאָר, ס'האָבן זיך אויסגעבריט הונדערטער עופות. די זאָרג און אחריות פאַר זיי ליגן אויף מיר. די הינדעלעך האָבן נישט קיין מוטער, וואָס די נאַטור גיט יעדער לעבעדיק באַשעפעניש. פאַר זיי גילט אַ ברייטע בלעכענע הוט איבער אַ נידעריקן לאָמפּ. די הינדעלעך קלייבן זיך אונטער דער הוט און וואַרעמען זיך.

ווי אונטער די פליגלען פון א מוטער. די קינדער אין קבוצה רופן דעם לאַמפּ „שטיף־מוטער"... אין דער פרייער צייט לויף איך אין דער אַראַנ־זשעריע, ארבעט ביז איבערן קאָפּ, מען זייט זומער־תבואה, מען גייט פלאַנצן נייע ביימער אין דער „באַראַכאָוו־וועלדל", מען פארגרעסערט דעם וויינגאַרטן, מען שטעלט צו נאָך בינשטאָקן. אזוי, לייבוש, גייען די טעג. פריער אין די פרייע אָוונטן פלעג איך פאַלן מיד און גלייך איינ־שלאָפן. איצט אויך די זעלביקע. אָבער איך שלאָף שווער איין. ווייל עס איז מיר א י צ ט אומעטיק, זייער אומעטיק"... מערע שרייבט, אז בקרוב דאַרף זי קומען אין שטאָט, „צופוסנס דעם כרמל שאַפט זיך א פרויען־ווירטשאַפט פאַר חלוצות, אונדזער קבוצה דאַרף שיקן צוויי גע־ניטע חברטעס אַלס אינסטרוקטאָרן אויף א געוויסער צייט, איך פאָדער אומבאַדינגט, מען זאָל מיר שיקן... ס'איז מיר אומעטיק..."

# קבלן שטיין

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט גבעוני, דעם אַרבעטס־פּאַרוואַלטער פון אונטערנעמער שטיין, וואָס האָט געבויט דעם כביש אין „נוה שלום", רוזשקע די „שומר הצעירניצע" האָט געטענהט, אַז גבעוני האָט „צוויי זעלן אין איין ברוסט", — איין נשמה וואָס איז אינגאַנצן נכנע דעם אונטערנעמער שטיין, די וואָס איז אים פאַרבליבן פון יענע צייטן, ווען ער איז אַליין געווען אַ כביש־אַרבעטער. דער קבלן שטיין האָט געוואוסט, וואָס ער טוט, בעת ער האָט אָנגענומען גבעונין צו זיך אַלס „מענטש". מיין „מענטש", טענהט שטיין צו זיין זון, „וויים גאַנץ גענוי, פון זיין אייגענער פּראַקטיק אַלע שוואַכע זייטן פון אַרבעטער אויפן כביש, ער וועט שוין מיר אָפּהיטן"... די טעג, וואָס גבעוני האָט נישט געדאַרפט דירעקט אַכטונג געבן אויף דער אַרבעט, איז ער מיט אַלעמען געווען גוטער ברודער, ער האָט געלערנט, געוויזן, געגעבן עצות, אַפילו מיטגע־זונגען אין כאָר. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען איין נשמה האָט גע־קלאַפּט אין זיין ברוסט, ווי אָבער גבעוני האָט גענומען מעסטן די קו־באַטור פון אָנגעשפּאָלטענע שטיינער, אָדער פון שאָטער פון אָפּגעגראָ־בענעם, צי אָנגעשאָטענעם באָדן, האָט אויפגעוואַכט ביי אים די צוויי־טע נשמה, וואָס האָט געהערט צום אונטערנעמער שטיין. ביי די פאַלן איז תמיד גבעוני אָנגעצויגן, וואָזשנע, אָפּיציעל, ער קרימט זיך, מעסט אַרויף, מעסט אַראָפּ, און זיין חשבון שטימט קיינמאָל נישט מיטן חשבון פון די אַרבעטער; ביי גבעונין איז ווייניקער, ביי די אַרבעטער — מער. נאָכהער זוכט גבעוני פּגמים אין שאָטער: „מען דרייט דאָ אַריין קאַלעך שטיין"; האָבן חברה געפּאָדערט ער זאָל געבן בעסערן שטיין — „טאָ גייט אין פעלד און קלייבט"... דער ועד פון די כביש־אַרבעטער איז אוועק אין אַרבעטס־אַמט און געמאַכט אַ געוואַלט: — ס'טייטש ה"ח, 3 פּראָצ' פון אונדזער פאַרדינסט נעמט איר חוץ די שטייערן וואָס מיר צאָלן פאַרן אַרבעטער־ראַט, וואָס שווייגט איר, ווען מען באַגנבעט אונדז?"

דער ארבעטס־אמט האָט געשיקט אַ מומחה קאָנטראָלירן די אַר־בעט, און איינגעפונען אַז גבעוני מאַכט דאָ טונקעלע עסקים. דער אונ־טערנעמער שטיין איז אַליין געקומען אָנקוקן דעם גאַנג פון דער אַר־בעט, האָט אים דער ועד פון כביש געמוסרט, אַז אין גבעונים חשבונות גלויבט קיינער נישט. שטיין האָט זיך אויפגערעגט און געענטפערט: — „איך גלויבט נישט, איז נישט, איך גלויב יאָ"... נאָכהער האָט זיך אָנ־געהויבן אַן ענין מיט האַלבע טעג און שעהן פון די רעגן־טעג. גבעוני האָט איינגעפירט, אַז די צייט, וואָס מען אַרבעט אין אַ רעגן־טאָג, איידער דער רעגן פאַלט אויס, שרייבט ער נישט אין חשבון. די מאָס איז פול געוואָרן, ווען דער אונטערנעמער שטיין האָט צו־ווייסן געגעבן, אַז ער קען ווייטער נישט צאָלן אַזעלכע הויכע פרייזן פאַרן לייגן סאָלינג און פאַרן שלעפן שטיינער, (די אַרבעטער האָבן זיך אַרומגעזען, אַז די צוויי אַרבעטן ווערן לגמרי נישט דערמאָנט אין קאָנטראַקט) לסוף האָט שטיין געפאָדערט „פאַרגיכערן דעם טעמפּ", ווייל לויטן קאָנטראַקט מוז ער דעם כביש איבערגעבן צו אַ באַשטימטן טערמין...

די אַרבעטער האָבן געשטורעמט, די פאַרביטערונג איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, און פאַרביטערט די מענטשן דאָס לעבן.

גבעוני האָט זיך געפונען צווישן צוויי פייערן. ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. די אַרבעטער האָבן אים גענומען טיטולירן „אדון גבעוני" אַנשטאָט „חבר גבעוני", גבעונין האָט עס טיף באַליי־דיקט. אַ סך מאָל האָט גבעוני געקלערט אוועקוואַרפן די אַרבעט ביים קבלן שטיין. און גיין צוזאַמען מיט אַלעמען אַרבעטן אויפן כביש. אָבער די מחשבה צערינט תיכף ווען ער דערמאָנט זיך אָן יענע וואָכן בטלה און הונגער, אָן אַ שטענדיקער היים, זיך וואַלגערן אין צעריסענע בייד־לעך פון איין כביש צום צווייטן. דאָס איז נאָך נישט אַלץ, אַזוי לעבן אַ סך, זאָל נאָר זיין אַרבעט! גבעוני, איז פאַרפּלאָנטערט מיט חובות פאַר אַ בוי־פּלאַץ, וואָס ער האָט געקויפט. ער האָט משליש געווען ווער־סלען מיט באַשטימטע טערמינען, נאָכהער דאָס קאָמפּליצירטסטע — דאָס מיידל פון פּתח־תקוה, אַ טאָכטער פון אַ מיטעלן פּלאַנטאַציע־באַ־זיצער, וואָס ער דאַרף גיין מיט איר התונה האָבן, זי האָט אים בפירוש געזאָגט, אַז מיט אַזאַ „שמענדריק" פון כביש וועט זי קיינמאָל נישט לעבן... אירע אויגן ברענען, און די פולע ווייבע אָרעמס זיינען זיס, אַ, ווי זיס!... און אין דער אַלטער היים מוז ער שיקן כאָטש 2־3 פונט אַ חודש, די עלטערן זיינען אַלט און שרייבן אומעטיקע בריוו, זיי פאָדערן ער זאָל אַראָפּנעמען צו זי זיין שוועסטער — „זי וואַקסט אין גרויען צאָפּ — קיין נדן איז נישטאָ"... סוף כל סוף וועמען טוט ער דאָ שלעכטס? טראַכט זיך גבעוני. ער מעסט שלעכט די שטיינער? — „וואָס דאָס זיינען פאַר אַ קליינלעכע ברואים! צוליב 10 סענטימעטער מאַכט

מען אַ רעש. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן עס די 10 סענטימעטער? באַזונ־דערס ביי איז ער אויף בערלען און נאָטען דעם שומר, ער קען זיי פון לאַנג, זיי האָבן אַמאָל צוזאַמען געאַרבעט אויף איין כביש, איצט ווען בערל מיט נאָטען באַגעגענען אים, ציען זיי אירגאַניש אַראָפּ די היט־לען און זאָגן — „שלום, אדון גבעוני! מה שלום הגברת שלו"? היינט רבקה, וואָס קען אים אויך פון פריער, אַז זי טרעפט אים, לאַכט זי זיך פאַנאַנדער: „קאַריעריסט — כאַ־כאַ־כאַ!"

איינמאָל האָט אים בערל אָפּגעשפּריצט מיט וואַסער ביים אַרויס־לאָזן דעם דאַמף פון ראַלער, אמת, בערל האָט זיך אַנטשולדיקט און געזאָגט — „נישט ווילנדיק". גבעונין האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס האָט ער ספּעציעל אים געוואָלט באַליידיקן, און דאָס בלוט האָט אים געקאָכט פון כעס.

דער אונטערנעמער שטיין איז געווען אַ ייִד אין די פופציקער, אַ אונטערנעמער פון דער היים, דאָרטן האָט ער געבויט קאַזאַרמעס פאַרן רוסישן מיליטער און בנינים פאַר דער רעגירונג. שטיין טענהט, אַז ער איז אַ מענטש מיט אַ „ווייטן קוק". גלייך ווי די רעוואָלוציע האָט זיך גענומען פאַרטיפן, האָט ער פאַרקויפט זיין פאַרמעגן, וואָס ער האָט גע־האַט אין מינסק, די „צאַרסקע" אויסגעביטן אויף דאָלאַרן, צונויפגענו־מען די קינדער פון די גימנאַזיעס און באַוויזן זיך „אַוועקפּעקלען" אין ארץ־ישראל.

שטיין איז אַ ציוניסט נאָך פון פאַר דער מלחמה, געצאָלט אויף „נאַציאָנאַל־פאָנד", אויף „קרן ארץ־ישראל", געקויפט אַקציעס אין דער „קאָלאָניאַל באַנק", געהתמעט אויף דער „הצפירה" און געלייענט דעם „ראַסוועט". זיין פרוי האָט געשטאַמט פון אָדעס, איר משפחה איז שוין לענגער אין ארץ־ישראל, איניקע פון זיי זיינען העכערע באַאַמטע אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און נאַציאָנאַלע חברות „אַזעלכע פּראָ־טעקציעס ווי מיין ראיה האָט, קען דער „האָספּאָד באָג" אַליין נישט האָבן", טענהט שטיין, אירע קרובים האָבן אים אונטערגעשטיצט, ביי יעדער מעגלעכקייט, מיט אַרבעטן, אָדער פלעגן אים גלייך געבן די אַר־בעטן דורכצופירן, אָדער באַצייטנס מודיע זיין: „דאָ און דאָ מאַכט זיך אַ כבישל, דער בודזשעט איז אַזאַ און אַזאַ, ווענד זיך דאָ און דאָרטן, און געדענק די ר א מ ע ן פון בודזשעט"...

שטיין האָט געקויפט אַ שיינעם בוי־פּלאַץ אין תל אָביב און אויס־געבויט אַ גרויס הויז. ביים לייגן דעם גרונטשטיין, האָט ער, ווי דער מנהג איז אין ארץ־ישראל, געמאַכט פאַר די אַרבעטער אַ לעקעך מיט בראָנפן, שטיין האָט זיך צעוואָרעמט און געהאַלטן פאַר זיי אַ רעדע: „מיינע פריינט! איך בין געקומען מיט מיין האָב און גוטס קיין ארץ־ישראל, כדי אייך, חלוצים, מיטצוהעלפן מיט אַלע מיינע קרעפטן און

פארמעגן, אויפצובויען דאס יידישע פאטערלאנד, לחיים, ברידער! טרינקט פאר דער צוקונפט פון אונדזער היים! ער האט פון שמחה ארומגענומען דעם בעל־עגלה, וואס האט געבראכט דעם ערשטן וואגן ציגל און זיך צעקושט מיט אים „אין צייכן פון שלום און הארעוואניע צווישן ארבעט און קאפיטאל אין יידישן פאטערלאנד", לחיים, ברידער!

אין דער תל אביבער געזעלשאפט איז שטיין געווארן זייער חשוב און אנגעלייגט, ער איז געקליבן געווארן אין „ועד העירוני פון קרן־היסוד", א מיטגליד פון אייניקע פילאנטראפישע געזעלשאפטן, און א ערן־פארזיצער פון א בית־היתומים. אומעטום האט ער געצאלט מאנאט־אפצאל ביד רחבה, אומעטום האט ער געהאט א וואגיק ווארט און דעה.

פון זיינע 4 קינדער, דריי זין און איין טאכטער, האט ער געהאט נחת, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן: „פאפאלאם" איבערדערהעלפט, — „די טאכטער איז אינגאנצן משוגע, זי וויל נישט וויסן פון עלטערן, וואס „סטראדאיען" פאר איר, זי וואלגערט זיך אין א קבוצה מיט „פענ־טאקעס"... איין זונס נאמען טאר מען אין זיין אנוועזנהייט נישט דער־מאנען, — „רעדט נישט, כ'האב אים אויסגעמעקט פון מיין רשימה, דער „מאלקאסאס" האט שוין ארגאניזירט 2 שטרייקן ביים אייגענעם טאטן, א כוליגאן"... די איבעריקע 2 זין זיינען „טייערע קינדער!" איינער איז א פקיד ביי דער רעגירונג, דער צווייטער ארבעט מיט מיט אים אין עסק, די גברת ראיא שטיין, איז אויך חשוב אין דער געזעלשאפט, זי איז אק־טיוו אין „וויזא", און ארבעט אין קאמיטעט „צו פארשענערן די שטאט מיט גרינס אוןביימער", שטיין רעדט וועגן איר: „מיין ראיא זאל גע־זונט זיין, פארט יעדן צווייטן זומער אויף פרויען־קאנגרעסן אין אייראפע און רוט זיך גלייכצייטיק אוים פון דער ארבעט א גאנץ יאר אין אן אנשטענדיקן קוראָרט"... אזוי לעבט דער קבלן שטיין אין תל אביב, נעמט אן ארבעטן, קהלט זיך, גייט אויף אסיפות, און „צווישן אונדז זאל דאס בלייבן", וועט אייך שטיין זאגן אויפן אויער: „אז ס'פאלט צו א פרייער אוונט, כאפט מען זיך אריין אין קאזינא אדער פאלאטין, מיט אלע באקאנטע, כאפן א קערטל"...

דער כביש אין „נוה שלום", האט שטיין אויך באקומען דורך אן אייגענער פראטעקציע פון א קרוב, א הויכער באאמטער אין דער נא־ציאנאלער חברה, דער רוב האט אים געהאלפן מיט אן עצה און מיט מעשים. דער כביש אין „נוה שלום" איז אים אנגעקומען זייער שווער. שטיין האט פאר קיינפאל נישט געוואלט נאכגעבן דעם פונקט אין קאנט־ראקט, וואס זאגט „ארגאניזירטע ארבעטער", זיי האבן אים גענוג שטרייקן מיט קאפוויטיק געמאכט. „מען קען פון די ארגאניזירטע בלייבן אן א העמד אויפן לייב, מיט א ראק אויף די לונגען". דער הויכער ציור־ניסטישער פקיד האט מיט אים איינגעטענהט — „בארים מאיסייעוויטש!

זיי נישט קיין דוראק, מעגסט שוין פארשטיין, אז מיר מוזן אזוי שרייבן אין קאָנטראַקט, ווייל נישט דו און נישט איך וועלן גיין פּיבערן און איינשטעלן דאָס לעבן ביים טריקענען זומפּן, ס'גייט נישט אזוי אין כביש, ווי ס'גייט אונדז אין די זומפּן, פארשטיי דאָך, אז נאָר זיי וועלן די ארבעט דורכפירן, ווילן זיי, באָרים מאָיסייעוויטש, „אָרגאַניזיר־טע", לאָז זיין „אָרגאַניזירטע", וואָס הארט עס דיר? צייט דו זאָלסט קענען זייערע סעקרעטאַרן „טשינאָווניקעס" פון די „סאָיוזן", מען קען מיט זיין אויסקומען, עקשן זיך נישט!"

שטיין קאָכט זיך און שרייט: — „אָבער דאַוויד נאַכומאָוויטש, דאָס איז דאָך פאַקטיש באַלשעוויזם, באַלשעוויזם פּאַני־מאַיעשׂ? — צווינגען מיר צו נעמען דווקא בונטאָווּשטשיקעס! פאַרוואָס „גאָספּאָדאַ, לערנט איר זיך נישט פון די פּלאַנטאַציעס, וואו עס ארבעטן גאָר אראַבער בחצי חינם און בונטעווען זיך קיינמאָל נישט? הערסט דאָך, דאַוויד נאַכומאָוויטש, וואָס מיין ראַיאַ זאָגט, אז „מען דאַרף בכלל נישט נעמען צו די שווערע ארבעטן יידישע קינדער, לאָז מען שיקן אראַ־בער, זיי זיינען געוואוינט דערצו. מיינסט, אז זי האָט נישט קיין רעכט!" ראַיאַ דערמאָנט מיר יעדער רגע אונדזער בת־יחידה, זי האָרעוועט שווער און ביטער, דאָרט אין דער קבוצה, מיטן זשוליק אירן, וואָס האָט איר ארויסגענאַרט...

— „כ'האָב דיר טויזנט מאָל געזאָגט, באָרים מאָיסייעוויטש, אז דו ריקסט אויף אַלץ מיט דיין שמאָלן קוק, ווייטער ווי אונטער דער נאָז זעסטו נישט. ראשית, וויפל האָסטו עס נישט־אָרגאַניזירטע יידישע אר־בעטער אין ארץ־ישראל? והשנית, זאָג אליין: צי קענען מיר שיקן אראַ־בער טריקענען זומפּן? וואָס וועסטו זיי טאָן, אז נאָכן אויסטריקענען דעם זומפּ גייען זיי נישט אוועק און זאָגן, אז דאָס איז זייערס, זייער באָדן, האָסטו זיך שוין אַמאָל געלאָדן מיט מוכאַמעדן!"...

— שרייט שטיין: — „און וואו איז זאַקאָן, וואו איז די פּאָליציי? וואָס? ס'איז הפקר, אַנאַרכיע?

— „אַט־אַט, באָרים מאָיסייעוויטש, נעמסטו שיסן אין פּינטל! מיר זיינען ציוניסטן, יידן זיינען מיר, וואָס בויען אונדזער לאַנד, מיר מוזן שטיצן יידישע ארבעטער, וואָס היטן אונדז פון אַלע צרות און העלפן שאַפן די יידישע מערהייט, ביז מיר וועלן ווערן אַ פּאָלי־טישע מאַכט, ביז די פּאָליציי וועט אונדז שטענדיק פאָלגן, דערווייל, באָרים מאָיסייעוויטש, איז די פּאָליציי אַ פויגל אין אונדזער שטייג, נישט שטענדיק שטייען זיי אונדז צו הילף. באַזונדערס וואו עס האַנדלט זיך מיט אראַבער און עסקים מיט ערד. ווילסטו, באָרים מאָי־סייעוויטש, דעם פויגל אַמאָל יאָ כאַפּן, קענסטו דאָך: וועלן דיר חברה שטאַרק דאַקוטשען, דו וועסט זיך מיט די „אָרגאַניזירטע" קיין

עצה נישט קענען געבן, בלית־ברירה, אז עס וועט זיך האנדלען וועגן עפּעס ערנסטער, איז וואָס אנדערש, דעמאָלט וועלן דיר די פּאָליציי אָפּהיטן דעם זאַקאָן"...

אזוי פלעגן שמועסן ביירע קרובים — דער קבלן שטיין מיטן הויכן פקיד. נאָך אזא שמועס, איז שטיין מסכים, ער חתמעט די קאָנטראַקטן, מען טרינקט לחיים, און מען ווינטשט זיך אַלדאָס גוטס.

אין ד ע ם פרילינג איז שטיין געווען שטאַרק פאַרפלאָנטערט: זיין ראיא איז פאַר פסח געפאָרן אין אויסלאַנד, — „גאַל־שטיינער", דער מענטש ליידט דערפון זייער פיל. ער ,שטיין אַליין, האָט פאַריקע וואָך אריבערגעכאַפּט די מאָס ביי אַן „אָקע"; ס'איז אים אומעטיק אָן ראַיען! נאַכהער האָט ער, מנדב געווען דעם בית־יתומים ווענט אויף צוויי צימערן, ער מוז די ווענט אויפשטעלן אויף זיין חשבון, יאַקאָב, דער צווייטער זון, וואָס אַרבעט מיט אין זיין עסק, וויל אַ שפּאַציר טאָן אין פּאַריז, „אַ קינד, ער דאַרף אויך זען די ליכטיקע וועלט". די הוצאות זיינען גרויס, וואָס טוט מען?

צוזאַמען מיטן בוכהאַלטער האָט שטיין קאָנטראָלירט אַלע ביכער, אַלע באַלאַנסן פון אַלע לויפנדיקע אַרבעטן, ער איז מסכים געווען מיטן בוכהאַלטער און מיטן זון, אַז ביי אַ געהעריקער „ראַציאָנאַליזאַציע" אויפן כביש אין „נוה שלום", קען מען פאַראיבעריקן אַ צען מאות פונטן, „נשקשה", האָט ער געקלערט, מען דאַרף גבעונין העכערן דעם געהאַלט, ער איז אַ פאַרשטענדלעכער בחור, ס'וועט גיין...

# וואו דער קישון שטראָמט...

דער זומפּיקער טייל פון עמק עכו, צופוסנס דעם כרמל, ווימלט פון מענטשן. די גרויסע טרוקן־ארבעט שפּרייט זיך אויף קילאָמעטערן ווייט אין פאַרשיידענע פעלעצער. מען האָט באַוויזן פאַר דער צייט דורכ־צוליינגן אַ פּאָר קילאָמעטער כביש און אויסבויען צוויי צייטווייליקע הילצערנע בריקן, כדי צו קענען אריבערגיין דעם קישון. דער טייך איז געווען ארומגעגראָבן פון ביידע זייטן, דער לאַנגער, טיפער גרובן, פּער־פּענדיקוליאר צום טייך, איז כמעט פאַרטיק געווען, מען האָט בעטאָנירט דעם צונויפגוס פון גרובן מיטן טייך; דער גרובן וועט אינגאַנצן פאַרטיק ווערן, און בעת דער טייך וועט שטייגן, וועלן די וואַסערן זיך מער נישט צעגיסן אין זומפּן, נאָר אריינפאַלן אין טיפן לאַנגן גרובן. רעכטס פון קאַנאַל האָט די אַרבעט געברענט, מען האָט געטריקנט אַ זומפּיקן פּליין פון טויזנטער קוואַדראַט מעטער. דעם זומפּ האָבן אויפגעהאַלטן אַ סך קוואַלן, וואָס האָבן דאָרטן אויפן גרונט געשפּרודלט אין משך פון אַ סך דורות. מוטיקע נאַקעטע בחורים זיינען ביז דער ברוסט געשטאַנען אין גרינעם זומפּ און מיט קאָסעס געשניטן די ווילד־גראָזן מיט די „הושענות", וואָס האָבן באַדעקט דעם שטח, און געגאַרט דאָס אויג פון ווייטן: „אַ שיינע גרינע פעלד!" די ווילדע גראָזן האָבן פון זייערע אור־שטאַמען גאָרנישט נישט געוואוסט וועגן קיום פון בלאַנקן שאַרף פון שטאָל, עם האָבן זיך דאָרטן גענעסטלט ווילדע הינער און וואַסער־קאַטשקעס. צו גאַסט קומען צופליען גרויסע ים־מעוון און פלינקע שפּאַר־בער. ווען דער הונגער איז גרויס אין די בערג, באַווייזן זיך גאַנצע עס־קאַדרילעס אָדלער. זיי כאַפּן קליינע פייגל און פאַרבלאָנדזשעטע האָזן. די נעגנט ווייס אויך פון גרעסערע חיות — ווילדע חזירים און היענעס. אויף די טרוקענע אינדזלען האָדעווען זיך שאַקאַלן און אויף די שפּי־ציקע דערנער בייטן שלאַנגען זייער הויט: זיי פאַראַנקערן דעם עק אין אַ דאָרן און קריכן ארויס פון דער אַלטער שופּן־הויט; קומען שפּעטער

גרויסע מוראשקעס און שלעפּן די שופּן צו זיך אין די קעמערלעך אונטער דער ערד — ס'איז אַ טייערע אונטערבעט! מיליאָנען זשאַבעס דאַוונען דאָרטן מנחה און מעריב בצבור, זייערע קוואַקעדיקע תפילות ציען זיך ביז שפּעט אין דער אַכט. זיי ענדיקן זיך נאָכן מחדש זיין די לבנה צו־זאַמען מיט די הונגעריקע שאַקאַלן. עלטערע שאַקאַלן געדענקען, ווי מיט אַ צענדליק יאָר צוריק האָט דאָ פּרובירט דורכגיין אַ מחנה טער־קישע סאָלדאַטן, ס'איז זיי נישט געלונגען. אַ שיינע פּאָר חדשים שפּעטער האָבן די שאַקאַלן געהאַט ביינער צום שטילן דעם הונגער אין קאַלטע ווינטערדיקע נעכט. זיי געדענקען ווי צו זיי זיינען דעמאָלט געקומען אומגעבעטענע געסט: קראָעס. נשקשה, מען האָט זיך אויסגעלערנט כאַפּן קראָעס, זייער פלייש איז נישט ערגער ווי זעלנערשע ביינער. גם זו לטובה!... אין הערבסט לאָזן זיך דאָ אַרונטער טויזנטער מידע באָטשאַ־נעס, זיי שפּאַצירן גאַווהדיק אויף זייערע רויטע שטאָלצן, און כאַפּן פּראָש מיט צאַפּלדיקע שלאַנגען. יאַשטשערקעס שמאַיען איבער די דער־נער און פאַרלירן די עקן אין ווילדעניש, זשוקעס זיינען זיך טועה, זיי מיינען, אַז דאָס איז מיסט, קייקלען זיי די עקן צו זיך אין די לעכער. שילדקרעטן האָדעווען זיך דאָ דורות, זיי פירן אַ דאָפּלטן לעבן אויף דער יבשה און אין וואַסער, אַנדערע שילדקרעטן האַסן דעם וואַסער, זיי פוצן זיך אין טונקל־גרינע פאַרבן, זיי כאַפּן פליגן, אַז נישט, איז אַ גרעזעלע אויך רעכט. מיליאָנען מיליאַסן מאָסקיטן און קאָמאַרעס ווימ־לען איבער די זומפּן, זיי לייגן אייער אין וואַסער, דאָרטן לעבן זיי אַ האַלבן לעבן, נאָכהער פּלאַצט די הויט, און זיי פליען אויף יבשה עקס־קורסיעסווייז. די מוטערלעך, די אַנאָפעלעס האָבן פיינט די זון; די לבנה איז זיי פיל ליבער. ס'מאַכט נישט אויס אַ נאַפט־לאָמפּ, אַן עלעקטרישע בירנע. אַזאַ ליכט איז נישט שעדלעך און אָנגענעם. זיי לאָזן זיך מחנות־ווייז צו די ישובים וואו זיי לאָדן אָפּ די מאַלאַריע־גיפט און באַזאָרגן זיך מיט בלוט... מענטשן בלוט איז גאָר לעילא!

— — — שטייען שורות בחורים ביזן גאַרטל אין זומפּ, דער וואַסער אַרום: בול־בול־בול. מען לייגט אוים די ווילדע געוויקסן. אין מיטן דער שורה גייט אינזשעניער סורין מיט אַ צעפּאַטלטער באָרד, אַ סענקאַמן שטעקן אין האַנט, אַ בלעכענע טוטע פול מיט מאַפּעס, איבער־געוואָרפן מיט אַ רימען איבערן אַקסל. סורין מאַרשירט אָן אַן אויבער־ראַק, מיט פאַרקאַשערטע אַרבל.

„מוטיק חברה! מוטיק — פאָראויס! סורין זינקט אין זומפּ, זיינע גומענע שטיוולן זיינען פול מיט וואַסער — „חברה, אָן אַ זייט, פאַר־זיכטיק, דאָ ווערט טיפער!" אָדער „אָר־אָר־אָו, אַ נייער קוואַל"... לייבוש מאַרשירט מיט אַלעמען צוגלייך, ער טראָגט פלעקענער אויפן אַקסל, און ברעטלעך אונטערן אָרעם. אַ קוואַל? לייבוש קלאַפּט אַריין אַ פּלאָקן

מיט א ברעטל „קוואל נומ׳ 114״. ליבוש ארבעט איצט ווי גאַרנישט, ווי קיינמאָל נישט קראַנק געווען, ער פילט זיך א ביסל באַליידיקט, הלמאי מען מאַכט אים אַן אויסנאַם און מען גיט אים לייכטערע ארבעט. זיי ווייסן נישט, אַז ער איז איצט פול געלאָדן מיט קראַפט, וואָס שפּאַרט פון די מוסקולן. דאָס אויסרייסן די ווילד־גראָזן הייסט ביי סורינען „פּוצן״. מען האָט אָפּגעפּוצט א היפּשן שטח, און צעלייגט גראָבע געס־מאַלעטע שפּאַלן. חברה שטייען ווידער ביז די קני אין וואַסער און שלעפּן מיט כוח לאַפּעטעס שלאַמיק־קלעפּיקע בלאָטע, וואָס טאַטשקעס רעדלען אוועק ווייט פאַראויס.

אין איינעם א טאָג האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף א וואונדער־לעכער מעשה: דער שווערער פלאָקן פון קוואל „נומער 109״ איז אַליין אַרויסגעשפּרונגען פון זומפּ ווי א פראָפּן פון א פלאַש, מען האָט דעם פלאָקן נאָך טיפער פאַרזעצט, אין א שעה אַרום — דער פלאָקן שפּרינגט אין דער לופטן. דער אַראַבישער נאַכט־שומר איז פאַרביי־געגאַנגען, ער האָט עס באַמערקט און איז שיער נישט געפאַלן פאַר שרעק: „בחית אללא, ווי שדים זיצן דאָ! לויפט חברה, אַנטלויפט!״ אינזשעניער סורין האָט העכער פאַרקאַשערט די אַרבל, פאַררוקט די הענט אין זומפּ ביז דער ברוסט. זיין באָרד איז געלעגן אויפן וואַסער. א מחנה קאָמאַרעס האָבן זיך אויפגעהויבן פון זומפּ, און ווי א שטויב־וואָלקן זיך געדרייט אַרום קאָפּ.

— „ס׳וועט מאָרגן זיין א וואַרעמער טאָג — האָט סורין געזאָגט — מיר וועלן דאָ בויען וועגט פון די זייטן, פון שווערע שטיינער. מיר וועלן אויסגראָבן די שטיק זומפּ און געפינען דעם טייוול״... לייבל! זייט זיך מטריח, נאָט מיין זייגער און פאַרצייכנט, ווי לאַנג דער פלאָקן זיצט אין דער ערד, ווען ער שפּרינגט״!

פון שפּראָץ אויפן טאָג ביז 10 אינדערפרי האָבן חברה געשלעפּט שטיינער צום וואונדערלעכן אָרט, מען האָט אויפגעשטעלט א וואַנט. די וואַנט האָט נישט באַוויזן פאַרטיק צו ווערן, זי איז איינגעזונקען אונ־טערן גרינעם צודעק פון זומפּ און פאַרשוואונדן אין תהום. דער גריי־נער וואַסער האָט חוזק געמאַכט פון די חברה מיטן אינזשעניער סורין צוזאַמען: — בול־בול־בול־בול...

האָט מען א צווייטע וואַנט אויפגעשטעלט, איז זי האַלב געזונקען ווי די ערשטע. דאָס וואַסער איז ברוגז געוואָרן און פון רציחה געשופּעט ווי א שלאַנג, זיך געבלאָזן און געכאָרכלט „וואונדערלעך״! — האָט סו־רין געזאָגט. ווי די אַרבעט איז נישט שווער געווען, האָבן חברה נישט נאָכגעלאָזן, זיי זיינען געשטאַנען אויסגעשמירטע אין בלאָטע און גע־ברענט פון נייגער. ביי יעדערן איז אויסגעוואַקסן א שטאַרקער פאַרלאַנג: „נישט אָפּטרעטן, בייקומען״!

ס'האָט זיך אָנגעפּאַנגען אַ גײַעג צווישן דער אונטערערדישער כּטיביע אַקעגן 40 פּאָר בחורישע הענט: מען האָט אויסגעליידיקט דעם זומפּיקן באַסיין, חברה זיינען געשטאַנען ביזן האַלדז אין וואַסער, מען האָט געשעפּט מיט עמערס, מיט די הענט, מען האָט זיך געיאָגט: „ווער וועמען", כּסדר איז צוגעקוואָלן פרישער וואַסער פון אונטן, ביז מען האָט געמוזט גיך מאָנטירן אַ מאָטאָרל מיט אַ וואַסער־פּלומפּ, און פאַר־ליגן אין באַסיין דיקע שלויכן. לייבוש האָט געאַרבעט ביים מאָטאָרל, ער האָט אַכטונג געגעבן אויפן שעפּן. לייבוש האָט דערפילט דעם צאַפּל פון מאַשין, עס האָט זיך אים דער קאָפּ פאַרדרייט און זיין האַרץ האָט געקלאַפּט צוזאַמען מיט דער מאַשין: טוק־טוק; טוק־טוק.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געאַרבעט די מאַשין, די מענטשן האָבן גע־האָלפן שעפּן דעם זומפּ מיט עמערס מיט לאָפּאַטעס און מיט די הענט. באַגינען האָט מען דערגרייכט די פאַרזונקענע ווענט אין דעם שמוציקן דיל פון באַסיין. פון אייניקע ערטער האָבן געשפּרודלט אומרואיקע קוואַלן.

— „זעסט, מאַכמוד" — האָבן די אַרבעטער געוויזן דעם אַראַבישן נאַכט־שומר, — „אָט איז דער טייוול"!

— „אַללאַ יאַ אַקבאַר, דו אַלמעכטיקער גאָט"!

— „מאַליאַריע האָט זיך באַוויזן צווישן די אַרבעטער פון זומפּ, טאָג־איין טאָג־אויס האָבן מענטשן געפיבערט און געגאַנגען אין שפּיטאָל. פריער האָט געוואָרפן אין היץ, נאָכהער אין קעלט, די מענטשן האָבן נישט געקאָנט נישט זיצן, נישט ליגן, זיי האָבן געליטן שווערע יסורים פון די איינשפּריצונגען. פון שלינגען כינין צוויי מאָל אַ טאָג, האָט געראַוישט אין די אויערן, מען איז געוואָרן פאַרטויבט. טעג און וואָכן אין שפּיטאָל, אַ פּאָר טעג אָפּרו פון דער קרענק, און ווידער צום זומפּ.

מיט דער צייט איז שווער געווען צו דערקענען די געוועזענע זומפּן, אַנשטאָט גרינעם שלאַם און ווילד־גראָז, איז געלעגן ניי־געבוירענער פּייכטער באָדן, מאַמע־ערד, אַרויסגעבראַכטע פון זומפּיקן אָפּגרונט, אויבן שטייט אַ טראַקטאָר און שניידט דעם פייכטן באָדן אין לאַנגע גלייכע תּלמים. מען האָט אָנגעהויבן מיטן דרענאַזש: צעלייגט און גע־מויערט לאַנגע צעמענטענע רערן מיט אויגן אין די זייטן. די רערן האָבן אָפּגעצויגן דעם איבעריקן לחות פון באָדן און אָפּגעפירט צו די גרובנס.

לייבוש איז געוואַקסן צוזאַמען מיט די אַרבעט. ער האָט פאַרגעסן די גאַנצע וועלט אַרום און געלעבט מיט יעדער נייעם שפּאַן ערד, מיט יעדער נייעם קאַנאַל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון זומפּ. לייבוש איז אַזוי געווען פאַרטאָן מיט דער אַרבעט, אַז ער האָט אפילו נישט באַ־מערקט די סיכסוכים, וואָס זיינען אויסגעבראָכן צווישן אַרבעטער און „אַרבעטס־ביוראָ". חברה זיינען צו ביסלעך מיד געוואָרן און געטענהט,

אַז דאָס איז איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג. די מאַלאַריע נאָגט אַרויס ס׳חיות. מען מוז בעסער עסן. און פּונקט 4 זאָל מען וואַרפן די אַרבעט. עס איז אויסגעבראָכן אַ סיכסוך צווישן 40 באַלעגאַלעס, זיי האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז די זאַמד אויפן אויסגעטריקנטן שטח, זאָל מען פירן אין וואַגאָנעטקעס דורך אַ דעקאָוויל, „ניין חברים, בעת דער באָדן איז נישט געווען, האָט איר זיך אָן אונדז נישט געקענט אַן עצה געבן, מיר האָבן געפּטרט די בהמות צוזאַמען מיט אונדזער געזונט, איצט טרייבט איר אונדז אַוועק פון דאַנען, וואָס״?

די באַלעגאַלעס האָבן אויסגעשפּאַנט די וועגענער, זיי האָבן צעשטעלט די וועגענער אין דער ברייט פון די רעלסן, אַליין האָבן זיי זיך אויסגעלייגט אונטער די וועגענער, „איצט חברים, פּאַרט איבער אונדזערע גופים״! ס׳איז אויסגעבראָכן אַ סיכסוך וועגן טרינק־וואַסער, די אַרבעטער האָבן געפאָדערט, אַז טרינק־וואַסער זאָל מען צושטעלן יעדע פּאָר שעה אויף אַלע אַרבעטס־פּלעצער אויפן חשבון פון די אַרבעטסגעבער... לייבוש איז געשוואומען מיטן שטראָם, אין שטראָם פון דער אַרבעט איז אים געווען שווער תופס צו זיין, צו וואָס די סקאַנדאַלן?

לייבוש האָט מער נישט געאַרבעט אין וואַסער, מען האָט אים מסדר געווען ביי די מאָטאָרן, וואָס האָבן באַוועגט די וואַסער־שעפּערס. לייבוש איז געווען צופרידן, „צוריק צום פאַך ביי דער מאַשין״. לייבוש האָט איצט מער פרייע צייט צו שווימען אין מחשבות. ער ברענגט אין אָרדענונג די מאַשין, פּילט אָן די אייל־לעכער און גלעזלעך, פּוצט אויס וואָס מען דאַרף, קאָנטראָלירט דעם מעכאַניזם, אַז די מאַשין איז זאַט און צופרידן, קלאַפּט זי רואיק, און אָטעמט ווי אַ לעבעדיקע באַשעפעניש. לייבוש זעצט זיך צו אויף אַ נאַפט־בלעך מיטן פּוץ־וואָל אין די הענט... ער גייט אויף ווייטע שפּאַצירן מיט אַניוטען, ביידע ריידן גאָרנישט. אַניוטע איז מער נישט דאָס, וואָס פריער, לייבוש זעט נישט איר פּנים, דער פּנים איז אין נעפּל... ער גייט און גייט, ביז ער שטעלט זיך אָפּ, ער קוקט זיך אַרום און דערזעט אַ לעבעדיקע, אַ לאַכעדיקע מיט גרויסע גלאַנציקע אויגן: מערען! זי לאַכט, לייבוש קוקט איר אָן און לאַכט מיט... אָט ליגט ער ווידער אין בעט מיט אייז אויפן קאָפּ, מערע האַלט אַ גלאָז וואַסער מיט אַן אויסגעבויגענעם גלעזערנעם טרייבל. טרינק, לייבוש! מערע האַלט אים אונטערגעבויגן דעם קאָפּ, בערל שטייט צעפּוסנס באַוואַקסן דעם פּנים, און בלאַס ווי קריידט. בערל צופּט די דעקע, ער האָט נישט וואו אהינצוטאָן די הענט, די פאַרגרעבטע שטאַרקע הענט. אויף רבקהן איז לייבוש ברוגז, אַזוי פּשוט זאָגט זי אים אַריין, ער ווערט רויט פון בושה. נישטאָ ביי רבקהן קיין קדושה פון זיינע סודות, צו וואָס האָט רבקה אַ שליידער געטאָן אַניוטעס בריוו און זיך געזידלט אויפן קול?...

די מאַשין נעמט נערוועז שפּרינגען, און הוסטן. דאָס טוקען פון קוימענדל האַקט זיך איבער, לייבוש כאַפּט זיך אויף, ווי עמיצער וואָלט אים אַ ביס געטאָן, ער רייבט די אויגן און באַקוקט דעם מעכאַניזם, „ס'רייבט, אייל"!

# טעג און אָונטן

אין „נוה שלום" איז געווען אומרואיק. די אַרבעט אויפֿן כּביש האָט זיך געשלעפּט מיט מאַטערניש אין די הייסע טעג. די אַרבעטער האָבן געפּילט אין פּלייצע די שפּיזן פֿון גבֿעונים אויגן, די געמיטער זיינען גע־רייצט, ס'בלוט קאָכט: „סטייטש, אַזאַ געמיינע באַציאונג ביי אַ קבלן, אַזוינס האָט מען נישט געהערט, גנבֿענען אַרבעט!" בערל איז אַרומגע־פֿאָרן מיטן פּרעס־ראָלער און איינגעפּרעסט די שטיינער מיטן שאָטער; טאָג טעגלעך זיינען צוגעקומען צענדליקער מעטער שפּאָגל נייער וויי־סער כּביש. דער נייער כּביש איז געלעגן פֿייערלעך ציכטיק, ווי מיט אַ שבתדיקן טישטעך איבערגעדעקט: ווען די אַרבעטער ציען זיך צו דער אַרבעט בלייבן זיי שטיין פֿון ביידע זייטן, מען פֿאַרגעסט די פֿאַרביטע־רונג און אויפֿרעגונג, מען באַטראַכט מיט הנאה דעם נייעם כּביש, אינס־טינקטיוו בייגט מען זיך איין און מען הייבט אויף אַן איבעריקן שטיינדל, אַ שפּענדל, אָדער מען שאַרט עם אַוועק מיטן פֿוס, ווי אַ פּעדערל פֿון אַ שוואַרצן בגד.

חבֿרה פּילן די פֿרייד פֿון דאָס געשאַפֿענע, עס טוט הנאה — „אונד־יער פּראַצע"!

ווי נאָר די נייע שטיק כּביש איז הינטער די פּלייצעס און מען דערזעט גבֿעונים זיך דרייען אַרום די שטיינער, צאַפּלט צוריק דאָס גע־מיט, מען רעדט הויך, מען זידלט די גאַנצע וועלט און ס'טומלט זיך ביז מען גייט שלאָפֿן.

די שווערע היצן פֿון טאָג פֿאַרבייטן מידע קילע אָוונטן. ביי בערלען מיט רבֿקהן קומען זיך צונויף שכנים — די פֿריערדיקע חבֿרים פֿון פֿאַבריק און אַרבעטער פֿון כּביש. מען רעדט וועגן די פּיצלעך ערד, 5 יאָר דאַרף מען נאָך צאָלן! מען שפּרינגט פֿון איין טעמע איבער דער צוויטער. מען דערמאָנט נייס פֿון ציטונג, אָדער וועגן אַ געלייענטן בוך,

ביז מער דערגייט צו דער אַלטער געשיכטע מיט דער וואַסער־ציסטערנע. די ציסטערנע איז פול מיט רעגן וואַסער, מער לאַכט אוים די באַלע־באַטים פון ועד, אַנדערע באַלעבאַטים האָבן זיך מתקנא געווען אָן בערלס אויפטו און שטילערהייט גענומען בויען ציסטערנעס. איז ווידער אַ ויצעקו: ס'טייטש, היתכן? ווייטער גיבן זיך די ויצעקוניקעס אַן עצה: מען האָט באַפוילן די שטאָטישע סאַניטאַרן אַנגיסן אַ סך נאַפט אין וואַסער — „די מאַלאַריע־מאָסקיטן זאָלן נישט האָבן קיין פּלאַץ וואו זיך צו מערן". ווען די סאַניטאַרן זיינען געקומען צו דער שותפותדיקער ציס־טערנע אויף בערלס פּלאַץ, זיינען אַרויסגעלאָפן די אַרבעטער פרויען און געמאַכט אַ רעש. עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן כביש־אַרבעטער, די סאַני־טאַרן האָבן געמאַכט אַ ויברח מיט זייער בלעך נאַפט: „מען וועט אייך משפטן, געדענקט"...

רבקה מיט לייבושן ליגן אוים ראַגאָזשעס אין הויף, דער עולם ליינגט זיך אוים, אינמיטן זיצט נאָטע דער שומר מיט דער אייביקער לולקע אין די ציין, נאָטע דערציילט קורצע געשיכטעס, די לבנה גייט אויף און זילבערט אַלץ אַרום, פון אונטן קוואַקען זשאַבעס, מען הערט ווי מאָסקיטן זינגען אין אויער. רבקהן ווערט טריב, ס'נאָגט איר אַ אומבאַוואוסטע בענקשאַפט. זינגט זי:

> ארץ כנען מולדתי
> ארץ כנען מגמתי...

כאַפּט דער עולם אונטער און ענטפערט אין רעפריין:

> יא ליל, יא ליל,
> יא ליל, יא ליל,
> יא ליל, יא ליל,

אָדער אַ צווייטע חברטע פאַרמאַכט די אויגן, דריקט די הענט צו דער ברוסט און פאַרגייט אין אַ ליידנשאַפטלעך אומעטיקן ניגון:

> יפים הלילות בכנען,
> צוננים ומזהירים הם,
> יללת תנים — יללת תנים... נוגה!

קיינער רעדט נישט. אַלע זינגען שטיל און האַרציק. מען דערמאָנט זיך אָן דער היים, אָן פרייליכע און אומעטיקע אָוונטן און מען זינגט יידישע פאָלקס־לידער, וואָס פליסן פון סאַמע האַרצן אַרוים ווי פון אומע־טיקע קוואַלן.

איין אייניציקער זינגט נישט: — נאָטע דער שומר. די לידער דער־מאָנען אים שטורמישע שמירה־נעכט אין סעדזשעראַ, פינצטערע קעלערן און „פּאַלקעס" אין דער דמשקער תפיסה, הונגעריקע טעג אין פּתח־תקוה, שפיכת דמים אין יפו און ירושלים.

יא ליל, יא ליל,
יא ליל, יא ליל,

אזוי האָט געזונגען זיין רהלע אַמאָל, שוין לאַנג, אין חדרה, אין דער אַרבעטער־קיך. זי האָט געזונגען און געזונגען ביז די מאַלאַריע האָט איר צוגענומען פון אים, אָבער רהלע לעבט אין אים, לעבט און זינגט, זי לעבט און וויינט... אַ שוואַרצע קלייד, אַ ווייסע בלוזקע, ס'קאָפּ פאַר־בונדן מיט אַ טיכל, איר פּנים איז בלאַס, — רחלע הוסט... נאָטען לויפט אַרונטער אַ טרער פון אויג:

יא ליל, יא ליל,
יא ליל, יא ליל,

מען האָט נאָכגעשאָסן ווען זיי זיינען געגאַנגען פון איר לוויה, מען האָט געשאָסן פון די ווילדע גרעזער פון זומפּ אַרוים, נאָטע איז אַנידער־געפאַלן, די קויל האָט פאַרטשעפּעט די פלייש פון פוס, נאָטע האָט נישט געפילט קיין וויטיק:

יא ליל, יא ליל,
יא ליל, יא ליל,

רחלע ליגט אין חדרה אויפן אַלטן חלק פון בית־הקברות, אַ פשוטער שטיין, אין גראָז, אין גרינעם מאָך:

„דאָ ליגט רהלע,
„די היים געליבטע חברטע אונדזערע
„אויפן 26טן לעבנסיאָר אַוועקגעריסן,
„זאָל איר נשמה געבונדן זיין אין בוקעט פון לעבן“...

און אַז מען קוקט זיך צו צום שטיין זעט מען אַ פאַרוואַקסענע מנורה, אויסגעקריצט, די מנורה מיט די ברענענדיקע ליכט איז אויסגע־דרייט מיטן קאָפּ און די 8 פלעמעלעך ציען זיך צום הימל... נישטאָ דאָרטן מער אַרום קיין זומפּן, נישט קיין ווילדע דערנער, — עקאַליפּטן און ציטרוסן, אַ גן־עדן בליט אַרום רחלעס קבר...

נאָטע הייבט זיך אויף און גייט אַוועק אָן ווערטער ערגעץ אין דער נאַכט אַריין. וואָלט אים ווער נאָכגעגאַנגען שטילערהייט, וואָלט ער געזען נאָטען זיצן אויף אַ בערגל שטיינער מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, און פון זיין לולקע רינגלט זיך אַ בלויער רויך:

יא ליל, יא ליל,
יא ליל, יא ליל,

אַ יונגער דאָקטער, אַ „יעקע“, אַ חבר פון י. וו. ב. אין דייטשלאַנד, וואָס איז נישט לאַנג געקומען אין ארץ ישראל, האָט אין נאָמען פון דער קראַנקן־קאַסע געלייענט אַ לעקציע אין נוה־שלום וועגן מאַלאַריע. דער דאָקטער האָט באַוויזן, אַז מאַלאַריע קען נישט געמאָלט זיין אין נוה־שלום, וואָס ליגט מער ווי 150 מעטער הויך איבערן זומפּ, און וואָסערע

400 מעטער ווייט. מיט פאקטן און ציטאטן פון צענדליקער אויטאָרי־טעטן און ביכער האָט דער דאָקטער געלערנט, אַז דער מאַלאַריע־מאָס־קיט, דער „אַנאָפעלעס" קען נישט פליען קיין ווייטערע שטחים ווי 150 מעטער. „יאָ, מיינע געזאָסן, זי זינט בעוואָרנט פאַר דער מאַלאַריע". דעם ביניין זאָלן די חברים ווייטער שלינגען, ווייל דאָס איז נאָר אַ וואָ־רענונג.

חבר ר' גדליה איז דערביי געזעסן אויף אַ טיש צוזאַמען מיט נאָך אַרבעטער פון כביש, עס האָט זיך דעם עולם געדוכט, אַז ער זיצט און כאַפּט בשתיקה אַ דרעמל. צו אַלעמענס איבערראַשונג, האָט חבר ר' גדליה אויפגעמאַכט זיינע ליכטיקע לאַכעדיקע אויגן, ער האָט אַ גלעט געטאָן די באָרד און אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, אַזוי טענהן דאָקטוירים שוין 20 יאָר צייט, זיי האָבן אַזוי געטענהט אין זכרון־יעקב, דאָרטן איז דער באַרג מיט 200 מעטער העכער פון נוה שלום און 300 מעטער ווייטער פון זומפּ, מען קאָן זיין זי־כער — האָבן זיי געטענהט, די דאָקטוירים, — שלינגט ברידער דעם ביניין... אמת, דער אַנאָפעלעס קען נישט פליען אויף איין שאָס מער ווי 150 מעטער, אָבער, ליבער דאָקטער, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעמאָסטן, דער אַנאָפעלעס, מיין איך, די 150 מעטער, זעצט ער זיך צו, רוט זיך אָפּ, און פליט ווייטער... דער עולם איז איבערראַשט געוואָרן פון חבר ר' גדליהס המצאה, זיי האָבן נישט געוואוסט צי לאַכן צי אָפּלאָדירן, דער דאָקטער איז צעטומלט געוואָרן און געזאָגט:

— „יאָ, דאָס איז, פּאָבעלהאַפט, ווירקלעך פּאָבעלהאַפט, איך ווער־דע עס קאָנטראָלירן, יאָ, יאָ"...

די שורות אויפן כביש האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן — טאָג־איין טאָג־אויס זיינען מענטשן געפאַלן אויף מאַלאַריע, אונטן האָט דער זומפּ געצאַנקט, די פּעסטיקע וואַסערן האָט מען פאַרשאָטן און געשטויסן פאַ־ראויס, די מאַסקיטן זיינען צעפלויגן מחנותווייז זוכן נייע פּלעצער. פיל זיינען אומגעקומען, און פאַרן סוף האָבן זיי געגוג באַוויזן צו פאַר־שפּרייטן מאַלאַריע־גיפט אין דער גאַנצער סביבה ווייט אַרום. דאָס איז געווען זייער לעצטער זומער צופוסנס און אויפן רויטן כרמל.

רבקה איז אויך געפאַלן אויף מאַלאַריע אין איין אָוונט האָט זי זיך באַקלאָגט פאַר בערלען, אַז די ביינער ברעכן איר, עס שווינדלט אין קאָפּ. בערל מיט ליבושן האָבן אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, דאָ האָבן זיי רבקהן איינגעדעקט מיט אַלע דעקעס פון שטוב, עס האָט איר גע־שליידערט פון קעלט, אָדער זיי האָבן איר אינגאַנצן אָפּגעדעקט, עס האָט איר געפּייניקט הויכער פיבער, בערל איז צעטומלט געוואָרן: — „דאָס קינד"? — „האַ, ליבוש, וואָס זאָגסטו"? ליבוש האָט שיער נישט אַרויסגעזאָגט: „שרייבן צו מערען". אָבער די ווערטער האָבן זיך פאַר־

לאָרן אויפן צונג, ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער דאַרף עס נישט זאָגן, פאַרוואָס ווייס ער נישט, לייבוש איז רויט געוואָרן און געשוויגן. רבקהן איז בעסער געוואָרן, האָט זי געראַטן דאָס וואָס בערל האָט נישט גע־וואַגט: — אָפּגעבן דאָס קינד אויף דער צייט ביז זי וועט געזונט ווערן אין קינדערהיים פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

עס איז אומעטיק געוואָרן ביי בערלען אין דער היים, פוסט און עלנט. רבקה ליגט אין „הדסה", קיינער גרייט נישט צו דאָס עסן פאַר אים און לייבושן, קיינער זאָרגט נישט פאַר זיי. לייבוש מיט בערלען עסן אין דער אַרבעטער־קיך, מיטן קינד איז שווער: האַלב זעקס אינדערפרי מוז מען דאָס קינד וועקן פון זיסן שלאָף. בערל טוט אים אָן, לייבוש מאַכט דערווייל פאַרן קינד פרישטיק, נאָכהער מוז מען עס טראָגן אַ מהלך רב אין שטאָט אין קינדערהיים, אין קינדערהיים מעסט מען די קינדער יעדן פרימאָרגן די היץ, מען קוקט אין האַלדז, מען באָדט אוים און אַ פלעגערין נעמט עס אַוועק אין די צימערן, בערל מוז אַלץ איבער־וואַרטן און פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט. 5 נאָכמיטיק לויפט ער ווידער דאָס קינד אָפּנעמען, געבן אָוונט־עסן. דאָס ערגסטע איז פרייטיק. בערל מוז גיין אָפּנעמען דאָס קינד 12 אַזייגער, אַזוי פירט זיך דאָרטן אין קינדערהיים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער חבר נאָטע, דער שתקן, דער פאַרשטיינערטער מענטש, קען בעסער אַרומגיין אַרום קינד, מיט מער געדולד, ווי בערל. נאָטע האָט זיך אײַנגעאַנצן באַזעצט ביי בערלען, אין דער ליידיקער עלנטער שטוב. בערל ברענגט דאָס קינד און ביזן שלאָפן שפּילט זיך מיט אים נאָטע, ווי אַ געניטע ניאַנקע. דערווייל וואַשט בערל די וועש, ווען דאָס קינד שלאָפט איין, העלפט נאָטע בערלען פאַר־טיק ווערן מיט דער שטוב־ווירטשאַפט... לייבוש אַרבעט איצט נאָכט־שיכט ביי די וואַסער־שעפּן און קען בערלען ווייניק העלפן. ביז שפּעט אין אָוונט זיצן ביידע חברים ביים טיש, זיי זופּן טיי און שווייגן. נאָך דעם גייען זיי אין „הדסה" זיך זען מיט רבקהן, נישט געקוקט וואָס עס איז שפּעט. רבקה ליגט ביי אַ פענצטער, קענען זיי מיט איר ריידן. נאָ־טעס שוואַכקייט צום קינד איז דערגאַנגען צו די טישן פון אַרבעטער־קיך. איינער האָט נאָטען מיט אַ געלעכטער אַ זאָג געטאָן: „ביסט געוואָרן אַן אם"? נאָטע האָט אים אַזוי אָנגעקוקט, אַז מער האָט מען אין קיך דערפון, בקול, נישט גערעדט.

# פאַרן שטורעם

שוואַך, מיד, צעבראָכן האָט זיך רבקה צוריקגעקערט פון שפּיטאָל גאָך עטלעכע וואָכן ליגן אין פיבער. דער טאָג פון צוריקקער האָט זיך פאַר רבקהן גאָרנישט געוואָלט ענדיקן, זי האָט געבענקט נאָכן קינד, זי האָט שוין געוואָלט עס אָנקוקן. פאַר די עטלעכע וואָכן האָט זי דאָס קינד געזען אפשר דריי מאָל, — עס האָט זיך איר געדוכט, אַז פאַר דער צייט איז דאָס קינד געוואָרן פאַרנאַכלעסיקט, מאָגער, אויסגעצערט, שמוציק. זי האָט געוואָלט לויפן אין מיטן טאָג צום קינדערהיים, — די קרעפטן האָבן איר נישט דערלויבט! ווען בערל האָט דאָס קינד ענדלעך אהיים געבראַכט, איז אים רבקה אַנטקעגן געשפּרונגען ווי אַ קאַץ, דאָס קינד אָבער האָט זיך אָפּגעקערט פון אירע אויסגעשטרעקטע הענט און זיך געצויגן צו נאָטען, וואָס איז שטיל געזעסן ביים טיש. רבקהן זיינען אַראָפּגעפאַלן די הענט, זי האָט געשטאַמלט צו זיך אַליין: „ווי גיך פאַר־געסן די מוטער"...

בערלען איז דאָפּלט שווער געוואָרן, רבקה איז מער געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען, בערל האָט איצט געמוזט אַרומגיין אַרום רבקהן און אַרום קינד. לייבוש קומט שפּעט פון דער אַרבעט, ער גייט מער ווי אַ שעה צייט ביז זיין אַרבעטס־פּלאַץ. בערל האָט געשאַנעוועט לייבושן. פאַר בערלען איז לייבוש געווען דער אינגערער ברודערל פון אַמאָל, באַזונ־דערס נאָך זיין שווערער איבערלעבונג און קראַנקייט; בערל איז אַזוי פאַרטאָן געווען אין דער היים, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין צייט נאָך דער אַרבעט צו קומען צווישן די אַרבעטער. די פאַרביטערונג אויפן כביש איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, נאָטע האָט אים אין אָוונט דערציילט, אַז מען האָט נישט לאַנג, ביים אויסצאָלן דעם לוין, געוואָלט שלאָגן גבעונין ער האָט געמאַכט אַ נייעם שווינדל ביים מעסטן די קובאַטור פון די קאַנאַלן, פון די זייטן כביש. בערל האָט די שווינדלערייען פער־

זענלעך נישט געפילט, ער האָט נישט געאַרבעט אַקאָרד, שטיק־אַרבעט, בערל האָט באַקומען מאָנאַטלעכן געהאַלט.

בערל האָט איינינקע מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט אויף פאַרזאַמלונגען, אַז די חברים זאָלן וואַרפן די אַרבעט אין אַקאָרד, און פאָדערן טאָג־לוין, וועט אַ סוף נעמען צום שווינדל און צום שוויץ־סיסטעם. יחידים האָבן צוגעשטימט, על פּי רוב האָט מען געטענהט, אַז ראשית וועט דער אונטערנעמער נישט מסכים זיין, עס איז דאָ אַ געשריבענער קאָנטראַקט צווישן אים און דעם אַרבעטס־אַמט, וואו מען רעדט נאָר וועגן אַקאָרד־אַרבעט, און אויב ער וועט מסכים זיין, וועט ער נאָמינירן אַזאַ קליינעם טאָג־לוין, אַז ס׳וועט נישט קלעקן אויף „ברויט מיט וואַסער". צווייטנס איז דער אַרבעטער־ראַט אַליין פאַר אַקאָרד־אַרבעט: „די ביוראָקראַטן ציטערן, אַז מיר וועלן זיי, מיט אונדזער פּראָדוקטיוויטעט, אַלס טאָג־לוינער, פאַרשעמען, מיר וועלן צו־ווייניק שוויצן"...

איין פאַרנאַכט זיינען די אַרבעטער נישט געגאַנגען ווי שטענדיק אהיים נאָך דער אַרבעט זיך איבערטאָן, זיי האָבן געוואָרפן די כלים און זיך צונויפגעזאַמלט אויף אַ פרייען פּלאַץ, געבראַכט אַ קאַסטן, געמאַכט זיעם קאַסטן פאַר אַ טיש און גענומען אַרומריידן די לאַגע: „מען דאַרף באַשליסן וואָס ווייטער צו טאָן, ווייטער קען אַזוי נישט גיין". מען האָט מיט אַ טאָג פריער מיטגעטיילט אין אַרבעטער־ראַט, אַז עס וועט פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג „וועגן דער לאַגע אויפן כביש". צו דער פאַרזאַמלונג איז דעריבער געקומען דער סעקרעטאַר פון אַרבעטער־ראַט אַליין, ער איז געקומען פאַרשוויצט, פאַרהאַוועט, מיט דער אייביקער טעקע אין האַנט; גלייך ווי ער איז געקומען האָט זיך דער סעקרעטאַר צוגעשפּאַרט אויבנאָן ביים קאַסטן. אַ חבר פון ועד האָט אינפאָרמירט וועגן אַלע ענינים, וואָס קומען לעצטנס פאַר אויפן כביש מיט די געגנבעטע קובאַטור און וועגן דער באַציאונג פון אַרבעטס־פאַרוואַלטער גבעוני: „איך לייג פאָר, חברים, אַז אין קורץ געפאַסטע ווערטער זאָלט איר זיך אַרויסזאָגן וועגן דער לאַגע און פאָרלייגן אייערע מיינונגען, ווי אַזוי די לאַגע צו רעגולירן".

— „מען דאַרף שיקן דעם אונטערנעמער אַן אולטימאַטום".

— „מען דאַרף נישט שיקן קיין אולטימאַטום, נאָר אויפקלערן דעם אונטערנעמער, אַז גבעוני שווינדלט, מען דאַרף איצט נישט איינרייסן און נישט מאַכן קיין עפנטלעכע סקאַנדאַלן".

— „שטרייקן, שטרייקן ביז ער וועט נאָכגעבן, איז די שטימונג עלעקטריזירט געוואָרן".

— „אָפּשאַפן די אַקאָרד־אַרבעט, הייסט אָפּשאַפן דאָפּלטע שקלאַפעריי. די פאַרשקלאַפונג צום אונטערנעמער און צום איבעריקן גראָשן „רווח", האָט בערל געטענהט.

דער סעקרעטאַר פון אַרבעטער־ראַט האָט געשוויגן, ער האָט בעת מעשה געצייכנט מיט אַ בלייַשטיפט משונהדיקע פיגורן אויף אַ זייטל פון דיקן „בלאָק־נאָט". עס רוקט זיך אַרויס אַ מאָגערער בחור, אַן אַר־בעטער, וואָס איז נישט לאַנג אין לאַנד, ער נעמט ריידן: — „חברים, ביי אונדז אין סאָסנאָוויץ האָט מען אַזוינס נישט גע...

ברעכט אויס אַ טומל: — „עברית, עברית, אַראָפּ, עברית!

דער אַרבעטער שטייט בלאַס און צעטומלט, זיינע אויגן צינדן זיך אָן און ער שרייט מיט אַלע כוחות.

— „שעמט אייך, חברים, איצט ווען עס גייט אין לעבן און קיום"...
— „עברית, עברית, אַראָפּ, אַראָפּ!

דער סעקרעטאַר פון אַרבעטער־ראַט האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ שוועבעלע, ער איז צוגעלאָפן צום בחור און אים אַריינגעשריען אין פּנים: „ביי אונדז איז נישט סאָסנאָוויץ, דאָ איז נישט גלות, דאָ רעדט מען גאָר עברית, פאַרשטייסטו צי נישט? אָדער עברית, אָדער שוייג"!

עס איז אַ רגע שטיל געוואָרן, און דער פאָרזיצער האָט געבעטן דעם חבר, „אַז היות ווי דאָ איז אַזוי, זאָל דער חבר מוחל זיין און ריידן עברית ווי דער עולם וויל"... דער אַרבעטער איז באַשטאַנען אויף זייניקע, ער קען אַנדערש נישט ריידן, „הלמאי איר רעדט יידיש טאָג און נאַכט ביי דער אַרבעט, וואָס? נאָכן טאָג ביטערע אַרבעט ווערן אַ חדר־יינגל? וואָס שטער איך אייך"! — „עברית, עברית, רייד, אַראָפּ!"

עס האָבן זיך אָנגעהויבן געוואַלדן צווישן עולם, באַזונדערס צווישן די מיידלעך, אַ טייל האָבן געפאָדערט ער זאָל ריידן ווי ער קען, אַ טייל האָבן געשריען „פאַר קיין פאַל נישט", די קולות האָבן צוגעצויגן אַ זייטיקן עולם, עס האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל, דער סעקרעטאַר פון אַר־בעטער־ראַט האָט געדראָט צו שליסן די אסיפה: „דאָ איז נישט דער פינצטערער גלות"...

בערל איז צוגעגאַנגען צום אַרבעטער און זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל נאָכגעבן, „זעסט דאָך, חבר, אַז אונדזערע ביוראָקראַטן קוקן אויס מיט יעדער צופאַל, לאָז זיין מיט עברית, און עס גייט זיי אין לעבן — צו פאַרשטאָפּן דאָס מויל, מאַכן אַ רעש, אָפּשטויסן דעם עיקר... אָבער, חבר בערל! „כ'בין דאָך נישט קיין גולם, כ'בין דאָך אַן אַרבעטער ווי אַלע, פאַרוואָס זאָל מען מיין מיינונג נישט לאָזן אַרויסזאָגן"?

ווען דער עולם האָט זיך באַרואיקט, האָט דער סעקרעטאַר גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט:

„ח"ח! מיר פילן מיט אייער שווערן מצב, און פאַרשטייען, אַז עפּעס איז דאָ נישט מיט אַלעמען", מיר וועלן טאָן וואָס מען קען, כדי אַלץ צו דערליידיקן בדרך שלום אָן סקאַנדאַלן און אָן טומל. פאַרגעסט

נישט חברים, אז מיר זיינען נישט אין ארץ ישראל סתם ארבעטער, ווי ביי אנדערע אומות, ניין! — מיר זיינען חלוצים, שליחים פון פאָלק, וואָס זיינען געקומען בויען א ווּיסטע לאנד; — שליחים פון א גערודפטן אומגליקלעכן פאָלק זיינען מיר, געדענקט עס! ציוניסטן זיינען מיר ח"ח, דעריבער פארבייסן די ליפּן ביז בלוט, ליידן און בויען ביז די נאַציאָ־נאַלע היים פארן יידישן פאָלק וועט ווערן אויפגעבויט אין ארץ ישראל"; אז מיר וועלן אויפבויען די יידישע מלוכה און ווערן ככל הגויים, דעמאָלט וועלן מיר ווירקן ווי די ארבעטער פון אלע לענדער. פארגעסט נישט ח"ח, אז מיט אונדזער אויפבוי באנייען מיר אין דער געשיכטע א נייעם וועג פון סאָציאַליזם, נישט קיין וועג פון טעראָר און בירגער־קריג, נאָר א וועג פון קאָנסטרוקטיוויזם, פון מיטאַרבעט מיט אלע פּראָ־דוקטיווע כוחות אין לאנד און יידישן פאָלק. סבלנות, חברים!

— „פארוואָס רעדט איר נישט אזוי צום אונטערנעמער שטיין, חבר סעקרעטאַר?" איז געפאַלן א צווישנרוף.

— ווייל נישט מיר זאָלן נעמען דעם אונטערנעמער שטיין אלסביישפּיל, נאָר ער זאָל אונדז נעמען אלס ביישפּיל פאר זיך, מיר, ח"ח, זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פארן אויפבוי פון ארץ ישראל! האָט געענט־פערט דער צעוואַרעמטער סעקרעטאַר.

עס האָט זיך געטומלט ביז פינצטער, ביז קיינער איז אויפן פּלאַץ נישט געבליבן.

נאָך דער פארזאַמלונג האָט זיך די לאגע נישט געבעסערט, להיפּוך, גבעוני איז געוואָרן הוצפּהדיקער, ביי יעדער באַמערקונג האָקט ער אָפּ:

— „געפעלט דיך נישט? — זוך דיר אַנדערע ארבעט"! ווען מען איז ווי־דער געקומען צום חשבון און מען האָט געזען, אז די חשבונות זיינען געפעלשט, האָט מען דעם ארבעטסלוין נישט גענומען און געוואָרפן די ארבעט.

די איינוווינער פון „נוה שלום" האָבן געזען דורך די פענצטער, ווי די ארבעטער וואַרפן צונויף די לאָפּאַטעס און קירקעס אין איין קו־פּע, מען דרייט איבער די טאַטשקעס מיט די רעדלעך ארויף, אלע שטייען אויף פון די בערג שאָטער, מען טרייסלט אָפּ פון זיך דעם שטויב. בערל האָט לאנג געפייפט מיט דער סירענע פון מאַשין, ביז די ארבעט אויפן כביש איז געשטאָרבן.

לאנג צעצויגן איז געלעגן דער גרויסער כביש, טויט אומעטיק, פארשוויגן די געזאַנגען און קולות, די געשרייען און וויכוחים, עס פליען מער נישט די קליינע העמערלעך איבערן גלאַזיקן שטיין, עס דונערן נישט אויפרייסן פון די שטיינברעכער, אַן אומעט שוועבט איבערן גרויסן שטח צעגראָבענעם באָדן, אַן אומעט ווי יום־כפּור צו נעילה אין א קליין יידיש שטעטל.

די ארבעטער האבן זיך צונויפגעקליבן אין ארבעטער־קיך, און וויכוחים האט מען אויסגערופן דעם שטרייק און געוויילט א שטרייק־קאמיטעט. נאטע איז געגאנגען פון איינעם צום צווייטן מיט א גרוים פאפיר און געקליבן חתימות: „אז מיר, די אונטערגעצייכנטע באשטע־טיקן מיט אונדזערע אייגנהענטיקע אונטערשריפטן, אז דער שטרייק איז דערקלערט געווארן דורך אונדזער פולקאמער הסכמה".

דער אלטער ח' רבי גדליה האט זיך געוואונדערט. עס איז אים קשה געווען, — „הלמאי דער פאפיר מיט די חתימות"? — מען שטרייקט און געענדיקט. נאטע האט אים געמוזט דערקלערן, אז דאס טוט מען צוליב די וואקלדיקע וואס ביימן די דעה יעדע 10 מינוט, די התימות זאמלט מען אויך פארן ארבעטער־ראט, — לאזן זיי זען, אז אלע דורכ־אויס זיינען פארן שטרייק. ח' רבי גדליה האט ארויסגענומען פון קע־שענע די בלעכענע שיידל מיט די מעשענע שפאקולן, ער האט טיף ארייגעקוקט אין פאפיר: „יא, נאטע, אל תבטחו בנדיבים, גיב דעם בלייער"! — מיט זיינע אלטע אויסגעפראצעוועטע הענט האט ער אויס־געצאצקעט אויפן פאפיר: „גדליה בן משה בערמאן".

אין שטרייק־קאמיטעט זיינען געוויילט געווארן 10 מאן, בתוכם נאטע, טעווקע „מאלפע", יעקע, בערל און רוזשקע די „השומר הצעיר־ניצע", פון די פרויען. טעווקע האט זיך פרייוויליק געמעלדעט אנצו־פירן מיט די שטרייק־פאטרולן: „עס קענען קומען זונות־שטרייקברע־כער, מוז מען שטיין אויף דער וואך". די ערשטע זאך האט דער שטרייק־קאמיטעט באשלאסן ארויפצוגיין אין שטאט און אלץ איבערגעבן דעם ארבעטער־ראט — „לאזן זיי וויסן"!

בעת בערל מיט די חברים האבן זיך דערנענטערט צום בנין פון ארבעטער־ראט, האבן זיי באמערקט א גרויסע באוועגונג ביי די טירן, אויף דער טרעפ האבן זיך היציק געטומלט א סך אראבישע ארבע־טער, מען האט אריינגעשריען אין אפענע פענצטער, „אי, חברה" האט נאטע געזאגט, אונדזער סעקרעטאר כאפט דארטן א שוויץ. ער וועט אונדז מקבל פנים זיין"!

די הויז פון ארבעטער־ראט האט געווימלט פון מענטשן, ווי א מוראשניק. אלע פאדערצימערן און טרעפ, די בענק און פענצטער־ברעטלעך זיינען געווען פארנומען, באזעצט פון אראבישע ארבעטער, ס'רוב יונגע בחורים און דערוואקסענע קינדער. די סעקרעטארן פון די פאריינען זיינען געלאפן פארשוויצטע, צעטומלטע איינעם צום צווייטן, די המימה איז געווען נישט צו דערטראגן. פון די פארמאכטע צימערן האבן זיך דערטראגן קולות, געלעכטער און משונהדיק מאנאטאנער נישט יידישער געזאנג. די מעשה איז געווען אזוי צו דערציילן:

— אונטן ביים כביש, וואס פירט קיין נצרת, שטייט א שורה גרוי־

סע בנינים, מיט פאַרשטויבטע פענצטערלעך, בנינים, וואָס זעען אויס ווי אַ תפיסה, דאָרטן ברענען טאָג און נאַכט לאָמפּן, דאָס איז די גרעס־טע טאַבאַק פאַבריק פון לאַנד, דאָרטן אַרבעטן עטלעכע הונדערט אַראַ־בישע אַרבעטער צום מיינסטן פרויען און יוגנטלעכע מיט דערוואַקסענע קינדער, זיי שטייען אין די שטויביקע טוכלע האַלב טונקעלע צימערן 12 שעה אַ טאָג אויף די פיס, קלעפּן קעסטלעך, סאָרטירן און שניידן טאַבאַק־בלעטער, באַדינען די מאַשינען, וואָס שפּייען אַרויס פון צווישן די אָנצאָליקע רעדלעך, וואָליקעס צווייגלעך און מעסער בערג ציגאַרעטן. צווישן די מאַשינען און לאַנגע טישן שפּאַצירן געזונטע משגיחים, בייזע ווי צערייצטע הינט, מיט קאַנטשיקעס אין די הענט, זיי הערן נישט אויף צו ברילן:

„יאַללאַ, יאַללאַ אימשי ממזרים, גיכער, יאַללאַ! הויבט ווער אויף דעם קאָפּ, אָדער דערוואַרט אַפילו מיט אַ וואונק, פאַלן אויף זיין קאָפּ און לייב ביטערע קלעפּ, און סוף וואָך פעלן פּיאַסטערס ביים לוין, מען פאַרשרייבט שטראָף פאַרן „בטלענען צייט", מען ציט עס אַראָפּ פון דעם טעגלעכן 8־10 פּיאַסטערדיקן לוין. צווישן דער מאַסע האָבן יוצא דופן־דיק געאַרבעט איניקע יידישע בחורים און מיידלעך — פּאַבלייט, האָט מען זיי געהאַלטן שטרענג איזאָלירט פון איבעריקן עולם, פונדעסטוועגן, מיט דער הילף פון אַן אַראַבישן עלטערן אַרבעטער, וואָס האָט שוין געאַרבעט צווישן „אָרגאַניזירטע" אין פראַנקרייך, איז זיי, די פּאָר יידן, געלונגען צו שאַפן אַ קאָנטאַקט, און אויף די קורצע אָרעמע מאָלצייט־הפסקות, האָבן גענומען פאַלן טענות שאַרפע, וואָגיקע, וואָס זיינען גע־פאַלן ווי זריעה אין אַ גוט צעאַקערטן פעטן באָדן: „ווי לאַנג קען מען אַזוי אויסהאַלטן? ווי לאַנג קען מען אַזוי אַריינאָטעמען דעם שטויב מיטן ניקאָטין גיפט? ווי לאַנג קען מען אַזוי שטיין 12 שעה אויף די פיס זומער אין דער גהינום היץ און ווינטער אין נעץ און קעלט, און די קינדערשע לונגען, און דער גזילה לוין? — די משגיחים מוז מען אַרויסשלאָגן די קאַנטשיקעס פון די הענט, מען מוז עפּעס טאָן"... מען האָט די געשפּרעכן דערטראָגן צו די משגיחים, די משגיחים האָבן מיט אַ „יקרות הוספה" ווייטער אַלץ צוגעטראָגן דער דירעקציע: — „מען בונטעוועט", „די יהוד, די באַלשעפיק"...

האָט די דירעקציע איינגעלאַדן אַ פּאָר עלטערע אַרבעטער אין ביוראָ, און איידער וואָס ווען האָט מען פאַרשפּאַרט די טירן, און די משגיחים האָבן זיי געשלאָגן מכות רצח, ביז חלשות, זייערע קולות האָבן דערהערט די פּאַקערס פון די שכנותדיקע צימערן וואו עס רוישן נישט קיין מאַשינען, איז זייער בלוט פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן, און די פויסטן האָבן זיך געבײַלט.

— „מען שלאָגט אין ביורא, מען שלאָגט", — האָט זיך בליץ שנעל צעטראָגן אַ געשריי איבערן הויף און אין די טוכלע צימערן.

— „מען שלאָגט, קומט ראַטעווען"!

האָבן די ערשטע געוואָרפן די אַרבעט די פּאַקערס, נאָך זיי די קלעפּער, און שפּעטער די מאַשיניסטן, די שניידער — ביזן לעצטן.

— „מען שלאָגט, קומט ראַטעווען ברידער,—אַכואַן, מען שלאָגט"!

איז דער געשריי געפאַלן ווי אַ פונק אין טרוקענעם שטרוי, און די מאַסע אַרבעטער פאַרביטערטע, פאַרשטויסענע, דערצאָרנטע האָבן זיך ווי אַ גליאיקע לאַווע אַ גאָס געטאָן צו דער ביורא, די משגיחים זיינען פאַרציטערט געוואָרן און ווי פּחדנים זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די טאַבאַק־באַלן, און אונטער די טישן, אין משך פון אַ פּאָר מינוטן איז די פאַבריק ווי געשטאָרבן, די פּקידים זיינען אַנטלאָפן, דער דירעקטאָר איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַנישער שרעק, נישט באַוויזן צו כאַפּן דאָס טעלעפאָן־טרייבל, און געחלשט ביים רחבותדיקן שרייב־טיש.

די מאַסע האָט אויפגעפּראַלט די פאַרשלאָסענע טירן פון ביוראָ, אַרויסגעטראָגן אין דרויסן און אָפּגעמינטערט די צעמימיתטע אַרבעטער.

דערווײַלע האָט דער עלטסטער פון זיי, דער סאַחיב איברהים, זיך אויפגעשטעלט אויף אַ קאַסטן און אויסגערופן: — „ברידער — אַכואַן, זייט פאַרזיכטיק, בלייבט דאָ נישט קיין איבעריקע רגע, לויפט אַלע ווי איינער צו די יהוד, צו דער יידישער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע". מער האָט ער נישט געקאָנט זאָגן, ס'האָט זיך מיט דעם אויסגעלאָזט ס'גאַנץ זאַפּאַס ווערטער.

האָבן זיך אַלע שטורמיש געלאָזט באַרג אַרויף צו דער יידישער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, צום בנין פון אַרבעטער־ראַט, אַלא אויפן וועג האָבן זיי שוין איבערגעשלאָגן אַ פּאָליציייאישער פּאַטרול אין אַ לאַסט־אויטאָ, מיט כוח, מיט אָנגעשטעלטע באַגנעטירטע ביקסן האָט מען פון עולם אַרויסגעריסן וואָסערע 13 מאַן, און זיך אָפּגעטראָגן בליץ שנעל אינעם לאַבירינט פון די גאַסן, וויסנדיק, אַז זיי זיינען צו ווייניק מיט די ביקסן צוזאַמען, בכדי צו באַהערשן אַזאַ צערייצט־אויפגערעגטע מאַסע.

אינעם בנין פון אַרבעטער־ראַט, דערמונטערטע פון יידישן עולם, האָבן זיך די מענטשן באַרויקט. די עלטערע אַראַבער האָבן צונויפגענומען די מיידלעך און יונגוואַרג און זיי אָפּגעשלאָסן אונטער אַ שמירה אין די צימערן, ווייל זייערע אַראַבישע עלטערן, וואָס האָבן באַוויזן זיך צונויפלויפן, האָבן געשלאָגן און צוריקגעטריבן אין פאַבריק צו דער אַרבעט, די עלטערע אַרבעטער און די אַראַביש ריידנדע יידן האָבן זיך אַריינגעמישט און פאַרטריבן די אויפגערעגטע עלטערן, זיינען די עלטערן צוריק געלאָפן אין אַראַבישן קוואַרטאַל מיט אַ געשריי:

„בני אראב! מוסלמענער! די יהוד האָבן פאַרכאַפּט אונדזערע קינדער און טעכטער און פאַרשלאָסן, ראַטעוועט"!

האָבן זיך פאַרזאַמלט אַראַבישע טרעגער, קצבים און סתם פּאַט־ריאָטן, אַ מחנה פון אַ פּאָר הונדערט מאַן, מען איז געקומען צום בנין פון אַרבעטער־ראַט, וואו נישט קיין יהוד אַלאַ אַראַבישע אַרבעטער האָבן זיי מקבל פּנים געווען און דערציילט וואָס דאָ האָט זיך פאַרלאָפן, די טרעגער און קצבים, ווי די ראשי המדברים, האָבן זיך לכתחילה געזידלט און געשפּיגן: „ פונדעסטוועגן, פאַרשפּאַרט מען נישט אַראַבישע קינ־דער אין יידישע צימערן". אָבער זיי האָבן זיך צום סוף באַרואיקט און באַקלערט, אַז אין עסק לווינט זיי נישט זיך אַריינצומישן, האָבן זיי זיך ביסלעכווייז אָפּגעטראָגן.

דער סעקרעטאַר פון אַרבעטער־ראַט איז לכתחילה אויך מבולבל געוואָרן, ער וואָלט זיך גיכער פאַרגעשטעלט אַ ערד־ציטערניש איידער אַזאַ עסק. גיך האָבן זיך צונויפגעקומען אַלע פּקידים און פאַריינס סעק־רעטאַרן, און באַלד תופס געווען די סיטואַציע.

ס'ערשטע האָט מען באַשלאָסן געבן הילף די צעשלאָגענע און אַרעסטירטע, נאָכהער האָט מען זיך געזעצט צוזאַמען מיט די עלטערע אַראַבישע אַרבעטער אויסאַרבעטן פאָדערונגען, אויסגעקליבן אַ דעלעגאַ־ציע און אַוועק פאַרהאַנדלען מיטן פאַבריקאַנט.

דער רייכער עפענדי, בודזש אדיב כאמדאן, דער פאַבריקאַנט, האָט פריער נישט געוואָלט גלויבן דעם אויסגעניכטערטן צו זיך געקומענעם דירעקטאָר, אַז אזוינס האָט בכלל געקאָנט פּאַסירן אין זיין טאַבאַק־מלוכה. ער האָט געמיינט, אַז דער דירעקטאָר איז אַראָפּ פון זינען און מאַכט פון אים חוזק. און אַז ער איז צו זיך געקומען פון איבעררראַשונג, האָט ער געשאָלטן אַלץ מיט אַלעמען, און באַשלאָסן, אַז אויב אַזוינס האָט יאָ פּאַסירט איז סוף וועלט.

בעת ער האָט פאַר זיך דערזען די אָנגעקומענע דעלעגאַציע מיטן יידן פון אַרבעטער־ראַט בתוכם, איז ער ווילד געוואָרן פון צאָרן, ער האָט זיך געוואָרפן צום טעלעפאָן אַרויסרופן די פּאָליציי. „אַנטאָן אַלע־מען קייטן, לאָזן פאַרפוילן אין תפיסה, די פאַרשאָלטענע, די מגפה" — — — האָט אים אָבער אַ אינערלעכע שטים אונטערגעזאָגט: באַ־רואיק דיך כאדזש אדיב כאמדאן; אָן היץ! — די ביליקע טאַבאַקן, דער גרעסטער טייל פון אָפּזאַץ, ווערט פאַרשפּרייט אויסשליסלעך צווישן אַר־בעטער און פעלאַכן, אַראַבישע ווי יידישע. די יידישע דזשאַמיע (אָר־גאַניזאַציע) שטעקט אויך אין עסק, זיי זיינען אַפּט דיר אַנטאָן געבראַ־טענע צרות, פאַרזיכטיק כאַדזש"!

איז ער געפאַלן אין ווייכן פאָטעל אין אַ קאַלטן שוויים, און ביס־

לעבוויי אָנגעהויבןריידן. מען האָט געררעדט אַ סך און לאַנג, ביז מען האָט זיך צו עפּעס דעררעדט.

ער, דער פאַבריקאַנט, צוזאַמען מיטן צעשראָקענעם דירעקטאָר זייַ־ נעם, זיינען געווען אַזוי צעטומלט, דערשיטערט און איבערראַשט פון אַזאַ פּאַסירונג צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן, אַז זיי האָבן נאָכגע־ געבן ס׳רוב פאָדערונגען, וואָס זיינען נישט געווען איבעריקס „שטאַר־ קע״, אַבי די מענטשן, די פאַרהאַסטע בונטאַוושטשיקעס, זאָלן וואָס גי־ כער אַוועק פון זייערע אויגן — — — און כּאַלאַס (געעקט).

דער אמת איז, אַז אויף דער צווייטער צד, די אַרבעטער, האָבן אויך נישט ווייניק נאָכגעגעבן, נאָך אַלעמען צום ערשטן מאָל אַזאַ מרידה, — — — אַבי כּאַלאַס, (געעקט).

בערל, נאָטע, מיט די איבעריקע חברים פון שטרייק־קאָמיטעט זייַ־ נען אָפּגעזעסן אין וואַרט־צימער צווישן דעם רווישנדיקן עולם באַלד פינף שעה, נאָכהער, אַז עס איז רואיקער געוואָרן זיינען זיי אַריין צום סעקרעטאַר.

דער סעקרעטאַר האָט זיי דערזען, איז ער ווידער געוואָרן אויפגע־ רעגט: „וואָס איז ווייטער״?...

— „וואָס ווייטער! וואָס האָט איר פאַר אַ קאַשע פאַרקאָכט? ווער האָט אייך דערלויבט? מען וועט אייך איבערגעבן צום משפט, ווי דער־ זאָרגאַניזאַטאָרן, ווי אומפאַראַנטוואָרטלעכע, וואָס האָט איר געטאָן?״ דער סעקרעטאַר איז געוואָרן היסטעריש און געקלאַפּט אין טיש מיט די הענט: „וואָס האָט איר אָפּגעטאָן, וואָס?

— בארואיק דיר, דודקע, — האָט אים נאָטע קאַלט געענטפערט.

— נאָט אייך די באַשלוסן מיט די חתימות, — האָט אים בערל אונטערגעטראָגן אַ פּעקל פּאַפּירן. — „איינשטימיק האָט מען באַשלאָסן, חבר סעקרעטאַר״, — האָט רוזשקע אַ געשריי געטאָן.

דער סעקרעטאַר האָט אַ נעם געטאָן מיט רוגזה דאָס פּעקל פּאַפּירן. ער האָט זיי געבלעטערט נערוועז און דורכגעלאָפן מיט די אויגן. ער האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט און גענומען שפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער. מיט די הענט האָט ער צוגעהאַלטן די קאָפּ: „כ׳וועל משוגע ווערן, פון זיינען אַראָפּגיין, פון היינטיקן טאָג״.

— דודקע! מיר זיינען דאָ נישט געקומען אויסהערן דיין מוסר, — האָט אים נאָטע איבערגעשלאָגן, — און בערל האָט פאַרענדיקט:

— תיכף מוז מען טאָן דאָס וואָס מען דאַרף, מעלדן אין שטאָט און אין צייטונג, אַז פאַר די און די ענינים איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק אין „נוה שלום״ אויפן רויטן כרמל, אויפן כביש, ביי דעם קבלן אדון שמיין.

# קאמף

גבעוני האָט טעלעפאָנירט דעם אונטערנעמער, אדון שטיין, אין תל אביב, ער זאָל וואָס גיכער קומען, „די אַרבעטער האָבן געוואָרפן די אַרבעט און דערקלערט אַ שטרייק".

— „וואָס"?

— „אַ שטרייק, אדון שטיין. זיי האָבן דערקלערט אַ שטרייק"!

שטיין האָט מיט כעס אַ שליידער געטאָן דאָס טרייבל און זיך צע־שריגן איבערן גאַנצן שטוב.

— „יאַקאָוו, יאַקאָוו, די באַנדיטן, די זשוליקעס האָבן געמאַכט אַ זאַבאַסטאָווקע אין „נוה שלום". גיכער יאַקאָוו, קום אַריין. זיי מאַכן מיר אומגליקלעך. זיי ווילן מיר רואינירן. באַשטעל אַ טאַקסי, איך מוז לויפן אין „נוה שלום", דעם כביש מוז איך דאָך אָפּגעבן צום טערמין, סוכות, אַ קאָנטראַקט איז געחתמעט, ימח שמם".

יאַקאָוו, שטיינס עלטסטער זון, איז גאַרנישט געווען אין דער היים. יענער איז איצט געשטאַנען ערגעץ אין אַ קאַפע־הויז און רואיק געריבן מיט קרייד דעם שפּיץ פון אַ ביליאַרד שטעקן, נאָכהער האָט ער געצילט אין אַ רויטן באַל אין דער „פּיראַמידקע" פון רחבותדיקן ביליאַרד־טיש.

איז שטיין אַרויסגעלאָפן אין גאַס, ער ווייסט, אַז אויף אַלענבי קריגט מען תמיד אַ גרייטן אויטאָ. צו זיין מזל, האָט זיך אַזאַ טאַקסי געקליבן אונטערוועגנס. עס איז געווען אַ ליידיק אָרט. שטיין האָט אים פאַרנומען און איז אָפּגעפאָרן.

שטיין האָט זייער ליב דעם פּלאַנטאַציע שטח פון שרון, פון שרון ביזן שומרון. ער האָט ליב געהאַט די געגנט, וואו ער פלעגט ביי זיינע נסיעות אַריינאָטעמען די בשמים פון די צעבליטע אָדער צייטיקע ציט־רוסן. אַזוי פאַרנדיק פאַרמאַכט ער די אויגן און פלעכט אין געדאַנק בלערליי מחשבות: — עס אַוועקוואַרפן, צום טייוול, די ביז איצטיקע

עסקים, די לויפענישן און פּאַרעניש, דאָס זיך אַרומרייסן מיט די „אַבאַר־וואַנצעס", ער האָט ברוך השם אַ פּיינעם מטמון אין אַ פּאָר בענק, חוץ חובות, וואָס מען קומט אים. אַ 100 דונאַם פּרדס, און מען לעבט בכבוד און איבעריקע זאָרגן. אין זיין פאַנטאַזיע זעט ער זיצן יידישע בחורים מיט מיידלעך מיט אַראַבער, זיי זיצן און וויקלען פלינק אין זייד פּאַפּיר גרויסע שמעקעדיקע גאָלדענע מאַראַנצן, וואָס פּאַר אַ פּירות און ס'מינ־דעסטע פּגם, ווי די טייערסטע אתרוגים! די מאַראַנצן פּאַקט מען אין שאָטנדיקן טונקעלן פּרדס, אין ווייסע קעסטלעך, און אינעם פּרדס גייט אין דער קטיף אין פולן גאַנג, די ביימער זייגן זאַטע, גרינע ווי קרינאָ־לינעס, און די שפע פּרוכט ברעכן די צווייגן פון שווערקייט. די חברה שניידן מיט ניקלנע שערן, און אויף די קעסטלעך וועט ער לאָזן אויס־ברענען מיט אַ אַנגעליטן שטאַמפּ:

"Orange Grove of B. Stein y Sons" — Jaffa - Palestine

אַ גרויסער אייגענער לאַסט־אויטאָ וועט די פּרוכט פירן צו דער שיף אין פּאָרט, ס'וועלן פליען טעלעגראַמעס פון תל אביב קיין ליווערפּול און צוריק, — „דער מאַרק איז אָללרייט, מיסטער שטיין. נאָך 500 באָק־סעס". — — — — — — — — —

רייסן איבער זיינע חלומות אַ קרייז קאָנוספאַרמיקע ביידלעך אויף אַ בערגל, וואו זיי פאָרן פאַרביי, אַרום די ביידלעך דרייען זיך אַרום בחורים און מיידלעך אין קורצע תחתונים, מיט צעבראָסטעטע העמד־לעך, מיט ווייטיק וואַרפן אים איבער זיינע מחשבות פון נאָך נישט גע־קויפטן פּרדס, צו זיין בת־יחידה אין דער קבוצה... ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען: ער טראָגט דאָס קינד אויף די הענט. ס'קינד שפּילט זיך מיט זיין זייגער־קייט, ס'וואַקסט אַ שלאַנקע שיינע מיידל ווי אַ פּאַלמע. אַלאַ זי איז צופיל פאַרחלומט, פול מיט משוגעתן. ער, אַדון שטיין, קען איר נישט פאַרשטיין. אַז ער ברענגט איר אַ זיידע קלייד וויל זי נישט אָנטאָן. ער קויפט איר אַ שנירל־פּערל, נעמט זי עס נישט אין האַנט — „דיעטאָטשקאַ"! — כ'האָב דאָך באַצאָלט דערפאַר 800 קערבלעך, אַכט הונדערט קערבלעך פאַר דער „בעזדיעלושקע", און דו ווילסט אויף דעם נישט קוקן! די שיך פּוצט זי זיך אַליין, און לאָזט נישט אַריין די דינסט אויפראַמען איר צימער. אַי, ווי שיין זי איז, די לעבעדיקע ראַיאַ. אַזוי האָט זי אויסגעזען זיין גברת ראַיאַ מיידלווייז, ווען ער האָט זיך מיט איר באַקענט ביי זיין פעטער, אַ סוחר פון דער ערשטער גילדע...

— „דיעטאָטשקאַ! אוודאי הונגערט זי איצט צו מיט איר אַבאַרוואַ־ניעץ ערגעץ אין אַזאַ ביידל".

ס'קלעמט אים זיין פאַטערלעך האַרץ.

מיטאַמאָל האָבן זיך די חלומות איבערגעריסן, און פאַר די אויגן דרייען זיך געפלעכטער רעדער, ס'האַקט אים אין מוח: אַ שטרייק גאָר,

א שטרייק! ס'בלוט האָט אים פאַרקאָכט, ער קען נישט אויסהאַלטן, ער מוז זיך אָפּלאָדן. דערציילט ער די מיטרייזנדע וועגן דער נישט געהער־טער חוצפה: — ביי אים, ביים קבלן שטיין, האָט מען דערקלערט אַ שטרייק. ער וועט זיי, ער וועט זיי, ער ווייסט אַליין נישט, וואָס ער וועט זיי טאָן. סוכות מוז ער דעם כביש אָפּגעבן. חול המועד מוז פאָר־קומען די פייערונג לכבוד דעם נייעם פאַרקער דורכן נייעם כביש אין „נוה שלום"; אַלע גאַזעטן שרייבן שוין וועגן דער געשעעניש, און דאָ קומען די אַבאַרוואַנצעס און שטרייקן!

אַז דער שאָפער האָט אויסגעהערט ס'מענה לשון אינטער זיינע פּלייצעס, האָט ער זיך אויך דערמאָנט פון זיינע הונגער־יאָרן אין אַ „חבורה", ער דערמאָנט זיך ווי ער האָט אויך געשטרייקט. מען האָט אים דעמאָלט געשלאָגן און צעבלוטיקט: „וואַרט, וואַרט, אדון שטיין, כ'וועל צוטראָגן מיין חלק צום שטרייק אין „נוה שלום". דער שאָפער האָט אַ דריק געטאָן אויף דער ברעמזע, די מאַשין האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און אויסגעלאָשן.

די טאַקסי איז געבליבן שטיין אין מיטן וועג. דער שאָפער איז זיך געלאָזן אַראָפּ, אויפגעהויבן די הייסע בלעך פון איבער דעם מאָטאָר, זיך עפּעס געפּאָרעט און געדרייט, ביז ער האָט מיט אַ דראָט אויסגע־מאָסטן דעם אינהאַלט פונאַם טאַנק. אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, און קאַלט ווי אַ גזלן געזאָגט: „פאַסקודנע, מיינע הערן. ס'בענזין האָט זיך אויסגעלאָזן. לא טוב!

— זיינען די פּאַסאַזשירן געוואָרן אויפגערעגט: — „ס'טייטש, ווי אַזוי האָט וועגן דעם דער שאָפער פריער נישט געטראַכט?! הלמאי פירט מען נישט מיט זיך אַ רעזערוו בלעך בענזין"?!

אדון שטיין איז בכלל אַרויס פון די כלים. ער מוז אָנהויב אָוונט ריידן מיט גבעונין, מיטן אדוואָקאַט, מיט מענטשן, — „וואָס זאָל דאָס הייסן גאַספּאָדין שאָפער? אַ ראַזבאָי אין מיטן פעלד. ווען גיין ביי מיר פאַד סוד, דו אַזאַ און אַזאַ"...

דער שאָפער האָט זיך ווייטער רואיק געפּאָרעט אַרום דער אויס־געלאָשענער מאַשין, — „וויים איך? כ'בין נאָר אַ געדונגענער שאָפער, אַ שכיר יום, מען זעצט מיר אַריין אין אויטאָ, מען זאָגט מיר וואו צו פאָרן, און איך פאָר, פאַר בענזין זאָרגט דער באַלעבאָס פון דער מאַ־שין".

פון זיין קוים באַמערקבאַרן שמייכל האָט מען געקענט פאַרשטיין זיין סאָלידאַריטעט־חלק צום „עסק" אין „נוה שלום".

ביינאַכט איז ביי בערלען געווען אַ פאַמיליען־ראַט, בערל, רבקה און לייבוש זיינען געזעסן אויפן גאַניק פון באַראַק, בערל האָט שטיל געערדט פון האַרצן אַרויס: „מיר מוזן שאַפן פּאַפּירן און אַהער־ברענגען

די עלטערן, די שוועסטער איז שוין אוועקגעפאָרן קיין אַפריקע, די אַלטע זיינען עלנט און האָבן נישט מיט וואָס א טאָג דורכצולעבן". לייבוש האָט מיטגעהאַלטן מיט בערלען: „איך פאַרדין נישט שלעכט. די אַרבעט וועט זיך ענדיקן דאָס יאָר. די ציייטונגען שרייבן, אַז די גרויסע אַרבעט אויפן ירדן וועט זיך קורצלעך פאַנאַנדערוויקלען, מען וועט דאַרפן נאָך 400 אַרבעטער. מיר זיינען אַמנאָענטסטן צום אַרבעט־פּלאַץ. בערל דאַרף זיך אינטערעסירן, מיר קענען דאָרטן ביידע באַקומען אַרבעט. די עלטערן וועלן אונדז נאָר העלפן, די מוטער וועט העלפן רבקהן, דער פאָטער איז גאָרנישט אַזוי אַלט, ער וועט זיך איינאָרדענען"... רבקה האָט איבערגעהאַקט איר שווייגן און זיך אָפּגערופן: „מיר דריקט זייער לאַנג דער געדאַנק, כ'מוז אייך זאָגן, אַז כ'האָב זיך איבערציייגט, אַז עמוס פילט זיך זייער גוט אין קינדער־היים, ער וואַקסט גאַנץ שיין, ער ווערט שוין א יאָר אַלט, ער האָט דאָרטן קינדער זיך צום שפּילן און די השגחה איז א גאַנץ גוטע, אמת, דאָס עסן איז אין דער היים בעסער און גאַנצע טעג בענק איך נאָכן קינד, אָבער וויפל מאָל בין איך אין כעס אויף זיך אַליין, כ'בין געקומען אין לאַנד צו לעבן אַנדערש ווי מיין מוטער, כ'ווער דערשטיקט אין קיך ביי די טעפּלעך, כ'קען נישט, מיר וועלן לאָזן דאָס קינד אין אַנשטאַלט, לאָזן קומען די עלטערן, די מוטער וועט זיך מיט פרייד פאַרנעמען מיטן קינד, איך מוז גיין אַרבעטן, ס'שטיקט מיר — כ'קען נישט מער"! זיי האָבן אָפּגערעדט, אַז מאָרגן גייט בערל אין עמיגראַציע־אַמט אויספירן אַלע פאָרמאַליטעטן, איצט ווענדט זיך אין די עלטערן; לאָזן זיי נאָר מסכים זיין צו אונדזער מיינונג.

שפּעט זיינען זיי געזעסן אויף די טרעפּלעך פון באַראַק און שטיל געשמועסט, אַזוי ביז פאַרטאָג, ביז די הענער האָבן אויסגעקרייעט דעם דריטן משמר.

באַגינען, נאָך איידער די פאַבריק־סירענעס האָבן גערופן צו דער אַרבעט, איז געוואָרן א טומל אויפן כביש, עס זיינען אָנגעקומען 30 מאַן מיט כלים אין די הענט.

— „מזרחים", שטרייק־ברעכער, דאָס האָט זיי אַרויפגעשיקט שטיין נישט צו זאָגן פאַראַוואָס אין וואָס עס האַנדלט זיך. טעוועס האָט אַליאַר־מירט, און עס איז אָנגעקומען א שטרייק־פּאַטרול מקבל פנים זיין די געסט.

— שלום חברים!

— וואוהין אַזוי פרי מיט די כלים, חברה, האַ?

— מיר גייען אַרבעטן אויפן כביש.

— וואָס?

— יאָ. מיר גייען אַרבעטן אויפן כביש, „הפועל המזרחי" האָט אונדז געשיקט.

— צי ווייסט איר נישט, אז דאָ איז אַ שטרייק?

— און אז מיר ווייסן יאָ עפּעס, איז וואָס? — האָט זיך אָפּגערופן אַ רויט־בערדלדיקער בחור.

— טאָ זייט זשע מוחל חברים, זייט נישט קיין שטרייק־ברעכער, זאָגט מען צו אייך.

— וואָס? חלילה! מיר זיינען שטרייק־ברעכער? פון ווען? מיר גייען גאָר אָנהייבן אַ נייע שטיק כביש, וואָס האָט נישט קיין שייכות צום שטח ווו איר אַרבעט. באַליידיקט נישט מיט אַ טמאדיקן וואָרט ווי שטרייק־ברעכער"!

— מיר בויען דעם כביש אויפן גאַנצן שטח, דאָ אין „נוה שלום", ווען קיין אַנדערע נישט אַרבעטן, דאָ איז איצט אַ שטרייק. עץ פאַר־שטייטס?

האָט זיי טעווקע אויפגערעגט דערציילט אַלץ וואָס דאָ איז פאָר־לאָפן די לעצטע וואָכן, און די סיבה פון שטרייק. ביסלעכוייז האָט זיך געשאַפן אַ שטיקל קאָנטאַקט, ביידע צדדים האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד און מען האָט פאַררויכערט. עס איז נאָך געקומען בערל באַ־גלייט מיט נאָך אַרבעטער. זיי האָבן זיך צוגעזעצט ברוגזע. מען האָט געררויכערט און געשוויגן, וואַרטנדיק נישט וויסנדיק אויף וואָס, ביז עס איז געקומען צולויפן דער קבלן שטיין באַגלייט מיט אַ „מזרחי"־ייד פון שטאָט, און הינטער זיי האָט זיך ווי אַ שאָטן נאָכגעפּלאָנטערט גבעוני, ווייס ווי קרייד.

— „וואָס זיצט איר? — האָט שטיין גאָרנישט דרייסט געפרעגט.

— „ס'איז אַ שטרייק, אדון שטיין"!

דער מזרחיסטישער מנהיג האָט זיך אָנגעצונדן און געשריען:

— „ביי אונדז שטרייקט מען נישט, מיר זיינען געקומען אין ארץ ישראל בויען און נישט איבערחזרן די גלותדיקע סאָציאַליסטישע שטיק, מיר מזרחים שטרייקן נישט! לעבודה, חברים, אָן פחד! מיר גלויבן נישט אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט אייך צום באָלשעוויזם, צו כפירה, צו פאַרלייקענען דעם „נצח ישראל", פאַר אונדז גילט נישט קיין דיסציפּלין פון אַרבעטער־ראַט, מיר פאַרדאַמען אַלע באָל־שעוויסטישע מעטאָדן פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. מיר פאַרדאַמען דעם סאָציאַליסטישן גוואַלט, מיר ווילן בויען אַ לעבן פון פולקומער האַרמאָניע צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, צווישן גייסטיקן און מאַטע־ריעלן לעבן, „תורה און אַרבעט" — דאָס איז אונדזער וועג; „אַרבעט און יידישע טראַדיציע" איז אונדזער פּראָגראַם. פאַרנעמט אייערע אַר־בעט־פּלעצער, מיר „מזרחים" דאַרפן אויך עסן, מיר האָבן אויך פרויען און קינדער".

— טרעט אַריין אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועט

איר קריגן אַרבעט. לײדט אײער חלק ווי מיר אַלע, צי דען פעלט איצט אַרבעט?

— לערנט אונדז נישט, וואָס מיר האָבן צו טאָן; מיר ווילן מיט אײַך קײן טרפות נישט עסן, אום שבת נישט שרײַבן, מיר ווילן מיט אײַך צו כל נדרי אין קאָרטן נישט שפּילן, מיר ווילן אונדזערע מענטשן אין די אָרעמס פון כפירה נישט שיקן, לערנט אונדז נישט; חברים צו דער אַרבעט!

שטיל קענען ווילן זײַנען די „מזרחים" אוועק מיט די כלים אויף די פּלײצעס, גבעוני האָט זײ אָנגעוויזן אַ שטיק נײַע כביש, וואו מען דאַרף אָנהײבן בויען, די „מזרחים" האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. די כביש־אַרבעטער זײַנען גלײַך אָנגעקומען, בראש איז געגאַנגען בערל מיט טעווקען, אָן ווידערשטאַנד האָט מען צוגענומען פון די „מזרחים" די כלים, מען האָט זיך אויסגעזעצט אויפן אָנגעוויזענעם אָרט און געשוויגן, בעת שטײן האָט אויפן קול היסטעריש געשריען:

— „איר וועט אונדז מיט כוח נישט צווינגען, איר וועט אונדז נישט צאַפּן ס'בלוט. באַזשע מאָי, דאָ איז נישטאָ דער ציוויליזם"!

„נוה שלום" האָט זיך געשטעלט אויף די פיס. טירן און לאָדן האָבן געקלאַפּט, מענטשן זײַנען אַרויסגעלאָפן פון די הײַזער האַלב־אָנגעטאָן, זיך דערווּסן, וואָס דאָ טומלט זיך, מען האָט זיך אָנטוישט: אויף דער הוילער ערד זײַנען געזעסן די אַלטע כביש־אַרבעטער און דיסקוטירט מיט די „מזרחים" צי מען מעג אין ארץ ישראל יאָ שטרײַקן, צי מען טאָר בכלל נישט שטרײַקן אין ארץ ישראל.

עס האָבן זיך אויסגעטײלט אײניקע קנאים פון די „מזרחים", וואָס האָבן גענזידלט די איבעריקע, זײ האָבן זיך געריסן צו די כלים און געוואָלט אָנהײבן די אַרבעט איבערגוואַלט. עס איז געוואָרן הײס. טעווקע איז אויפגעשפּרונגען, און אויפגעהויבן זײַנע אײַזערנע הענט. פרויען פון עולם, וואָס זײַנען ביז איצט געשטאַנען ווי נײַגעריקע צוקוקערינס, האָבן אָנגעהויבן היסטעריש שרײַען און טומלען, מענטשן האָבן גענו־מען לויפן הין און צוריק, וואָס האָט געשאַפן אַ בהלה.

איז בערל צוגעלאָפן צו טעווקען, אים געכאַפּט פאַר די הענט, און געטענהט: „נישט פּראָוואָצירן"!

ווי פון אונטער דער ערד זײַנען אויסגעוואָקסן אַ מחנה רײַטער־און פוסגײער־פּאָליצײ, בראש מיט אַ יידישן אָפיציר אויף אַ שוימיקן ווײסן פערד. די פּאָליצײ האָט גאָרנישט געפרעגט, נישט געקוקט, נאָר ווילד געברומט מיט באַנומענע הײזעריקע קולות: — „יאַללאַ, להתפזר!" זײ זײַנען אַרײַנגעלאָפן מיט די פערד אינעם געזעמל, דער אָפיציר האָט מיט היץ געשריען „אז באשר מען האָט עובר געווען אויפן געזעץ, וואָרנט ער און פאָדערט: „להתפזר". זײַנען אים אַנטקעגן געקומען טעווקע מיט

בערלען אויפקלערן, אז ביז איצט האט דא קיינער נישט עובר געווען אויף קיין געזעץ... דער אפיציר האט אזוי שטארק פארצויגן דעם צוימל און געפאַטשט זיין פערד, אז ער האט זיך א הייב געטאן מיט די פאדער־שטע פיס אין דער לופטן. א אראבישער קאפראל איז אנגעלאפן אין א גאלאפ און מיט א נאהייקע א שניי געטאן בערלען איבערן פנים. עס איז אים פינצטער געווארן אין די אויגן. א שטראם בלוט האט א שפריץ געטאן פון מויל און נאז. טעווקע האט א ברום געטאן ווי א לייב און אזא ריס געטאן דעם קאפראלס פערד, אז ער האט זיך שיעור נישט איבערגעדרייט מיטן ריימער צוזאמען. עס האבן זיך ארייגעמישט די פוס־גייער־אפליציי, וואס האבן זיך ארייגעשניטן אין עולם. זיי האבן גענומען פאטשן מיט נאהייקעס און שלאגן מיט קאלבעס אויף רעכטס און לינקס, נישט געקוקט וואו און וועמען, צי דאס זאלן זיין „מזרחים", כביש־ארבעטער, צי סתם נייגעריקע תושבים פון „נוה שלום". איז גע־וואקסן די בהלה צוזאמען מיט די קולות. מענטשן זיינען געשפרונגען איבער די בערג שטיינער און געלאפן מיט בלוט אין די הייזער, וואס האט געדינט פון זייערע צעפאסטעמע לייבער, זיי האבן אזוי, מיט זייער בלוט, באגייט און מקדש געווען דעם נאך נישט פארענדיקטן כביש אין „נוה שלום", וואס קבלן שטיין האט געבויט.

אין א ווײלע ארום האט מען געזען ווי זשאנדארן פירן אן ארומ־גערינגלטע גרופע ארבעטער, צווישן זיי האט געהאלטן אונטער די ארעמס דעם צעבלוטיקטן בערלען, און א צווייטער ארבעטער האט געפירט א צעבלוטיקטן מזרחיסט, וואס האט זיך קוים געהאלטן אויף די פיס. שטיל האט זיך באוועגט די פראצעסיע, ביז פון אונטער א בארג שטיינער איז אויסגעוואקסן נאמע דער שומר, מיט א נייער גרופע ארבעטער, זיי האבן געפאדערט פון אוביער־זשאנדאר אפלאזן די מענטשן: „איך, נאמע, בין דא דער פאראנטווארטלעכער. ארעסטירט מיך"! דער אוביער־זשאנדאר האט שוין געהאט פארלאמפטע אויגן מיט בלוט:

— ווי־ווי־ווא־ארס? האט ער א שמויס געטאן נאמען, און א פאך געטאן דער נאהייקע אין דער לופטן איבער נאמעס פנים. דאס איז גע־ווען דער לעצטער טראפן.

מיט הילכיקע געשרייען זיינען געלאפן ארבעטער פון אלע הויפן און הייזער, מען איז געשפרונגען איבער פארקאנעס און בערג שטיי־נער: „אפשלאגן", „נישט לאזן פירן"! „אונדזער בלוט איז נישט הפקר"! עס זיינען דערווייל אנגעקומען נאך ארבעטער און מיידלעך פון שטאט, זיי זיינען געקומען באוואכן זייער ארבעטס־פלאץ און נארנישט געוואוסט פון פריער, וואס דא איז געשען. גיך האבן זיי זיך אריענטירט אין דער לאגע, פויסטן האבן זיך געבײלט. די מיידלעך האבן זיך צעלייגט אין דער ברייט פון כביש און נישט געלאזן די זשאנדארן ווייטער גיין. האבן

זיי פּרובירט מיט די אַרעסטירטע אָפּטרעטן דורך אַ זייטיקן שטעג. די ערשטע איז אויפגעשפּרונגען רוזשקע, זי האָט אָנגעכאַפּט דעם אויבער־זשאַנדאַר פאַר די קנעפּ און געשריען „אַפּלאַזן־אַפּלאַזן", צווישן עולם האָט זיך באַוויזן רבקה, מיט נאָך אַרבעטער־פרויען פון די תושבים, דער עולם איז געוואַקסן, די פּאָליציי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, אָבער עס זיינען צוגעקומען אירלענדער בראש מיטן יידישן אָפּיציר אויף פערד, זיי האָבן זיך געוואָרפן שלאָגן די פרויען, עס זיינען געפלויגן שטיינער, שווערע שטיינער פון אַלע זייטן. מצד דער פּאָליציי איז געפאַלן אַ שרעק־שאָס, דער קנאַל פון ביקס איז אַריינגעפאַלן אין אַלע באַלעבאַטישע הייזער, אַ פּחד איז זיי באַפאַלן, מען האָט גענומען פאַרקלאַפּן טיר און לאָדן, בכבודיקע פרויען האָבן געשריען צו זייערע באַלעבאַטישע מענער: „גזלנים", „יידישע קינדער וועט מען אויסהרגענען", — — — — פאַר זייערע צעשראָקענע אויגן און דענערוווירטע געמיטער זיינען אויפגעשטאַנען די געשפּענסטער פון פּראָסקוראָוו און אומאַן, פון פינסק און פון ווילנע, פון לעמבערג און פון קיעוו, די געשפּענסטער האָבן מאַרשירט אין ווייסע תכריכים אויסגעשמירטע אין בלוט מיט שוואַרצע לעבער אין די טויטע שאַרבנס — „יידישע קינדער לאָזט מען אויסהרגענען"!

עס זיינען געפאַלן נאָך צוויי שאָסן, טויבן האָבן זיך געדרייט צעשראָקענע אין דער לופטן, די שטיינער האָבן אויפגעהערט פאַלן, דער פּאַטרול האָט נאָכגעלאָזן די אַרעסטירטע, דער פאַרבלוטיקטער בערל האָט הייזעריק מיט די לעצטע קרעפטן געשריען: „חברים זיך באַזינען, לאָזט אייך נישט פּראָוואָצירן".

די מענטשן זיינען ביסלעכוויז צו זיך געקומען, מען האָט גענומען איבערגוואַלד אוועקפירן די צעהיצטע מיידלעך און אַרבעטער־פרויען, זיי האָבן פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון די זשאַנדאַרן, נאָטע דער שומר האָט געדונערט: „שיסט, ווילדע חיות! שיסט, מיר קענען אויך די מלאכה! גיט נאָר ביקסן, וועט איר זען! שיסט פּראַים — נאָט אייך מיין ברוסט — שיסט"!

די מענטשן האָבן געזען, ווי מען האָט אָפּגעלאָזט די אַרעסטירטע, האָבן זיי זיך באַרואיקט, ס'האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט ווי די פּאָליציי האָט זיי צוריק אַרומגערינגלט, עטלעכע און פערציק מאַן צווישן זיי בערלען, נאָטען, טעווקען, רבקהן און עטלעכע מזרחים, מען האָט אַלעמען אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין תפיסה. אין „נוה שלום" איז פאַרבליבן אַ מחנה פּאָליציי אויפצוהאַלטן „רו און אָרדענונג".

ווי אַ בליץ האָט זיך די ידיעה גיך צעטראָגן איבערן שטאָט. אַרבעטער האָבן געוואָרפן די אַרבעט.

פאַבריקן און וואַרשטאַטן זיינען שטיין געבליבן. אַ טייל האָבן זיך

געלאָזן צום ארבעטער־ראַט, א טייל דירעקט צו „נוה שלום“, „נוה שלום“ איז געווען ארומגערינגלט מיט פּאָליציי, די פּאָליציי האָט געדראָט מיט אויסגעשטעלטע ביקסן און קיינעם נישט אריינגעלאָזן אין קוואַר־טאַל. די הויז פון ארבעטער־ראַט האָט געשטורעמט און געברויזט:

— „באַפרייען די ארעסטירטע“!

— „אַן אַלגעמיינער שטרייק“!

— „בלוט אויף יידישע אַרבעטס פּלעצער“!

אין סעקרעטאַריאַט האָט נישט אויפגעהערט צו קלינגען דער טע־לעפאָן. דער סעקרעטאַר איז געזעסן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און גע־שטאַמלט: „וואָס זיי האָבן דאָרטן אָנגעמאַכט, וואָס זיי“!...

ס'איז געקומען צולויפן אָן אָטעם דער פּקיד פון דער נאַציאָנאַלער חברה, דער עולם איז אים באַפאַלן. דער פּקיד האָט זיך נישט פאַרלאָרן און האָט מיט אַלע כוחות געשריען: „מסכים מיט אייך חברים, מסכים“!

ס'זיינען געקומען פאַרשטייער פון קהילה און פון דער געזעלשאַפט, ביים ארבעטער־ראַט איז אויסגעוואַקסן א גאַנצע שורה אויטאָמאָבילן, די אַלע טוערס און פּקידים האָבן זיך פאַרשלאָסן אין א צימער און גע־פירט א לאַנגע זיצונג.

אין האַלב־טונקעלן צימער פון שטאַטישן ארעסט זיינען געבליבן די ארעסטירטע מידע און דורשטיקע. בערלען מיט נאָך אייניקע פאַר־וואונדעטע, האָט מען מיט צעריסענע העמדלעך פאַרבאַנדאַזשירט די וואונדן, ביסלעכווייז האָבן די מענטשן צו זיך געקומען, מען האָט אָנ־געהויבן שמועסן, פריער שטילערהייט, נאָכהער העכער ביז עס האָבן זיך געהערט שטיקלעך געלעכטער; אין אָוונט האָט מען זיך אין דער פינצ־טער געוואָרפן מיט היטלען מיט טיכלעך, געזונגען און געשריען סתם אין דער וועלט. דער שומר ביי דער אייזערנער טיר, האָט גערוקט די נאָז אין „וועלפל“, ער האָט מיט די פיס געטופּעט און געשריען: „וואָס? אפשר מיינט איר, אַז דאָ איז א קוראָרט, צי וואָס?“ ער וועט שוין זאָרגן „אַז מען זאָל אַלעמען אריינוואָרפן אין קאַרצער אויף ברויט מיט וואַ־סער, א מעשה! זיי מיינען, אַז דאָ איז א קלוב, צי א בית מדרש איז דאָ“...?

די פרויען האָט מען אריינגעוואָרפן אין א אַלגעמיינע קאַמער מיט אַנדערע ארעסטירטע קרימינאַליסטקעס. צוזאַמען מיט רבקהן האָבן זיך געפונען נאָך דריי פרויען פון „נוה שלום“. די קאַמער איז גראָדע געווען א גראַמע און ליכטיקע, אויפן שטיינערנעם דיל איז געווען אויסגעשפּרייט א ראַגאָזשע, און די פריערדיקע קרימינעלע ארעסטאַנטקעס האָבן אָנ־געקוקט און באַהאַנדלט די נייע געסט מיט אָפּשיי און מיט כבוד. רבקהן איז געווען נישט צו באַרואיקן. דאָ האָט זי זיך געריסן עפּעס צו דער־גיין וועגן צעבלוטיקטן בערלען און דאָ — — — דאָס קינד! דאָס קינד

איז געבליבן אַליין, האָט זי זיך געוואָרפן צו דער טיר, געקלאַפּט מיט די פּיס און פויסטן און געשריען: „לאָזט מיך אַרויס צום קינד! לאָזט מיך"...

נאָך דער פּאַסירונג איז נישט קיין קלענערע בהלה אויסגעבראָכן אין די הויכע ביוראָען פון ירושלים. עס האָבן זיך צונויפגענומען אויף אַ דרינגענדער זיצונג גרויסע ציוניסטישע פּקידים מיט פֿאָרשטייער פון נאַציאָנאַלן ראַט צוזאַמען מיטן פּאָליטישן לייטער פון דער „אַגענץ".

דער פּאָליטישער לייטער איז געווען אַ ענגלישער ייד, דערפאַר האָט ער געהאַט די פּריווילעגיע צו ריידן ענגליש אויף די באַראַטונגען. ער האָט געטענהט:

„מיר שטייען פאַר אַ גרעסערע אומיגריישן. די בריטיש גאַווערנמענט, וועט דעם ענין אויסנוצן אונדז לרעה, וועלל, פון דער אַנדער צייט וועט געטראָפן ווערן די וויאָגיסטישע אַקשנס אין גאָלוט, („גאָלוט" האָט ער געזאָגט אין העברעאיש), וואו ס'וויקלט זיך איצט פאַרנאַנדער אַ ווערי פיינע טעטיקייט. דאָרטן איז מען געוואוינט צו הערן וועגן שפיכות דמים אין אוקריינישע אָבער ניט אין ארץ יסראָיעל, די פּאָבליק אין גאָלוט קען ניט דולדן מאַציאַלע קאָנפליקטן אין א"י, וועלל, אַי עם די פערזן, איך בין דער מענטש, וואָס חזר כסדר איבער נישט צו מאַכן די האַלוצים פאַר קדאָשים. (האַלוצים און קדאָשים — אין העברעאיש). אַט וועט זיך דאָרטן איצט קערן וועלטן, נישט אַז ס'איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישן פּאָליציי מיט אַרבעטער פאַרן עובר זיין דאָס געזעץ, אלא אין אַפּאָזיט: מען האָט געשלאָגן און צעבלוטיקט און אַרעסטירט האַלוצים, אין אַרץ ישראַל, וועלל, דזשענטלמענער".

די פאָרשטייער פון די אחדותניקעס און „הפּועל הצעיר" האָבן זייערע אַרגומענטן באַגלייט מיטן קלאַפּן מיט די פויסטן אין טיש „ס'דאַרף אונדז גיין אין לעבן תיכף צו פאַרניטיקן דעם שווערן פעלער פון „נוה שלום", „איר גיט איבער גרויסע אַרבעטן אומפאַראַנטוואָרטלעכע קבלנים. איר איגנאָרירט די קאָאָפּעראַטיווע בוי אונטערנעמונג פון דער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, איצט רבותי, לערנט פון דער פּאַסירונג אין „נוה שלום"! מיר פאַרדאַמען די רשעות פון דער פּאָליציי, אַראַבער מיט אירלענדער' האָט מען געשיקט שלאָגן יידן! דאָס לעבן פון די חלוצים איז נאָך נישט הפקר אין ארץ ישראל, די פּאָליציייִשע אויפפירונג, גלויבן מיר, איז נאָר אַ פּראָדוקט פון אַנטיסעמיטישע יידן־פיינטלעכע ענגלישע פּקידים, וואָרום מיר גלויבן אין דער אויפריכטיקייט פון ענגלישן פאָלק כלפּי דעם ציוניזם. דאָס ענגליש פאָלק וועט זיך מיט עקל אָפּקערן פון אַזעלכע באַרבאַרישע מעשים פון אירע קאָלאָניאַלע פּקידים".

גאָר שטאַרק אויפגעבראַכט זיינען אויף דער זיצונג געווען די

„מזרחים". זיי האָבן געטומלט און געשריען צו יענעם ווײַט מיש: —
„איר, די סאָציאַליסטן און בעזבאָזשניקעס, זײַנט די גורמים פון אַלע „שפיכת דמים".

— „שטרייקברעכער" האָבן זיי באַקומען בתשובה.

נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג האָט מען זיך דערורעדט, אַז קודם כל מוז מען באַפרייען אויף ערבות אַלע אַרעסטירטע, און נאָכהער אָננעמען אַלע מיטלען נישט צו צעבלאָזן די פּאַסירונג אין אויסלאַנד, וואָס איז שייך די אויפפירונג פון קבלן שטיין, און די סיבות וואָס האָבן דערפירט צום „אינצידענט", האָט מען באַשלאָסן איבערגעבן אַ ספּעציעלע קאָמיטע, וואָס זאָל אַלץ גוט אויספאָרשן, און די רעזולטאַטן מיט די פאָרשלאָגן ברענגען אויף „אײנער פון די נאָענטסטע זיצונגען".

---

קבלן שטיין, בעת ער האָט דערהערט די געשרייען אין גאַס און דערזען ווי מען לאָזט נישט צו זײַנע שטרייקברעכערס צו דער אַרבעט, איז געוואָרן אויסער זיך. ער האָט זיך צוזעקגעדרייט פון אויפגערעגטן עולם, געלאָפן אין וועד און טעלעפאָנירט זיי פּאָליציי „בגשר רושענטל־מען, מען איז גאַזלען און מען שלאָגט מיינע אַרבעטער, באָלשעוויקעס זײַנען אין „גוה שלום", שיקט תיכף הילף"!

גבעונוי, וואָס איז אים נאָכגעלאָפן אין וועד און געהערט ווי שטיין רופט אַרויס פּאָליציי, איז נאָך מער צעררודערט געוואָרן. ס'האָבן אים געגומען קלאַפּן צאָן אָן צאָן, און ביידע גשמות, זײַן אייגענע, און די צווייטע, וואָס האָט געדינט רעם קבלן שטיין האָט זיך צעוואָרפן:

— „אַזוי נידעריק ביסטו געפאַלן שמעון"? — האָט אים זײַן נשמה געשעפּטשעט אין בלום.

— זיי ווייסט, שמעון, פאַרליר זיך נישט! מיט יענעם לאַנער האָסטו שוין לאַנג אָפּגעשניטן.

— ניין שמעון, נאָך נישט אָפּגעשניטן, ועסט מוזן דאַרטן צוריק־גיין.

— זיי וועלן דיר נישט מוחל זיין, זיי האַסן דיר, זיי רופן דיר „פאַרקויפטע נשמה".

— ניין שמעון! די אַרבעט וועט זיך ענדיקן ביים קבלן שטיין, וועט דיר שטיין אַרויסוואַרפן ווי אַן אָפּגעניצטע הענטשקע, ווי אַ אַלטן שוך".

— פאַרליר זיך נישט שטיין האָט גענוג פּראָטעקציע, ער וועט באַקומען נייע אַרבעטן און וועט דיר גוט באַלוינען...

איז אים אין זײַן אינערלעכן חשבון הנפש צוהילף געקומען די מיידל פון פּסח תקוה; זי האָט אירע ווייסע הענט געשליפט אַרום זײַן האַלדז און געשעפּטשעט אין אויער, זיס: געדענק שימעק, געדענק

גבעוני! כ'קען נישט פארבינדן מיין לעבן מיט אַ „שמענדריק", מיט אַ קבצן. געדענק, דו מוזט זיך ארויפארבעטן...

גבעוני איז שוואַך געוואָרן. ער איז געווען גרייט אַט־אַט צו פאַלן פאַרן קבלן שטיין, נאָר ס'איז געפאַלן דער שאָס. גבעוני, איז אויפגע־שפּרונגען ווי די קויל וואָלט אים געטראָפן אין האַרצן, ס'איז אים פינצ־טער געוואָרן אין די אויגן, ס'בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן צום מוח, און אין אַ פּייערדיקע ראַד האָט ער זיך דערזען אויף אַ כביש מיט יאָרן צו־ריק, צוזאַמען מיט בערלען, מיט נאָטען און מיט נאָך, מיט נאָך פון די מענטשן, וואָס ער האָט פאַרראַטן. זיי האָבן אַלע צוזאַמען געשלעפּט אַ שווערן גרויסן שטיין און פון זייערע געשפּאַנטע פּנימער האָט געטריפט אַ געדיכטער שווייס, אַ, „בלוט גיסט זיך פון זייערע פּנימער, ס'איז נישט קיין שווייס, „בלוט — בלוט" — — — ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה איז גבעוני צוגעשפּרונגען צום טיש:

— „ניין, ניין אדון שטיין! מיין נשמה האָב איך נישט פאַרקויפט פאַר נאָך דריי פונט הכנסה אַ חודש, ניין! אדון שטיין... און ער איז ארויסגעלאָפן אינדרויסן מיט אויפגעהויבענע פויסטן מיט אָנגעצונדענע אויגן. עס איז אויפגעשטאַנען תחית המתים, דער חבר שמעון גבעוני, פון „גדוד". ער איז אַנידערגעפאַלן ביי אַ געמויערטער וואַנט, מיט שוים אויף די ליפּן, און צוזאַמען מיט די חברה געוואָרפן שטיינער מיט קללות אויף די אַנגרייפער — די פּאָליציי.

שטיין האָט אויך דערהערט דעם שאָס. ער האָט גאָרנישט פאַר־שטאַנען פון גבעונים ווילדע געשרייען; ס'האָבן אים גענומען ציטערן די קני. איז ער אַנידערגעפאַלן אויף אַ שטול, אַ שרעק האָט אים דורכ־גענומען. די ביינער ווי, אַ עלעקטרישער שטראָם.

— „מענטשן, איך חלש"... זיין מוח האָט אים דערמאָנט אַ טע־לעגראַמע וואָס ער האָט בשעתו באַקומען פון זיין פּראָטעזשע דאוויד נאַכומאָוויטש:

— „ווי אַ צוגאָב צום קאָנטראַקט גיבן מיר דיר צוּוויסן, אַז אַלע קאָנפליקטן אויפן כביש אין „נוה שלום", אויב אַזעלכע וועלן זיין, מוזן דערליידיקט ווערן נאָר דורך בוררות און מיט אונדזער אויסדריקלעכער הסכמה".

שפּעטער האָט מען עס צוגעגעבן צום קאָנטראַקט, וואָס ער האָט געחתמעט, און דאוויד נאַכומאָוויטש האָט אים דאָס זעלבע אַ פּאָר מאָל איינגעחזרט, „זיי מוזן זיך רעכענען מיט די אַרבעטער, וואָרום זיי בויען דעם כביש מיט געזעלשאַפטלעכע מיטלען, וואָס די זעלבע אַרבעטער, די הלוצים, העלפן שאַפן אין דער דיאַספּאָראַ. פּאָמני"!

ווי אַזוי איז אים אַלץ ארויס פון קאָפּ, ווי אַזוי?

— „אַט נעם איך און רואיניר זיך אַליין מיט די אייגענע הענט,

איך, באַלוואַן"... — האָט שטיין געטענהט צו זיך אַליין, „און מיין נאָ־מען איז שוין גאָרנישט ווערט"?

— „פאַרשאָלטענער אַדוואָקאַט", — פּראַקליאַטי אַדוואָקאַטישקאַ, פאַרוואָס האָסטו מיר גאָרנישט דערמאָנט? דו האָסט נאָר גערעדט וועגן „אָרגאַניזירטע אַרבעט" וועגן פּאַראַגראַף פון אָרגאַניזירטע אַרבעט, וואָס פאַרפּליכטעט מיר, האָסט מיר געזאָגט אַז „אָרגאַניזירטע" אַרבעט מיינט נישט נעמען אַרבעטער דוקא פון זייער הסתדרות מיט זייער סאָוויעט, האָסט געטענהט, אַז יורידיש זיינען די „מזרחים" אויך „אָרגאַניזירטע" און אין קאָנטראַקט שטייט דאָך נישט בפירוש פון וועלכער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע איך דאַרף נעמען אַרבעטער, דאָרטן שטייט נאָר „אָרגאַני־זירטע", האָסט מיר פאַלש געלערנט און איך בין דיר נאָכגעגאַנגען ווי אַ בלינדער פערד"... (דערווייליע זיינען געפאַלן נאָך אַ פּאָר שאָסן)... „צו־ליב 1 טויזנט פאַרלירן 20 אַנדערע, ווי וועל איך איצט קענען ווייזן מיין פּנים פאַר דאַוויד נאַכומאָוויטשן, און וואָס וועט זאָגן ראַיאַ"?

שטיין האָט פאַרשטעלט מיט די הענט די אויערן, כדי נישט צו הערן דעם טומל פון דרויסן, דערווייל האָבן די פּקידים פון ועד אים געבראַכט וואַסער, ער איז צו זיך געקומען, און ווי נאָר ס'איז שטיל געוואָרן אין גאַס, האָט ער זיך נאָך מער באַרואיקט.

אַ שמייכל האָט זיך צעליגט אויף זיין פּנים און ער האָט ממשיך געווען די טענה מיט זיך אַליין:

— עטע־טע־טע, באַריסעק! דיינע דעפּאָזיטן אין די בענק זיינען נאָך נישט געפּגרט, שטאַרק זיך באַריס שטיין! ס'וועט פאַרביי, מען וועט פאַרגעסן, וועסט צוריק באַקומען אַרבעט, לאָז נאָר ביליק די פּרייזן און וויים וואו און ווען, און אויף וועלכע קנעפּלעך מען דאַרף דריקן"...

אין גערוימען קאַבינעט פון פּאָליציי־שעף איז געזעסן מיט דרך־ארץ אַ געמישטע דעלעגאַציע פון אַרבעטער־ראַט און קהילה. זיי האָבן געשמועסט מיטן פּאָליציי־שעף וועגן די געשעעניש אין „נוה שלום" און אים פּרובירט איבערצייגן, אַז די פּאָליציאַנטן און נישט די אַרבעטער זיינען עובר געווען אויפן געזעץ; זיי האָבן פריער געדאַרפט רואיק וואָ־רענען די אַרבעטער און געבן צייט זיך פונאַנדערצוגיין. דער אַדוואָקאַט, וואָס איז געווען אין דער דעלעגאַציע, האָט געטענהט, אַז „צווישן איין וואָרענונג ביז דער צווייטער מוז פאַרבייגיין אַ פּאָר מינוט, אַזוי זאָגט דער געזעץ. דער זין דערפון איז די מענטשן זאָלן האָבן צייט זיך צו באַ־קלערן"...

— אָבער, מיינע הערן, אייערע מענטשן האָבן דאָך געוואָרפן שטיי־נער אויף די פּאָליציאַנטן, איר ווייסט וואָס דאָס איז?

— אָבער, געערטער פּאָליציי־שעף, פריער האָבן די פּאָליציאַנטן פאַרוואונדעט אייניקע פּערזאָן און געשלאָגן אַ פרוי!

— נישט ריכטיק, מיינע הערן! — מען האָט געשלאָגן, ווען מען האָט געזען, אַז די מענטשן זיינען גרייט זיך אַנטקעגנצושטעלן...

— גרייט, הער פּאָליציי־שעף, הייסט נאָך נישט זיך אַנטקעגנשטעלן.

— אַזוי שטייט בפּירוש אין ראַפּאָרט, מיינע הערן!

דער פּאָליציי־שעף האָט אָנגעקלונגען. אין קאַבינעט איז אַריין דער יידישער אָפיציר, וואָס איז געווען אין „נוה שלום"; דער אָפיציר האָט געהאַט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ. ער האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, אַ קלונג געטאָן מיט די שפּאָרן און מיט אַ פּוטערדיקן שמייכל אָפיציעל ראַפּאָרטירט: „גרייט צו דינסט, הער פּאָליציי־שעף"!

דער אָפיציר האָט דערציילט, אַז ווען איין בונטאָווששיק האָט אָנגעכאַפּט דעם צוים פון זיין פערד, און געוואָלט אים אומוואַרפן, דערמאָלט האָבן זיינע מענטשן „אָנגעווענדט פיזישע קראַפט, כדי צו צעטרייבן די אומגעזעצלעכע פאַרזאַמלונג אונטערן פרייען הימל". ער, דער אָפיציר, האָט נישט דאַקעגן מען זאָל באַפרייען אונטער ערבות אַלע אַרעסטירטע, באַזונדערס די פרויען, חוץ צוויי פּערזאָן: „איינער איז אַ פאַרדעכטיקער, וואָס שטייט אונטער פּאָליציייאישער שמירה זייט 6 חדשים, ער איז אונטערן חשד פאַר אומלעגאַלער אַרבעט, זיכער איז ער דער שולדיקער אין גאַנצן טומל און אין שטרייק. דער פּערזאָן הייסט בערל חייט, אַ ליטווישער בירגער. דער צווייטער איז באמת שפּעטער געקומען, אָבער ער האָט דער ערשטער געוואָרפן שטיינער, ער הייסט נאָטע פערלין, אַן עסטאָנישער בירגער"...

די דעלעגאַציע האָט ווידער פּרובירט דערקלערן דעם פּאָליציי־שעף, אַז כדי צו באַרואיקן די געמיטער מוז מען אַלעמען באַפרייען. דער פּאָליציי־שעף איז נישט מסכים געווען. די דעלעגאַציע האָט זיך מיט דרך־ארץ פאַרנייגט און פאַרלאָזט דעם קאַבינעט.

די ערשטע האָט מען, אונטער ערבות פון געלט, באַפרייט די פרויען. נאָכהער איז מען אַריין אין קאַמער צו די מענער און געמאָלדן, אַז אַלע די, וואָס מען האָט אַרויסגעלייענט פון דער רשימה, זיינען פריי, מאָרגן מוזן זיי זיך מעלדן צום געריכט־אויספאָרשער, די אַרעסטירטע האָבן זיך אָנגעקוקט און נישט געוואָלט גלייבן, אַז די געשיכטע האָט זיך אַזוי גיך געענדיקט. מען האָט זיך גענומען קוקן ביים טיר, איין טעווקע איז אויפגעשפּאַנען און אַ געשריי געטאָן — „וואו גייט איר, חברה, קוקט! — בערלען מיט נאָטען האָבן זיי דאָך נישט אויסגעלייענט פון דער רשימה"... אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און דערזען, ווי בערלס קאָפּ ליגט ביי נאָטען אין שויס, דער פּנים איז פאַרבונדן מיט אַ פאַרבלוטיקטער שמאַטע, די אַרבעטער האָבן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און אָפּגעטראָטן פון טיר צוריק אין קאַמער.

די שליםלניקעס האָבן פּרובירט שרייען און דראָען, אַז מען וועט זיי מיט כוח צערייסשלעפּן, „שווינט זעען מיר צום ערשטן מאָל אין לעבן, מען באַפרייט מענטשן פון תפיסה און זיי גייען נישט, משוגע זייט איר געוואָרן, „מאַשגונין״ צו וואָס״?

— ניין, מיר גייען אָדער אַ ל ע, אָדער קיינער נישט. — האָט געענטפערט אַ נאָר שטימע.

— די טיר האָט אַ בראַזג געטאָן, די מענטשן האָבן זיך צוריקגעזעצט אין די ווינקלען, יעדער איינער האָט געפילט, אַז ער האָט באַגאַנגען אַן עולה, אַ פאַרברעכן, מען האָט נישט געטאָרט קיין ווערטער, ווי זיך צו אַנטשולדיקן פאַרן אייגענעם געוויסן און פאַר בערלען מיט נאָטען, וואָס זיינען שטום געזעסן אין ווינקל.

ס'איז געווען שפּעט אין אָוונט, אַ שטיקנדיקער זומערדיקער אָוונט. די גאַסן אַרום דער פּאָליציי זיינען געלעגן געחלשטע פון היץ, די קראָמען זיינען געשטאַנען אין העלן ליכט פון דרישנדע „לוקסן״. אין די גרויסע אַראַבישע קאַפעען איז געווען פולט, דער שטענדיקער עולם איז געזעסן צעבראַשטעטעם אין גאַס אויף נידעריקע בענקלעך. קינדער אין שמוציקע פאַרטעכער האָבן דערלאַנגט לימאָנאַד, קאַפע און איידוואַסער, מען האָט געשפּילט דאָמינאָ, „שעשבעש״ און אין קאָרטן, מען האָט געקלאַפּט און געוואָרפן די ביינער, געשטופּט פּאַסן מיט קרייד אויף נאַקעטע טישן, אַנדערע זיינען געזעסן אַרום אַ זקן, וואָס האָט דערציילט אַנטיקע מעשיות, אַנדערע האָבן געקרעכצט און געצויגערט נאַרגילעס, דאָס וואַסער אין די נאַרגילעס האָט געבולקעט, און דער טאָמבאַק אונטער די גליענדיקע קוילן האָט פאַרשפּרייט אַ גודנעם חשורן ריח... עס האָט געקלונגען אַ סטאַמבולער זינגער פון אַן אויסגעריבענער גראַמאַפאָן פּלאַטע אַרויס. צווישן עולם האָבן זיך אַרומגעדרייט אַראַבער מיט וואַרעמע באַבעלעך, געבאַקענע קיכעלעך, צעשניטענע שניקער שעפּסענע לעבער, זיי האָבן בקול אויסגערופן די מעלות פון זייערע סחורות. אין מאַמע מיטן גאַס זיינען געזעסן ברייט הויזנדיקע אַראַבער פאַר פייערטעפּ, מיט פאַרשוויצטע צעפּלאַמטע פּנימער האָבן זיי געדרייט שטיקלעך פלייש אויף אייזערנע שפּיזלען — „שאַשליק״. עס האָבן שפּאַצירט שלאַנקע הויכע בעדואינער אין אַבאַיעס, מיט פאַרדעקטע פּנימער, שוואַרצע ווי די נאַכט. עס האָבן זיך געשלייכט ווי הונגעריקע הינט הונגערע קינדער און ציגיינער אין טראַנטעס, האַלב נאַקעטע מיט באָרוועסע לעדערנע פיס. אַן אויסגעשמירטע זונה האָט חוצפּהדיק געדרייט מיט די אויגן, זיך איינגעבויגן ביי יעדער טישל און פון איר בלוזע איז כלומרשט נישט ווילנדיק אַרויסגעפאַלן אַ גרויסע ווייסע ברוסט מיט אַ טונקל ברוינעם וואַרצל... רבקה האָט דאָס אַלץ גאַרנישט געזען, גאַרנישט באַמערקט. זי איז ווי אַ משוגענע געלאָפן צווישן אַט דעם עולם און נישט געפילט,

ווי זי שטויסט מענטשן און דרייט איבער בענקלעך. די מענטשן האָבן איר מיט פאַרוווּנדערונג אָנגעקוקט: „איצט, דאָ־אָ אַ ידישע? אָן אומגעצוימטער כוח האָט איר געצויגן און געריסן, זי האָט גאָרנישט געפילט, גאָרנישט געזען נאָר דאָס קינד, ס׳איז אויפגעשטאַנען אין איר די מאַמע אין אוראַלטן געשטאַלט, די האָר צעפּודלט, די קלייד צעריסן און צעקנייטשט, די זאַקן אַראָפּגעפאַלן, די אויגן פייערדיקע שפּיזן, די הענט אויסגעצויגן מיט צעשפּרייטע פינגער און נעגל — צום רייסן, פאַרניכטן יעדן איינעם, וואָס וואָלט איר פאַרשטעלט דעם וועג צום קינד...

אַזוי איז זי אַריינגעפאַלן אין שטוב. לייבוש האָט אַלץ געוואוסט, ווען ער איז געגאַנגען פון דער אַרבעט, האָט מען אים דערציילט, אַז רבקה מיט בערלען זיינען צווישן די אַרעסטירטע. ער האָט פאַרשטאַנען פריער אַפּצונעמען דאָס קינד פון קינדער־היים, מען האָט אים דאָס קינד נישט געוואָלט אַרויסגעבן, די פלעגערין האָט געטענהט, אַז ס׳מאַכט ניט אויס, זי וויל אויך איר ביישטייער געבן די חברים פון „נוה שלום”, זי וועט בלייבן דאָ נעבעכטיקן מיטן קינד, אין איר מיידלשן צימער האָט זי נישט קיין פּלאַץ, „האָט נישט מורא, חבר חייט, מיר וועלן היטן דאָס קינד ווי די אייגענע מוטער”. לייבוש האָט איר נישט געוואָלט באַלעמטיקן, ער האָט געדאַנקט, און אָפּגענומען דאָס קינד אַהיים. אין שטוב האָט ער געטראָפן אברהם דעם מאַשיניסט טעכטער, צוויי געזונטע געוויקסיקע מיידלעך, זיי האָבן זיך פאַרשעמט, נאָר גאָרנישט; „דער פאָטער האָט אונדז געשיקט צו בערל דעם הייצער, זיי זאָלן אויפרוימען און אכטונג געבן דאָס פאַרוואָרלאָזטע היים, אויפן קינד דאַרפן זיי אויך אויפפּאַסן. בערל איז דעם טאַטנס אַ גוטער פריינט, זיי האָבן אַ פּאָר יאָר געאַרבעט אין פאַבריק, געאַרבעט צוזאַמען”... בעת זיי האָבן דערזען רבקהן, האָבן זיי אַלע אין שטוב פון שרעק צוריקגעטראָטן. רבקה האָט נאָר דערזען, ווי דאָס קינד שפּילט זיך רואיק אין בעטעלע, איז זי צו זיך געקומען, עפּעס האָט זיך איר אַראָפּגעקייקלט פון די פּלייצעס, עס האָט זיך אויסגעגלייטערט אין מוח, דער מוח האָט צוריק גענומען אַרבעטן, רבקה איז אַרויפגעפאַלן לייבושן אויפן אַקסל, לאַנג, לאַנג, האָט זי געכליפּעט, געוויינט. אין שטוב האָט מען איר דערציילט, אַז בערל איז לייכט פאַרוווּנדעט, עס איז גאָרנישט, קיין שום ערנסטע זאַך. לייבוש איז נאָך אַראָפּ אין שטאָט מיט עסן און מילך, ער איז געגאַנגען שפּעט אין אָוונט צו דער תפיסה.

# אין תפיסה

ס'האָט געוויזן אויף אַ גערעטעניש. דער פרילינג איז געווען מילד. דער סוף ווינטער אָן גרויסע ווינטן. איז די בליאונג געבליבן גוט און צייטיק. די מאַראַנצן האָבן זיך געבאָדן אין שמעקעדיקן בליטן, וואָס האָט באַדעקט די צווייגן ווי דער ווייסער שניי די שפּיצן פון חרמון. די בליטן זיינען צייטיק געוואָרן. און אַליין פאַרלאָזט די בוימער, אַ שפע פּירות ווי קליינע אַרבעסלעך האָבן באַדעקט די צווייגן. די פעלדער זיינען הויך געשטאַנען געלאָדענע מיט תבואה, פולע זאַפטיקע זאַנגען. די זאַנגען האָבן זיך געבוקט צו זייער מוטער ערד, זייערע לאַנגע שטאָמען האָבן זיי קוים געטראָגן. די וויינגערטענער זיינען געלעגן באַלאָדענע מיט פּרוכט, דאָרטן איז איצט שניט־צייט, מען האָט געטראָגן פולע קוישן מיט ווייַנענדיקע ענגלען וויינטרויבן.

דער טאָל יזרעאל איז געשטאַנען אונטער דער זון ווי אַ ריזיקער שפּייכלער מיט לעבעדיקע תבואות, די פעלדער האָבן זיך געשפּרייט ווייט אין מרחק, איבער זיי איז געהאַנגען אַ ציטערדיקער שימער, די תבואות האָבן שטיל געזונגען דעם געזאַנג פון צייטיקן.

אין דער קבוצה וואו מערע האָט געלעבט, האָט דער גלאָק גערופן צום אָוונט־עסן. דער גרויסער עס־צימער איז געווען העל באַלויכטן, פון אַלע הייזער און בנינים האָבן זיך געצויגן ריין איבערגעטאָנענע, אויס־געצוואָגענע בחורים און מיידלעך. מען האָט צווישן זיך גערעדט, געלאַכט און איינער האָט דעם צווייטן דערציילט ווי דער טאָג איז אַוועק. דער וויינגאָרטן האָט דאָס יאָר געגעבן די ערשטע בכורים. די תבואות זיינען צייטיק און קערנדיק. די בהמות טראָגן פולע אייטערס מילך, דער סקלאַד איז פול מיט קעז, פוטער און סמעטענע, די עופות זיינען דאָס יאָר גע־ראָטן... מערע האָט דערציילט, אַז אין דער אַראַנזשעריע באַמערקן זיך דאָס יאָר גרינע לייז, מען מוז שרייבן אין פּראָביר־סטאַנציע און פרעגן אויף רפואות, „לעת עתה באַשפּריצט מען מיט טאַבאַק־וואַסער". מו־

טערס זיינען בריער פון דער ארבעט געגאנגען אנקוקן די קינדער, נאכ־הער איז מען געקומען אין עס־שטוב...

שטיל מיט אפעטיט האט דער עולם געזופט פון די בלעכענע טע־לער, מען האט צוגעביסן מיט שטיקער פרישן ברויט. פונוויטן האט גע־פייפט די באן און באלד איז געקומען דער קאסירער פון שטאט מיט בריוו, צייטונגען און נייס. דאס מאל האט ער דערציילט פון די געשעע־נישן אין „נוה שלום", דער עולם האט געווארפן דאס עסן אין מיטן, מען האט זיך געקופעט ארום „קאסיר". די חברטעס פון קיך און די ארדענער האבן זיך געברוגזט: „נייט, חברה, עסט אפ, מיר ווילן זיך אויך אפרוען", קיינער האט זיך נישט צוגעהערט, מען האט געשלונגען די ידיעות פון שטאט, מען האט אויסגעפרעגט פרטים: „דערצייל, נו, און וואס איז געווען ווייטער"? מערע האט דערהערט „נוה שלום", „פאר־וואונדעטע", „ארעסטירטע", האט זי זיך מיט ביידע הענט דורכגעלייגט א וועג און געכאפט דעם קאסיר פארן האנט:

— „וויפטו וועמען מען האט ארעסטירט און פארוואונדעט"?

— ניי שוין מענטש איינע, כ'זאל זיי אלעמען קענען מיט די נעמען? כ'האב געהערט, אז אונדזער באקאנטער נאטע דער שומר, זיצט, בערל חייט זיצט, זיין חברטע האט מען אויך ארייגעזעצט, איר געדענקט זיי אוודאי, פון מתנה אין „נס ציונה"? נאך און נאך מענטשן זיצן און מען האט געשלאגן מכות רצח, אין שטאט איז „פרייליך", מען האט געוואלט דעמאנסטרירן און דערקלערן אן אלגעמיינעם שטרייק. מען רעדט, אז איצט אין אונגט זאל מען אלעמען באפרייען ביזן משפט אויף ערבות...

דאס עסן איז שוין קיין עסן נישט געווען, דער גלאק האט ווידער געקלונגען, מען האט גערופן אויף אן אסיפה; אומזיסט האט דער גלאק געקלונגען, במילא האט קיינער נישט פארלאזן די עס־שטוב, אלע האבן געווארט, דער קאסיר האט פונסניי אלץ איבערדערציילט, עס האבן גע־רעדט די „שטענדיקע", מענדל פלעבאנאוו, מאטקע גערשט, מישקע בליי, נאכדעם האט מען אנגעשריבן און פארגעלייענט א רעזאלוציע:

„די קבוצה פראטעסטירט צוזאמען מיטן גאנצן ארבעטער־כלל אין ארץ ישראל קעגן דער רשעות און בארבארישקייט פון דער פאליציי;

„די קבוצה דריקט אוים איר סאלידאריטעט די שטרייקער און ווינטשט זיי א פולן נצחון;

די קבוצה דערמונטערט די ארעסטירטע און פארוואונדעטע, אין צייכן פון ברודער־הילף און סאלידאריטעט גיט די קבוצה 4 קוישן ווייטרויבן, 3 זעק מעל און 200 ליטער מילך „פאר די שטרייקנדע און זייערע קינ־דער";

„צוזאמען מיט דעם דריקט אוים די קבוצה איר טיפסטע פארביטע־רונג קעגן אזעלכע געשעענישן, קעגן אזא באציאונג פון ארבעטס־געבער

אויף נאַציאָנאַלע אַרבעטס־פּלעצער, אויסגעהאַלטענע מיט נאַציאָנאַלע מיטלען.

מען האָט באַשלאָסן צו דרוקן די רעזאָלוציע אויף אַ שרייב־מאַשינקע, דער מוכטאַר פון קבוצה זאָל אײן עקזעמפּליאַר איבערגעבן דעם קרייז־שעף, און באַלד מאָרגן זאָל דער קאַסיר מיט נאָך אַ חבר אַפּפירן אין שטאָט די פּראָדוקטן און באַפעלן „תנובה" אויסטיילן 200 ליטער מילך אויפן חשבון פון דער קבוצה פאַר די קינדער פון די שטרייקנדיקע.

מערע איז צוריק נישט צוריקגעגאַנגען צום טיש, זי האָט זיך קיין פּלאַץ נישט געפונען אין עס־צימער, אַלץ אין איר האָט געברויזט און געריסן אַהין אין „נוה שלום"; זי האָט זיך נאָכדעם אַליין געבעטן ביים פאַרטיילן די אַרבעט, מען זאָל איר באַשטימען מיטן קאַסיר אַפּצופירן די פּראָדוקטן אין שטאָט, מען זאָל איר די נאַכט באַשטימען אויף שמירה אין שטאַל, בגילא וועט זי נישט שלאָפן, „פאַרשטייט דאָך, חברים, איך מוז פאָרן, רבקה איז אַרעסטירט, בערל איז אַרעסטירט, דאָס קינד איז געבליבן אַליין".

„ווידער אין שטאָט", האָט מען געקוועטשט מיט די פּלייצעס, — „וואָס איז מיט דיר מערע"?

מערע האָט אַזוי קאַטעגאָריש געענטפערט, אַז בלית ברירה האָט דער סעקרעטאַריאַט מסכים געווען מיט אַ תנאי: „געדענק, מרים! מוזט דעם דריטן טאָג קומען צוריק, די פּלאַנצן וועלן חרוב ווערן"!

דער ענין אין „נוה שלום" האָט זיך געענדיקט גיכער, ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט. אויף מאָרגן איז פאָרגעקומען אַן אַדמיניסטראַטיווער משפּט איבער אַלע אַרעסטירטע, מען האָט אַלעמען פאַרמישפּט מיט געלט־שטראָף, אָדער 7 טעג אַרעסט פאַר שטערן די געזעלשאַפטלעכע רו און זיך קעגנשטעלן דער פּאָליציי, דער שופט האָט צום פּסק־דין צוגעגעבן:

„די שטראָף איז ספּעציעל אַ קליינע, איך רעכן זיך ביי דעם פאַל מיט די אומשטענדן: 1) אַלע ווערן געמשפּט צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן; 2) ס'איז נישט ענדגילטיק אויפגעקלערט, ווער פון די אַרעסטירטע האָט געוואָרפן די שטיינער; 3) ס'איז צו באַווייזן, וואָס די פּאָליציי האָט דעם מאַטעריאַל צו „איבערפּלעכלעך פאָרמולירט".

„די אַרעסטירטע בערל חיים און נאָמע פערלין, ווערן פאַרמישפּט מיט דאָפּלטער שטראָף, מיט 2 וואָכן אומבאַדינגטע תפיסה אַרעסט אויפן סמך פון די אויבנדערמאָנטע פּאַראַגראַפן, די 2 מענטשן האָט מען געזען בראש פון דער אויפגערעגטער מאַסע.

„ווי עס פאַרשטייט פון די עדות, האָבן די 2 מענטשן אַ השפּעה אויף די איבעריקע אַרבעטער, איז בכן געווען זייער פליכט צו באַרויקן דעם עולם און נישט צו העצן קעגן געזעץ. צוזאַמען מיט דער דערמאָנטער שטראָף קריגן ביידע שולדיקע אַ שטרענגע וואָרענונג, אַז אויב זיי

וועלן נבשל ווערן אין ענלעכע אומשטענדן א צווייטן מאָל און געשטעלט ווערן פאַרן געריכט וועט די שטראָף זיין א שווערע".

בערל מיט נאָטען האָבן זיך איבערגעוואונקען מיט די אויגן — „אבי צוזאַמען".

די ארעסטירטע האָבן נישט געטראַכט צו באַצאָלן די געלט־שטראָף אלא גיין אָפּזיצן, אָבער דער סעקרעטאַר פון ארבעטער־ראַט האָט מקדים געווען: ער האָט אויפן אָרט באַצאָלט די סומע, און איז נעלם געוואָרן כדי אַט דאָ נישט צו דאַרפן ארגומענטירן מיטן עולם.

ווידער בערל מיט נאָטען האָבן געטראַכט דאָס פאַרקערטע, ווייל דער שטרייק דויערט, וואָלטן זיי בעסער געדאַרפט זיין אין „נוה שלום" און נישט אין תפיסה...

אין קאָרידאָר פון געריכט האָבן זיך אַלע באַפרייטע געזעגנט מיט די צוויי פאַרבליבענע. די זשאַנדאַרן האָבן פלינק צונויפגעקלעמט בערלס רעכטע האַנט צו נאָטעס לינקער אין א אייזערנעם בראַזלעט, און ביידן גראַב ארויסגעשטויסן אין דרויסן, וואו עס האָט געוואַרט דער תפיסה־קאַטש, דער עולם האָט זיך שיעור נישט געוואָרפן אויף די זשאַנדאַרן, איז אָבער דער תפיסה־קאַטש גיך פאַרשוווּנדן, בערל האָט נאָך באַוויזן זען מערען, ווי זי לויפט א צעפלאַמטע צום געריכט־הויז, ס'איז אים לייכט געוואָרן אויפן הארצן, ער האָט פארשטאַנען, אז זי וועט בלייבן מיט רבקהן, און נאָטע האָט געברומט: „כלבים, זיי האָבן געציטערט פאַר א דעמאָנסטראַציע, האָט מען אונדז פלינק מסדר געווען"...

בערל מיט נאָטען האָבן ווידער געגעכטיקט אין דער שטאָטישער תפיסה. באַגינען האָט מען זיי צוזאַמען געגעבן, אז מען שיקט זיי אָפּ אין דער „צענטראַלער", אין עכו, וואו זיי וועלן אָפּקומען די שטראָף. כהרף עין האָט מען ביידן פלינק פאַרדרייט די הענט אויף הינטן און ארויסגעשטויסן אין דרויסן. אין דרויסן איז געשטאַנען אַן עשאַלאָן קרימינעלע פאַרברעכער, צו צוויי אין א שורה, אָנגעטאָן אין מיאוס־שמוציקע טורמע־קליידער פון ווייס־גרויען קאַליר מיט שוואַרצע פאַסן אין דער ברייט, ווייסע מיצלעך אויף די קעפּ און סאַנדאַלן אויף די פיס; פון דעם עשאַלאָן האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן מענטשן אין בלוט־רויטע קליידער, מיט שווערע קייטן אויף די הענט און פיס. אַלע ארעסטאַנטן זיינען געווען פאַרוויז געקייט, צוגעשמידט איינער צום צווייטן פאַר די הענט, איין לאַנגע שווערע קייט האָט צונויפגעשמידט דעם גאַנצן עשאַלאָן צוזאַמען אין איין גרופּע, די ארעסטאַנטן האָבן זיך נישט געקענט רירן, ווייל ווי נאָר איינער האָט זיך אומגעדרייט האָט ער מיטגעשלעפּט דעם צווייטן, דער צווייטער דעם דריטן אזוי, אז די שווערע אַלגעמיינע קייט האָט יעדערן געשלעפּט און פאַרשאַפט יסורים. מען האָט צוגעפירט בערלען מיט נאָטען צו דער אַלגעמיינער שורה און זיי געוואָלט אָנבינדן

אָן דעם עשאלאָן קרימינעלע. ווי ביידע וואַלטן זיך צונויפגערעדט האָבן זיי געגומען שרייען: „ניין, — דאָס וועלן מיר נישט דערלויבן"! נאָטע האָט באַקומען אַ שטויס מיט אַ קאָלבע פון אַ ביקס, ער האָט פּרובירט ענטפערן מיט אַ פוס, האָט אים אַ פּאָליציאַנט געכאַפּט פאַר דער אויסגעשטרעקטער פוס. נאָטע איז שווער געפאַלן אויף דער ערד, פיר שומרים האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים, זיי האָבן פּרובירט כאַפּן נאָטעס הענט און איינקלעמען אין אייזערנע רינגען, בערל איז ווילד אויפגעשפּרונגען און אַרויפגעפאַלן אויף דער קופּע שומרים, וואָס זיינען געלעגן אויף נאָטען, עס האָט זיך פאַרוויקלט אַ פאַרביסענער קאַמף אין דער קופּע מענטשן אויף דער ערד. נאָטע מיט בערלען האָבן זיך געווערט מיט די הענט, פיס און ציינער, מיט די לעצטע כוחות האָבן זיי געשריען: „ניין, איר וועט אונדז נישט שמידן"! עס זיינען געקומען צולויפן נאָך פּאָליציאַנטן און מען האָט גענומען שלאָגן בערלען מיט נאָטען מיט נאַהייקעס, מיט קאָלבעס אין די פיס, ביידע האָבן הייזעריק געשריען, דער עשאלאָן האָט אויך אָנגעפאַנגען שרייען, עס איז געוואָרן אַ בהלה; אַלע טורמע-פענצטער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די געשרייען, אַזוי אַז די לופט האָט געציטערט. עס איז געוואָרן אַ רעש און צונויפלויף אין גאַס, צערודערט איז געקומען צולויפן אַן עלטסטער פּאָליציי-אָפיציר און באַפוילן די שומרים, אַז זיי זאָלן נאָטען מיט בערלען אָפּפירן באַזונדער, דער אָפיציר האָט זיי בארואיקט: „מיר וועלן אויספאָרשן צי מען האָט אייך ווירקלעך געשלאָגן"... גיך האָט מעןביידן אַריינגעשטופּט אין טורמע-אויטאָמאָביל און אָפּגעפירט אין עכו.

די קנאַפּע צוויי צענדליק קילאָמעטער ביז עכו, האָט געדויערט ווייניקער ווי אַ האַלבע שעה. ווען בערל מיט נאָטען זיינען געקומען צו זיך, האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט, אַז זיי ליגן אין אַ קילער פינצטערער שטיין-קאַסטן, עס האָט געשטונקען מיט פאַרפוילטע ים-גראָז. ביידע זיינען געווען באַרוישט פון די קלעפּ און פון פלינקן פאָרן, עס האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז שוין אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין. אַ תפיסה-באַאַמטער איז אַריין מיט אַ קאַליפאַקטאָר, וואָס האָט געטראָגן אַ פּעקל תפיסה-קליידער, דער באַאַמטער האָט נעפּאָדערט ביי בערלען און נאָטען זיי זאָלן זיך תיכף איבערטאָן אין די תפיסה-קליידער, און זייערע פּריוואַטע קליידער צונויפבינדן אין אַ פּעקל און איבערגעבן דעם קאַליפאַקטאָר. ביידע האָבן זיך אַנטזאגט איבערצוטאָן, זיי האָבן געענטפערט, אַז זיי זיינען נישט קיין פאַרברעכער, און וועלן זיך נישט איבערטאָן, דער באַאַמטער האָט גאָרנישט געזאָגט, ער האָט אַ שמייכל געטאָן און איז אַרויס פון קאַמער. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען ווידער אויפגעפּראַלט די טיר, אין קאַמער האָבן זיך אַריינגעשאָטן אַ מאָן צען געזונטע אַראַבישע אַרעסטאַנטן, און וועכטער, זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף בערלען

מיט נאַטען, איבערגעוואַלט אַראָפּגעשלעפּט זייערע קליידער, און ארויפגעשלעפּט אויף זיי די מיאוסע תפיסה־בגדים, צום סוף האָבן פיר מאַן צוגעהאַלטן בערלען, און פיר מאַן נאַטען, און אַרעסטאַנט האָט זיי איבערגעוואַלט אַרומגעשאָרן די קעפּ... מען האָט זיי צוגעוואָרפן צו די פּיס צוויי פאַרלייזיקטע דעקעס, און צוריק פאַרקלאַפּט די טיר.

בערל מיט נאַטען זיינען געלעגן אויף דער ערד מידע צעבראָכענע מיט צעוויי־טיקטע גלידער און ביילן אויף די פּנימער, פון די צעקראַצטע וואונדן האָבן זיך געשנירלט רימשקעלעך בלוט, די פּוסטקייט פון קאַמער האָט געוווישט אין די אויערן, יעדער גליד באַזונדער האָט ווייגעטאָן, זיי האָבן זיך צוגעטוליעט איינער צום צווייטן און גאָרנישט גערעדט, גאָרנישט געקלערט, זיי האָבן געקוקט אין פּוסטן חלל פון קאַמער. אַזוי האָבן בערל מיט נאַטען אָפּגעקומען דעם ערשטן מעת־לעת אין דער צענטראַלער תפיסה פון עכו. מאָרגן באַגינען, איז ווידער געקומען דער תפיסה־באַאַמטער מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן: „לויט יד אקטן וואָס די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט נעכטן דערהאַלטן שפּעט אין אָוונט, ווייזט זיך אַרויס, אַז איינער פון זיי, בערל חייט, איז אַן אויסלענדישער בירגער, אַנטשולדיקט ער זיך פאַר די נישט אָנגענעמע געשעעניש פון נעכטן, אַ טורמע, איז נישט קיין פּריוואַטער האָטעל! דער בירגער בערל חייט קען צוריקקריגן זיינע ציווילע קליידער, און זיך איבערקלייבן אין די ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר אויסלענדער, וואו עס איז לופטיק, פּראַנען בעטן, און בעסערע אייראָפּעאישע עסנס... ער אַנטשולדיקט זיך נאָכאַמאָל“! בערל איז אויפגעשפּרונגען פון דער ערד און דעם באַאַמטן אַריינגעשריען אין פּנים: „מוחל די אַלע גליקן, איך בלייב דאָ צוזאַמען מיט מיין חבר, געדענק ניר וועלן זיך שיצן קעגן ווייטערדיקע גוואַלט“!

דער באַאַמטער האָט זיך אַ ביסל צוריקגעצויגן, אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און פאַרלאָזן די קאַמער, עס איז נישט אַוועק קיין שעה, ער איז ווידער דאָ מיט אַ געשריבענעם באַפעל: „היות וויביידע פאַרברעכער פון דער קאַמער נומער 17 האָבן זיך נעכטן אַנטקעגנגעשטעלט דער טורמע־אַדמיניסטראַציע ביים אויספירן זייערע געזעצלעכע פונקציעס, ווערן ביידע צוגערשטן וזאָל, באַשטראָפט מיט צוויי מעת־לעת זענזאַנע („קאַרצער“)“. אין דעם אויגנבליק איז פול געוואָרן די קאַמער מיט שומרים, פּאָליציאַנטן און קאַליפּאַקטאָרן, מען האָט זיך געוואָרפן אויף ביידן, אַראָפּגעריסן די בגדים, נאַקעטע, נאָר אין די תחתונים, האָט מען זיי פלינק אַראָפּגעשטויסן אין אַ פינצטערן קעלער. — אין דעם קאַרצער. מען האָט אַריינגעשטעלט אַ ליימענעם קריגל וואַסער און אַ וואָרף געטאָן, ווי פאַר הינט, פיר האַלבע רויע ווייכע פּלעצלעך. אין קאַרצער האָט געשטונקען מיט מענטשלעכע השתנה און מיט אָפּפאַל, די לופט איז געווען

געדיכט און קיל. ווידער האט זיך בערל צוגעטוליעט צו נאטען און עס איז אוועק א טאג אין הלשותדיקן האלב דרעמלען און פיבער־קעלט, זייערע אויגן האבן זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צום חושך פון קעלער, מיט די פיס האט נאטע אנגעטאפט אין א ווינקל דעם קיבל, וואס איז געשטאנען אן אפגעדעקטער און פארשפרייט א שרעקלעכן ריח. איין זאך האטביידן געפייניקט, זיי האבן נישט געוואוסט די צייט, צי עס איז נאך טאג, צי ס'איז שוין נאכט, די שעהן האבן זיך געצויגן ווי יארן. נאטע האט דער ערשטער גענומען ריידן, ער האט דערציילט בערלען, אז ער קען גוט די אראבישע תפיסה, מלחמה־צייט האט מען אים פארשלעפט אין די קערקערן פון דמשק, מען האט אים צוזאמען מיט נאך צענדליקער מענטשן חושד געווען אין שפיאנאזש לטובת ענגלאנד. — „דריי מאל האט מען מיר מכבד געווען מיט „פאלקעס" אויף די פיאטעס פון די פיס, געגנוי ווי אין די צייטן פון דער שפאנישער אינקוויזיציע, שטיקער פלייש האט מען פון אונדז געריסן, דעמאלט איז אונדז אלץ ליב און גוט געווען, מיר האבן געלעבט מיטן עתיד, מיר זיינען געווען זיכער אין דער יידישער מלוכה, וואס די ענגלישע מאכט גייט שאפן אין ארץ ישראל"... בערל איז געזעסן דעם ערשטן מאל אין לעבן, ער האט דערציילט נאטען, אז וועגן תפיסות האט ער נאר געלייענט, און תמיד געהאט א פארבארגענעם געפיל, אז די שרייבער זיינען א ביסל מגזים.

אומגעריכט האט זיך בערל דערמאנט אן דער היים, אן רבקהן מיטן קינד, אן לייבושן, אפילו אן מערען, בערל האט געטראכט בקול „זאג מיר נאטע, וואס טוען זיי דארטן איצט א שטייגער"? נאטע האט גאר געקלערט עפעס אנדערש און געענטפערט: „וועסט זען בערל, זיי האבן שוין דעם שטרייק פארענדיקט".

א שווערע פיינלעכע געשיכטע איז פאר ביידן געווען דער נאטירלעכער באדארף, אין קליינעם קעלערל, אין אפענעם קיבל, זיי וואלטן גליקלעך געווען, אז דער חושך זאל זיי פארשלינגען, די ווענט זאלן זיי באדעקן און איינער זאל דעם צווייטנס בושה נישט זען... אין תפיסה פון עכו איז פארווערט א שטיקל פאפיר אפילו פון אן אלטער צייטונג, מעג עס זיין צום אויסערסטן באדארף... נאטע האט פרובירט דערצו געברויכן א שטיקל פלעצל, בסך הכל איין סעקונדע האט געדויערט דער איינפאל, נאכהער איז נאטע געווען גרייט צו רייסן פון זיך שטיקער לעבעדיק לייב, ער האט זיך דעם קאפ א קלאפ געטאן אן וואנט און געביסן די ליפן ביז בלוט, ווי קומט צו אים אזא מיאוסער איינפאל, אזא לעסטערונג פון ברויט! ערשט איבערמארגן האבן זיי זיך דערוואוסט, אז אלע אנדערע, געברויכן דערצו שטיקער פון זייערע העמדער און בגדים.

ווען מען האט ביידן באפרייט פון קארצער און איבערגעפירט אין

אַן אַלגעמיינער קאַמער, האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז די גרויסע קאַמער אי זאַ פּאַלאַץ און נישט קיין תּפיסה... אין דער אַלגעמיינער קאַמער האָבן זיך געפונען 40 מאַן אַראַבער, דורכויס קרימינעלע. האָבן די אַרעסטאַנטן פּרובירט „עפּעס טאָן" כּלפּי די צוויי נייע „גרינע" יידן, זיי האָבן חרטה באַקומען אויף דעם, ווען נאָטע האָט זיי אין אַראַביש באַגריסט, און דערקלערט, אַז זיי זיינען נישט קיין „גרינע", קיין קינדער זיינען זיי זי־בער נישט, און אויפן קאָפּ וועלן זיי זיך נישט לאָזן קריכן.

א מאָגערער פּעלאַך מיט פּאַרדעכטיקע רויטע פלעקן אויפן פּנים מיט מוזיק אין ברוסט האָט דערציילט, אַז ער קען קיין מאָל דעם הונגער נישט שטילן, „פאַרשאַלטן זאָל דאָס זיין"! „קיינמאָל האָט מען מיר קיין פליש נישט געגעבן, זינגט כ'האָב פאַרזוכט די פליש אויף דער חתונה פון שכן, האָט מיר א מאַניע, אַזאַ מאַניע פאַרפאָלגט: פליש! כ'בין נאָר א „כּאַראַט", כ'האָב גאָרנישט, האָט מיר דער טייוול אָנגערעדט, נעמען א שעפּס פון דעם עפענדי און שחטן, איין מאָל אין לעבן כאָטש אָפּעסן זאַט פליש... צוויי יאָר".

בערל האָט זיך דערפילט שולדיק פאַרן אייגענעם געוויסן, אָט זיצן מענטשן: אַזויפיל יסורים! יאָרן זיצן זיי און לעבן, און איך דאַרף בסך הכל נאָר 10 טעג דאָ בלייבן, ווי נידערשלאָגן כ'בין געווען ביז איצט, א חרפּה און א בושה... דער בינשמאָק אין דער שטיינערנער קאַסטן האָט געלעבט, געפיבערט, און זיך געריסן צום לעבן מיט א גוואַלטיקן אימ־פּעט און ליידנשאַפט, די מענטשן האָבן נישט פאַרביינגעלאָזן די מינדסטע געלעגנהייט, אַלץ אויסגענוצט צו פאַרבעסערן די לאַגע, זיך נישט אָפּ־לאָזן, — „פאַרזעצן דאָס לעבן ווי עס איז"... איר האָט דאָ געפונען א באַהאַלטענעם ראַזיר־מעסער, א פּאַש קאָרטן, א שאַכמאַט פון ברויט גע־קנאָטן, און ס'האָט זיך געפירט א מסחר, אַן אויסטויש פון פּלעצלעך אויף טאַבאַק...

דער שטרייק האָט זיך גיך געענדיקט. באַלד נאָכן משחט איז גע־קומען אין „נוה שלום דער פּקיד פון דער חברה צוזאַמען מיטן סעקרע־טאַר פון אַרבעטער־ראַט. מען האָט צונויפגערופן אַלע אַרבעטער אין דער עס־שטוב. דער פּקיד האָט גענומען דאָס וואָרט. זיינע רייד האָבן זיך נישט געקלעפּט, ער האָט אָנגעפאַנגען מיט מוסר „הלמאַי" האָט איר, חברים, ווענן אַלץ אונדז נישט געמאָלדן". דער קאָלעקטיווער מורמלען און די באַוועגונג צווישן די אַרבעטער, האָבן אים אונטערגעזאָגט, אַז אַזוי דאַרף מען איצט נישט ריידן, האָט ער זיך אויסגעהוסט און גענו־מען אַנדערש טענהן:

„איך אַנטשולדיק זיך אין נאָמען פון אונטערנעמער! אדון שטיין, האָט זיך פאַרלאָזן אויף גבעונין, גבעונין האָט ער בלינד געגלויבט... פאַר

די שטרייק־טעג וועט מען באצאָלן, און די אַרבעט וועט פון היינט אָן געמאָסטן ווערן דורך אַ געמישטע קאָמיסיע, איינער פון אייך, חברים, איינער פון אונדז און איינער פון דעם אונטערנעמער. געדענקט חברים, (ער האָט צוגעהוסט און די „חברים״ אָראָפּגעשלונגען), מיר טאָרן זיך אַזוינס נישט פאַרגינען, מיט אַזעלכע ענינים גראָבן מיר אונטער אונדזער גאַנצן קיום, שונאים וועלן עס אויסנוצן״.

„אַן מוסר, אַן מוסר״, האָט מען געשריען פון עולם — „וואָס וועט זיין מיט די אַרעסטירטע״?

— „ס׳וועט אַלץ רעכט ווערן, חברים״!

שטיל מיט אויפגעהויבענע קעפּ זיינען אַלע אַוועק צוריק צו דער אַרבעט, דער כביש האָט אויפגעלעבט, עס האָבן ווידער געדונערט די אויפרייסן, העמערלעך האָבן געפּיקט אין שאָטער, עס זיינען געוואַקסן בערג שטיינער — און די בעט פון כביש האָט זיך געצויגן אַלץ לענגער און וייטער. טויט און קאַלט איז נאָר געשטאַנען דער פּרעס־ראָלער, אָן אַ פונק לעבן איז ער געשטאַנען... אַלכסונדיק אין וועג, מיט אַ פאַר־רויכערטן שוואַרצן קוימען, ווי אַ בייזער פאַרוואורף, האָט דער קוימען פינצטער געקוקט אין הימל. די אַרבעטער האָבן באַשלאָסן אַז אָן בער־לען וועט זיך די מאַשין נישט רירן פון אָרט.

ס׳איז געקומען דער טאָג ווען בערל מיט נאָטען האָבן צוריק שפּאַ־צירט באַרג אַרויף. די אַרבעטער האָבן געקלערט, אַז מען וועט זיי באַ־פרייען נאָך מיטאָג, דאָס זעלבע האָבן געקלערט רבקה מיט לייבושן, מען האָט געמיינט וואַרפן באַצייטנס די אַרבעט, און גיין צום באַן זיי אָפּ־וואַרטן. 10 אין דער פרי האָבן די פאָדערשטע קבוצות כביש־אַרבעטער דערזען בערלען מיט נאָטען, דער עולם האָט געוואָרפן די אַרבעט און זיי געלאָפן אַנטקעגן מיט די כלים אין די הענט, חברה האָבן געשטעקט פאַר־שוויצטע „שלום עליכמס״ און מיט שמחה געפרעגט: „ווי־וואָס־ווען?״

— „גאָרנישט״ — האָט נאָטע געענטפערט און בערל האָט באַהאַרצט גע־שמייכלט, ס׳האָט אים געריסן אַהיים, ער האָט געשטעקט די האַנט, גע־דריקט, און געפילט די הברשע מאַזאָלעס אין האַנט דרוק, די ברודער־פרייד האָט זיך דורך די האַנט־דרוקעניש איבערגעגאָסן פון איינעם אין צווייטן און פול געמאַכט ס׳האַרץ. ביז דער היים האָבן זיי באַגלייט כמעט אַלע אַרבעטער פון כביש.

אין דער היים האָט זיך בערל נישט געקענט באַהערשן, ער האָט פאַרלאָרן אַ טרער פון איבעררעשונג, פון קבלת פנים, פון באַהאַרצטקייט.

רבקה האָט געוויינט און ביידע האָבן געשטאַמלט איינער צום צווייטן ווערטער פון 6־7 יאָר צוריק פון די ביידלעך אין נס־ציונה, פון די נעכט אין תל אביב... דאָס קינד איז געווען אין דער היים, און האָט נישט

געוואָלט זיין פאר קיין פאל צו בערלען אויף די הענט...

נאָטע איז עלנט געשטאַנען אין א ווינקל, ס'האָט זיך אים געדוכט, אז ער איז איבעריק, ער האָט פרובירט פארשווינדן פון צימער, רבקה מיט בערלען האָבן אים געכאפט פאר די הענט און מיט כוח פארשטעלט דעם וועג: „וואו גייסטו, נאָטע?" דאָ איז דיין היים, מיט אונדז וועסטו ווייטער זיין"...

רבקה האָט אים ארומגענומען, און א קוש געטאָן אין שטעכעדיקן פנים, וואָס האָט זיך פארוויטלט, מיט א טרער אין די אויגן ווי א טראָפן טוי אויף א מאָן־בלום...

לייבוש איז נישט געווען אין דער היים. אינזשעניער סורין האָט אים נישט באפרייט.

— „וואָס פאר א כענטימענטן", די ארבעט ברענט, ועט וועט אכ־טונג געבן אויף די וואסער־שעפן"? סורין שטייט איבערן קאָפ מיט דער צעפּאטלטער באָרד, די ווייסע הארבל פון העמד פארקאטשעט איבער די דאַריקע ברוינע הענט: — „פאָרויס קינדער, פאָרויס"!

„מערע איז אויפן דריטן טאָג צוריקגעפאָרן", האָט רבקה דערציילט בערלען, מיט א שמייכל האָט זי צוגעגעבן — „לייבוש שרייבט איר איצט אַלע טאָג, שרייבט ער"...

# שייך אבו כארב איז געווען אין שטאָט...

יענעם פאַרנאַכט אין פאָדערשטן גליל, האָט געשפּילט אַ סימפאָ־
ניע פון פאַרבן. אין דער לופט האָבן זיך געקוליעט פייגל. הייזעריקן
האָבן צווישן זיך געשמועסט, ווי דער רויש פון אַ יונגן בלעטער־וואַלד.
פון די בערג האָבן אַראָפּגעשפּאַצירט גרויסע טשערעדעס שאָף, צעשטעל־
טע אין שורות, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, פאָרויס איז געגאַנגען אַ שוואַר־
צער סילועט פון אַ פּאַסטוך מיט אַ לאַנגן שטעקן אויף די אַקסל, אויפן
שטעקן פון ביידע זייטן זיינען געלעגן איבערגעוואָרפן זיינע הענט. הינ־
טערן פּאַסטוך איז מיט גדולה פאָרגעגאַנגען אַ גרויסער באַראַן מיט אַ
קופּערנעם גלאָק אויפן האַלדז, מידע זיינען נאָכגעלאָפן די כלבים פון
די זייטן און אַריינגעטריבן אין די שורות אָפּגעשטאַנענע שעפּסן, צום
סוף פון דער סטאַדע האָבן זיך משוגע געמאַכט שוואַרץ־סאַמעטענע,
לאַנג־אויערדיקע יונגע ציגן — זיי זיינען געשפּרונגען איינע איבער דער
צווייטער, און מיט חוזק געמעקעט אויף די מידע הינט. די לופט האָט
געשמעקט מיט געסמאַליעטע דערנער און שעפּסענע מילך.

אין אַ טאָל צווישן הויכע בערג איז געשטאַנען אויסגעפּלעקלט אַ
בעדואינישער לאַגער. אין טונקל פון אָוונט האָבן זיך געשפּילט קינדער
אַרום דיביידלעך ,אויף דער ערד האָבן געגליט קוילן, איבער די קוילן
זיינען געזעסן שטאַרק איינגעהילטע פרויען מיט טאַטואירטע פּנימער,
זיי האָבן זיך געפּאָרעט אַרום קופּערנע קעסעלעך. שייטערס האָבן גע־
פלאַקערט, הינט האָבן געבילן, עס האָבן אַרומגעשפּאַצירט געפּענטענע
פערד. קאַמעלן זיינען געלעגן אויף די קניען, מעלה־גייערט און צוגעקלונ־
גען מיט גרויסע קופּערנע גלעקער. וואו נישט וואו האָט מען געזען גע־
זאַטלטע אייזלען, וואָס האָבן סתם אין דער וועלט געקוקט אין דער נאַכט
אַריין.

אויפן העכסטן פלאַץ אין דעם טאָל איז געשטאַנען אויסגעפּלעקלט די גרעסטע, די שענסטע און גראַמסטע בײַדל פון אַלע. אין בײַדל אויף אַן אָנשפּאַר־דראַנג האָט געשמילקעט אַ פּאַררויכערטער ווינט־לאָמפּ. די בײַדל איז געווען אויסגעשפּרייט מיט קאָלירטע ראַגאַזשעס און אויסגעלייגט מיט הארטע שמאָלע קישנס. ביי די ווענטלעך זײַנען געשטאַנען געשמידטע קופערטן, געפּוצט מיט מוטערפּערל און מעשענע טשוועקלעך. אויף די קופערטן זײַנען געלעגן הויך ביזן דאַך, לאַנגע קישנס און איינגעלייגטע דעקעס. אין מיטן דער בײַדל איז געשטאַנען אַ פּײַערקעסטל. ארום פּײַערקעסטל זײַנען געזסן פיר שטאַרק איינגעהילטע מענער, איינגעהילט ביז די אויגן. די קוילן האָבן געגליט, ווי זייערע אויגן. די מענער האָבן צווישן זיך גערעדט, זיי האָבן זיך צוגעהערט ווי דער שווארצער קנעכט פון זייער שייך, זיצט און קלאַפּט אויס וואונדערלעכע ניגונים מיט אַ שאַרפן מערזל און אַ געשגיצטער דעמבענער סטופּע; דער קנעכט האָט געשטויסן קאַווע, דער שאַרפער ריח פון די געברענטע קערנער האָט געקיצלט אין נאָז.

איינער פון די פיר מענער איז געווען דער שייך אַבו־כאַרב, אַ הויכער אַ שלאַנקער אין לאַנגע קליידער פון נאַכט־קאָליר. זײַן פּנים איז געווען ברוין, ארומגעראַמט מיט אַ פּעכיק־שווארצע געקרייזלטער באָרד, די וואָנצן פּאַרדרייט, שאַרף שפּיציק ווי דער סוף פון אַ דראַטווע, די אויגן האָבן געוואָרפן בליצן, דער שטערן האָט זיך געקנייטשט, מיט די פינגער האָט ער נערוועז געציילט קרעלן אויף אַ שנור, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ לאַנגן זײַדענעם פראַנדז. דער שטערן האָט זיך ביים שייך אַזוי שטאַרק געקנייטשט, אַז די שווערע עגולים אויפן קאָפּ־טוך האָבן זיך באַוועגט ארויף און אראָפּ. שווערע פאַראַנטוואָרטלעכע געדאַנקען, געמישטע מיט געוואַגטע פּלענער, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט רווחים, האָבן געריסן דעם שייך דעם מאַרך, עס איז ענג געווען אין שאַרבן, עס האָט געקלאַפּט אין די שלייפן, ער ווייס נישט, וואָס די שטאָטישע פריצים ווילן פון אים, פון זײַן רואיקן לעבן. דער שייך האָט באַטראַכט אין מאַרק אַ וואונדערלעכן אָגער מיט אַן איידעלן שניט פון גוף, שיינע קלוגע אויגן, מיט אַ זעלטן שיינעם קאָפּ, אויפן קאָפּ אַ ווייסער פלעק; די פיס שלאַנק, פון אונטער דער ריינער הויט האָבן זיך געפּעדימט דינע אָדערן, הארט ביי די קאָפּיטעס אויף די פיס זײַנען געווען ווייסע בענדלעך, אַך אַ פּערד! ער, דער שייך, האָט נאָך אין פּאַלעסטינע אַזאַ פערד נישט געזען! אין מיטן התפּעלות קריגט ער אַ קלאַפּ אין פּלייצע: אַ יאַ שייך, געבענטשט זאָלסטו זײַן! אַללאַ פון הימל און נביא מחמד זײַן שליח האָבן דיר דאָ אַליין געבראַכט, דו גרעסטער פון אַלע שייכן״! דאָס איז געווען אַ גרויסער אַדוואָקאַט, וואָס די וועלט קלינגט

מיט אים, ביכער האָט ער שוין געשריבן און שרייבט אין די גאַזעטן, יעדן טאָג שרייבט ער. — וואָס ווילט ער פון אים? דוכט זיך ער וויל גאָר־גישט: — „חתמע, שייך אבו־כארב, אַ פּאַפּירל, אַ משפּט, אַ גרויסן וועלן מיר מאַכן איבער די יאהוד, וואָס טריקענען דאָרטן, דיר אין שכנות, די זומפּן. זיי מאַכן דיר, שייך, חרוב די פּאַשע פּאַרן דזשאַמוס, צי ווייסטו גישט, שייך אבו־כארב, אַז די זומפּן האָבן געהערט צו דיינע העלדישע זיידעס און עלטער־זיידעס, ווי אַזוי, איר אַראַבישע קינדער, לאָזט איצט די יאהוד פאַרכאַפּן דעם זומפּ?

— וואָס פאַרכאַפּן, ווען פאַרכאַפּן, יאַ קאַסאַב עפענדי! — כאַ־וואַדזשאַ כאַנעק האָט אונדז באַצאָלט מער וויפל מיר האָבן געבעטן, אַ שאָף געשאָכטן, צוגעקלאַפּט, באַצאָלט, אָפּגעשריבן אין כאַלאַס יאַ סידי! האָט דער שייך געענטפערט.

— אַי שייך אבו־כארב! עס האָט דיר דער מוח אויסגערונען פון קאָפּ, און דער שד האָט דעם שיין פון דיינע אויגן פאַרטונקלט, האָסטו גוט געזען וואָס דאָרטן טוט זיך?

— געזען, געזען, זיכער, יאַ קאַסאַב עפענדי! מאַשינען האָבן זיי געבראַכט, און די מאַסקאָבעס שטייען אין זומפּ ווי מיינע דזשאַ־מאָסין אַמאָל כאַ־כאַ־כאַ־... — זיי שופּלעווען דעם זומפּ. געזונטערהייט. לאָזן זיי מאַכן וואָס זיי ווילן; פאַר זייער געלט האָבן זיי דעם זומפּ געקויפט, איך בין מאַפּסוט (צופרידן) מיין משפּחה איז מאַפּסוט, און אונדזערע מענטשן זיינען מאַפּסוט, אַלע האָבן געלט געקראָגן...

— ביסט משוגע שייך אבו־כארב! מאַפּסוט?!

— יאָ, יאָ סידי, מאַפּסוט, וועלן זיי נאָכהער אַ קאָמפּאַניע (קאָלאָ־ניע) בויען? — געזונטערהייט, אַללאַ זאָל זיי צוהילף קומען, וועלן מיר אונדזער גרינס און מילך פאַרשפּאַרן שלעפּן אין שטאָט, מיר וועלן אַלץ פאַרקויפן דאָ הי, די יאהוד זיינען נאָענט, און ס'וואָל פון שאָף וועלן זיי אויך קויפן, בחי תאַללאַ יאַ סידי! מיר זיינען מאַפּסוט, מיר האָבן נאָך גענוג זומפּן אין טאָל, און גראָז אויף די בערג...

דער שייך איז געשטאַנען ווי אויף געגליטע קוילן, פון דרך־ארץ וועגן האָט ער געשמועסט מיטן אַדוואָקאַט, בעת זיין לייב און לעבן האָט זיך עגריסן צום אָגער, וואָס האָט זיך דורכגעשמועסט מיט די אי־בעריקע פערד. דער אַדוואָקאַט האָט דערפילט דעם שייכס אומרו, ער האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזען דעם צאַפּלדיקן אָגער, דער אָגער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ אויסגעשטשירעט די געזונטע יונגע ציין, און גענישטערט אין דער לופט. אַ מחשבה האָט דעם אַדוואָקאַט, ווי אַ בליץ, דורכגעלאָפן אין מוח, ער איז צוגעגאַנגען צום פערד, אים אַ פּאַטש גע־טאָן אין שענקל, און אַנטציקט זיך אָפּגערופן: „אַי יאַ שייך! זע נאָר אַ

פערד, א בראַנד, אַ פייער, אַ אָדלער, קוק נאָר שייך אַבו־כּאַרב! ביים שייך האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן, ער האָט זיך אַזש פאַרכלינעט אין שבחים איבערן פערד, אין געדאַנק איז ער אויף אים געפלויגן אין די בערג, „אַי אַ פערד, אַי אַן אָגער יאַ קאַסאַב עפענדי"! די אויגן לעשן זיך גיך אויס, און די פאַנטאַזיע שטאַרבט, ס'ווערט אים פּוסט אין מוח, און אַ ווייטיק אין האַרצן, „עפּעס אַ קלייניקייט 65 פונט, פינף און זעכ־ציק פונט"!...

דער שייך האָט אַ־אָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און אומעטיק באַטראַכט אַן אָפּגעטראָגענעם שוך, ער האָט געדרייט מיטן פוס: „65 פונט"!

דער אַדוואָקאַט האָט אויסגענוצט די רגע, און האָט פריינטלעך אַרויפגעלייגט זיין האַנט דעם שייך אויף דער פּלייצע און געזאָגט:

— „הער שייך אַבו־כּאַרב! ביזט געקומען אין שטאָט, ביסטו מיין גאַסט, טו מיר דעם גרויסן כבוד, טו אָן דעם כבוד מיין גאַנצע משפחה, נעם צו פון מיר אַ קליינע מתנה, נעם דיר דעם אָגער שייך אַבו־כּאַרב".

דער שייך איז מבולבל געוואָרן, ער האָט זיך מעכאַניש געווערט, אָפּגעשלאָגן, „ער דאַנקט פאַרן כבוד, וואָס דער עפענדי קאַסאַב טוט מיט אים, ניין, ער קען נישט נעמען אַזעלכע טייערע מתנות"... ער האָט גע־רעדט, גערעדט, מען האָט געפילט, ווי אין דער רגע איז שוין דער אָגער, ביים שייך אונטערן זאָטל.

דער שייך האָט זיך קוים באַהערשט, ער וואָלט די רגע אַ שפּרונג געטאָן אויפן אָגער, ס'מאַכט נישט אויס — אָן אַ זאָטל, ער וואָלט פאַרשוואונדן עט ווייט מיטן ברעג פון ים אין ווייסן מדבר פון זאַמד.

דער שייך מיטן אַדוואָקאַט האָבן צוגעקלאַפּט די הענט, מען האָט זיך געבענטשט אָן אַ סוף, און איינער האָט דעם צווייטן געריזמט און אויסגערעכנט אַלע מעלות אין דער וועלט, דער אַדוואָקאַט האָט גיך דערליידיקט די קניה מיטן באַלעבאָס פון אָגער אַ טשערקעס פון "עבר הירדן, נאָכהער איז ער אַוועק מיטן שייך אין אַ קאַפע.

...זיי האָבן געזעסן און געטרונקען וואַסער מיט אַראַק, דער אַדוואָ־קאַט האָט דעם שייכם ג'לעזל נישט געלאָזן רוען נישט אויף אַ רגע, דער שייך, פול מיט פרייד, האָט געזופט און געגעסן, וויפל מען האָט דער־לאַנגט. נאָכן עסן האָט דער אַדוואָקאַט גענומען דעם וואַקלדיקן שייך אונטערן אָרעם, זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ טאַקסי, און אַוועקגע־פאָרן צום אַדוואָקאַט אין ביוראָ. אין ביוראָ זיינען געזעסן פריצים, און פיינע שטאָטישע מיוחסים, דער אַדוואָקאַט האָט פאָרגעשטעלט דעם „איי־דעלן און מוטיקן, דעם גרעסטן פון אַלע שייכן — שייך אַבו־כּאַרב, דער ראש פון שבט אַראַב על ראַמעל", מען האָט ווידער געטרונקען, נאָכהער גענדיקט מיט אַ שטאַרקע ביטערע קאַווע. דער משרת האָט געבראַכט טיי־

ערע נארגילעס, מיט שמעקעדיקן טאַמבאַק, דער שייך האָט אונטערגע־שריבן דעם פּאַפּיר, און שיכור פון שנאַפּס און גליק איבער דעם טייערן אָגער, וואָס ער האָט היינט באַקומען אַ מתנה, איז ער אוועקגעריטן אהיים אין טאָל, צווישן די בערג אין אונטערשן גליל.

אין תוך גענומען איז די גאַנצע געשיכטע דעם שייך געוואָרן פּריק־רע, „פוי א פאַרשאָלטענע באַגעגעניש געווען אין יענעם פּרייטיק". דער כבוד פון שבט, דער כבוד פון זיין שטאַם און יחוס שטייט איצט אין קאָן! — ער האָט געחתמעט אַ פּאַפּיר, אַז ער קלאָגט אָן די גאַנצע מכירה פון זומפּ צופוסנס דעם כרמל, ווען מען קלאָגט ער אָן? — דעם גוטן אַלטן פריינט. דעם כאַוואַדזשאַ כאַנעק, וואָס האָט אים נישט איינמאָל געהאָלפן און אויסגעלייזט פון טערקישע תפיסות, פון מיליטער, פון „פאַלקעס" און נאָך און נאָך, „פוי ווי פריקרע"! אָבער אַ וואָרט פון שייך, איז אַ וואָרט, ווער רעדט נאָך פון אַ חתימה? דער אַדוואָקאַט האָט געטענהט: „עט" — דו לייגסט גאָרנישט צו צום עסק, וועט מען געווי־נען קריגסטו מיט דיינע מענטשן 50 פּראָצענט פון ריווח, וועט מען פאַר־שפּילן, פאַרשפּיל איך, און דו שייך — נישט איין האָר פון קאָפּ! וואָס אַרט דיך? וואָס קלעמסטו זיך? ביזט אַן אישה אָדער אַ מאַנסביל"?

דער אַדוואָקאַט האָט אים געגעבן אַ קלוגע עצה: — דו, שייך אבו כארב, קענסט בכלל בלייבן אויסער דער גאַנצער שפּיל, לאָז עס איבער מיר מיט דיינע ידידים, זאָג מיר נאָר זייערע נעמען, עס וועט שוין אַלץ רעכט ווערן, דיינע ידידים וועלן אויך צום עסק נישט דערלייגן, זיי דאַרפן נאָר טענהן, אַז דו האָסט נישט געהאַט קיין רעכט צו פאַרקויפן דעם זומפּ, דער זומפּ געהערט צום גאַנצן שבט, וואָס ציילט איבער 100 בתי אָב, דו האָסט נאָר רעכט צו פאַרקויפן דיין חלק, וואָס מאַכט אויס ווייניקער ווי אַ הונדערט, דאַרפן זיי טענהן, דאַרפן זיי, מאַזבוט (ריכטיק) יאַ שייך"?

דאָס ערגסטע אינעם ענין, וואָס אַפּעלירן סתם קעגן דער מכירה, קען מען נישט, מען מוז „עפּעס" געפינען אַ סיבה, מען מוז „עפּעס" טאָן, און „עפּעס" אָנהייבן, כדי די פּאָליציי זאָל קומען אָפּשטעלן די אַרבעט, מיט דער פּאָליציי וועט מען שוין דערליידיקן, די פּאָליציי קען נישט קומען סתם, ובכן דאַרף מען זען אַרום זומפּ זאָל ווערן אומרו־איק, אויפגערעגט, אַ שטיקל געשלעג.

— „פאַרשטיי, שייך אבו כארב, אַז דיינע מענטשן וועלן זיין אומ־רואיק און טענהן, אַז מען טריקנט ז יי ע ר באָדן, וועט די פּאָליציי מוזן באַרואיקן ביידע צדדים, נישט זי וועט פּסקענען ווער ס'איז גע־רעכט, אלא דער משפּט, אַ בית־דין, דערווייל וועט די פּאָליציי אָפּשטעלן די אַרבעט. ביזן משפּט קען אַוועקגיין חדשים און יאָרן, און די יהוד וועלן בשום אופן נישט וועלן אָפּשטעלן די אַרבעט".

— „נו", טראַכט אויפן קול קאַסאַב עפּענדי דער אַדוואָקאַט, „די

יהוד זיינען קורח רייך, מיט זייער געלט קויפן זיי די באַדנס מיט די אַראַ־בער צוזאַמען, זיי וועלן דערשמעקן אַז דער סכסוך גייט אין משפט, וועלן זיי זוכן אַ בוררות, זיי וועלן קומען צו מיר, וועלן זיי, און ס׳וועט זיי זיכער לוינען מיר פאַרלייגן אַ סומע געלט, איידער וואַרטן יאָרן אויף אַ פּסק דין. עט, מען וועט שוין צום עסק נישט דערלייגן".

די לבנה האָט אַרויסגעקוקט פון איבער די בערג אַרויס, אַ רונדע, אַ גרויסע, אַ קאַלטע מיט אַ גזלניש פּנים. שאַקאַלן האָבן זיך צעוויינט, און אַן אייזל, אַ זכר, האָט זיין געשטילטע תאווה פּרובירט פאַרשרייען מיט באַנומענע קולות, עס האָבן אים באַלד געענטפערט די אייזלען פון דער נאַכט פאַשע, אַ סאַווע האָט זיך מטורף צולאַכט, און דער ווידערקויל פון די בערג, האָט די געשרייען איבערגעקרימט און געקייקלט פון טאָל צו טאָל אַרום. אין דער לופט איז געהאַנגען אַ שווערער טוי מיט ריחות פון קאַווע און געבראַטענעם צלי פון שאָפן־פליש.

די פיר מענער אין שייך אבו כארבסביידל האָבן זיך ביסלעכווייז צערעדט אין דער שטיל, צוזופנדיק בקול די ביטערע שמעקעדיקע קאַווע. דער שייך האָט אַ וואונק געטאָן צום קנעכט איז ער צוגעלאָפן צום פייער קעסטל פאַררוכטן די גליאיקע קוילן אַרום די קופּערנע קריגלעך, דער שייך האָט איב עפּעס אַ מורמל געטאָן אויפן אויער — איז ער פאַרשוואונדן צווישן די פלאַכטעס פון געצעלט. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך ווי שאָטנס אַריינגעשלייכט נייע מענטשן איינגעהילטע אין טונקעלע פייכטע אַבייעס, די קאָפּ־טיכער אַריבערגעוואָרפן הויך איבער די נעזער, נאָר צום זען שפּיציק גליאיקע אויגן ווי די קוילן אין פייער־קעסטל. די מענטשן האָבן פאַרלייגט די הענט צו די ברוסטן, באַרירט די שטערנס, זיך פאַרנויגט מיט דערפורכט, זיך נאָכהער אויסגעזעצט אינעם קרייז אַרום פייער און אָנ־געשלאָסן אינעם שטילן שמועס. מען האָט גערעדט ביז דער שייך האָט זיך אויפגעהויבן מיטן קאָפּ אָנצושפּאַרן די אייבערשטע יריעה פון גע־צעלט, עס האָבן זיך אַלע אַ רים געטאָן אויף די פיס און אויסגעשטעלט ווי ציפּרעסן אַרום אים, מען האָט זיך געזעגנט, געקושט דעם שייך די שפּיץ פינגער, געדריקט הענט צו ברוסט און שטערן און איינציקווייז אַרויסגערוקט זיך אין נאַכטיקן פייכטן דרויסן.

דערווייַלע האָט דער קנעכט אָנגעזאַטלט דעם טאַנצנדיקן אָגער, איינער פון די בנים האָט דערלאַנגט דעם פאָטער, דעם שייך, אַ קאַנאַ־דישן קאַראַבינער, בעת אַ צווייטער האָט אים געהאָלפן אָנגורטן אַ פּאַר־טופּיי און פאַרוואָרפן אַלכסונדיק איבער דער ברוסט אַ טאַשמע קוילן, דער שייך האָט נאָך אָנגעגורט אַ קרומע שווערד אין אַ באַזילבערטער שייד, אַרויפגעשפּרונגען אויפן טאַנצנדיקן אָגער, און איז ווי אַן אָדלער אוועקגעפלויגן אין אַ גאַלאָפּ אין דער ריכטונג פון מיטלנאַכטיקן ווינט אין די בערג פון גליל. נאָך אים זיינען נישט געוואָרן די מענטשן, דער קנעכט האָט דערשטיקט די גליאיקע קוילן אינעם פייער־קעסטל, און דער לאַגער איז פאַרזונקען אין טונקל פון דער נאַכט.

# אַן אַנפֿאַל אין פֿעלד

די אַרבעט אין זומפּ צופֿוסנס דעם כרמל איז געווען אין פֿולן ברען. ריזיקע שטיקער באָדן, נאָר וואָס געבאָרענע, האָבן אַרויסגעקוקט פֿון זומפּ, זייער נאַקעטע פֿעטקייט האָט זיך געוואַרעמט אויפֿן זון, באָדן וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט פֿאַרזוכט די פֿרייד פֿון באַפֿרוכפּערונג, די פֿרייד פֿון שוואַנגערן און צייטיקן פֿרוכט. דער באָדן איז געלעגן צעשניטן אין חלקים, דורכגעפֿלאָכטן מיט גראָבנס, צעשניטן אין קאַנאַלן וואָס האָבן זיך באַהעפֿט מיט אַ גרויסן מוטער־גראָבן, ווייסע פֿלעקלעך האָבן געסימנט, וועגן, גערטנער, וועלדער און זריעה־פֿלעצער, פֿון ווייטן האָבן געטוקעט מאָטאָרן, מאַשינען האָבן געטריבן דאָס וואַסער פֿון איין אָרט אין צווייטן. דער אינזשעניער סורין האָט מער נישט געדאַרפֿט לויפֿן פֿון איין אָרט צום צווייטן מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל ביז די עלנבויגנס, ביז די קני אין וואַסער. זיין באָרד האָט זיך איצט רואיק געקרייזלט, די אויגן האָבן ליכטיק געגלאַנצט. סורין איז געזעסן אויף אַ בענקל געמאַכט פֿון זיין פֿעלדשטעקן און געצייכנט אין אַ מאַפּע, געענדיקט מיט דער מאַפּע, לייגט ער צונויף דעם בענקל, און גייט קנעטן מיט הנאה די פֿעטע גרודעס פֿון געוואונענעם באָדן. די הויפּט־אַרבעט איז פֿאַרטיק, באַוויזן לויטן פּלאַן, ריכטיק צו דער צייט. „איצט", זאָגט אינזשעניער סורין, „וועט מען צופּוצן, צו דעקאָרירן, עס וועלן קומען פֿיר טראַקטאָרן, זיי וועלן „דורכפֿידלען" דעם שטח, איבעראַיאָר וועלן דאָ זינגען שניטער, איבער צוויי יאָר, וועט מען דאָ קענען בויען אַ קינדער־הויז...

איבער די גרודעס האָט זיך באַוויזן אַ מיטלוואָוקסיקער ייד, ערגעץ פֿון רומעניע איז ער געקומען, אַן אידייע האָט ער געבראַכט; „ער וועט דאָ פֿלאַנצן מאַראַנצן און באַנאַנעס, ער וועט אויסבויען דאָ אויפֿן געוועזענעם זומפּ אַ ווירטשאַפֿט — אַ מוסטער, ער וויל זיין דער ערשטער... די מאַליאַריע איז פֿאַרטריבן, מען קאָן זיך בויען". ער טראָגט זיך לעת עתה אַרום מיט אַ טשעמאָדאַן, אין טשעמאָדאַן קלייבט ער סלאָיקעס ערד,

ער פירט זי אין שטאָט אונטערזוכן, ער גראָבט גריבער און מעסט די טיף פון וואַסער, ער שמועסט מיט אַרבעטער פון די זומפּן, „זיכער וועל איך דאַרפן אָנהייב מאַי מער ווי 30 מאַן". „מיר וועלן פלאַנצן, איר וועט זען חברה, מיר וועלן פ ל אַ נ צ ן, זאָג איך אייך"!

אין איין טאָג זיינען געקומען צופאָרן פינף גרויסע וועגענער, פול געלאָדן מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע מכשירים, מיט ביידלעך און מיט פּראָוויאַנט, צוזאַמען מיט די באַלעגאָלעס זיינען אויף די וועגענער געזעסן עטלעכע מיידלעך, ברוין פון זון און ווינט איבערגעדעקט מיט שטרויענע היט און שיקסישע מיכלעך. בחורים זיינען געגאַנגען צופוס און געהאָלפן, אַלע ווײַלע די כוואַליאיזלען אַרויסציען די וועגענער פון צווישן די גרודעס ניי־ערד. לאַנגזאַם האָבן די וועגענער קרעכצנדיק זיך געשלעפּט פּאָראויס, די חברה האָבן געטאַפּעט מיט זייערע שווערע שיך אין ניי־געשניטענעם וועג. מען איז שטיין געבליבן אויף אַ בערגל. די בחורים האָבן אויסגעשפּאַנט די בהמות, צעשטעלט הילצערנע קאַריטעס, און עטלעכע מאָן האָבן געטראָגן וואַסער פון אַ גראָבן, די בהמות האָבן לאַנגזאַם מיט גרויס הנאה דורך פאַרמאַכטע ציינער געצויגן די קאַלטע וואַסער, און מיט די ווײַדלען פאַרטריבן נודנע פליגן. איינער אַ בחור האָט צוגעגרייט זעקלעך מיט פּאַשע, אַנדערע האָבן אָפּגעלאָדן די וועגענער, די מיידלעך האָבן געבראַכט גרויסע שטיינער, אויסגעגראָבן אַ גריבל, צעבלאָזן אַ פייער, און צוגעשטעלט קאָכן אַ קאַן מיט וואַסער, נאָכדעם זיינען אַלע געזעסן אויף דער ערד, און מיט אַפּעטיט געזופּט דאָס עסן פון בלעכענע טעלערס, מיט איין האַנט געגעסן, מיט דער צווייטער געטריבן די פליגן, אָדער געצופּט פון לאַבן היימישן ברויט. נאָכן עסן האָט מען פאַררויכערט, זיך אָפּגערוט, געהאָלפן די מיידלעך ריין מאַכן די כלים, און גענומען אויסשלאָגן ביידלעך. פאַרנאַכט זיינען אויפן בערגל געשטאַנען די ביידלעך פּאַרטיק אין צוויי שורות, אין מיטן אויף אַ איינגעגראָבענעם האָלץ איז געהאַנגען אַ שטיק רעלס — אַ גלאָק, די וועגענער מיט פאַרוואָרפענע דייקסלען צום הימל, צעשטעלט אין אַ שורה, ביים מיטלסטן וואָגן זיינען געשטאַנען די בהמות און פויל געמעלהגרעט. די מענטשן זיינען געלעגן אויף די בעטלעך, גערויכערט, געשמועסט, זיך אָפּגערוט פון שווערן הייסן טאָג, חוץ איינעם, דעם שומר, וועלכער האָט אַרומגעשפּאַצירט אַרום דעם לאַגער, מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס, מען מוז דאָ זיין אויפמערקזאַם מיט בהמות, ס'זיינען נאָענט די בערג... די מענטשן זיינען געקומען דאָ אויפן ניי־ערד פון ווייט, פון עטלעכע קבוצות צוזאַמען, פון טאָל יזרעאל. זיי זיינען געקומען „אָפּראַטווען" אַ שפּאָר סטויגן היי ביי די זייטן פון קישון, זיי וועלן אַרויסגיין מיט פינף פּאָר בהמות אַקערן אַ גרעסערן שטח, וואָס די אַרבעטער פון זומפּ האָבן געענדיקט „פּוצן", אין האַרבסט וועט מען איבעראַקערן, און פאַרזייען גערשטן מיט טורמוס.

די וואַסער־שעפּן האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט, זיי האָבן געטריבן

דאָס וואַסער פון די קאַנאַלן צום גרויסן מוטער־גראָבן, לייבוש איז געוואָרן אַ גרויסער בקי אין די מאַשינען, ער האָט געקענט יעדער שרייפל, יעדער פעדער, ווי אַמאָל אין די אינגעווייד פון די לאָקאָמאָטיוון, וואָס ער פלעגט פוצן. לייבוש האָט געפילט בחוש ווען די מאַשינען פיבערן, ווען זיי כרעכצן, ווען זיי הוסטן; פון אומגעדולד דורשטיק נאָך אייל — ער איז אַרומגעגאַנגען אַרום דעם מאָטאָר מיט די פוץ־וואָל און אייל־קאַן ווי דער אַלטער אברהם מאַשיניסט, אַרום די גרויסע דאַמפּער אין דער פאַבריק וואו בערל האָט געאַרבעט.

די לעצטע דריי טעג, וואָס מרעע איז געווען ביי בערלען אין דער צייט פון אַרעסט, האָט לייבוש איר נישט געזוכט אויסצומיידן ווי פריער, להיפוך, אין די אָוונטן האָט רבקה געפונען כלעריי תירוצים איבערצולאָזן לייבושן מיט מרען אַליין, זיי פלעגן נישט בלייבן אין שטוב, נאָר גיין שפּאַצירן לייענגוים דעם נייעם כביש, פון שטוב אַרוים גייען ביידע מיט אַ שטיקל אָפּשטאַנד, איינער פון צווייטן, נאָכהער נעמט מרעע לייבושן אונטערן אָרעם, לייבוש פילט איר האַנט — זי ציטערט, לייבוש ווייס, אַז מרעע איז זיך איצט גובר, זייער שמועס קלעפּט זיך נישט, דעם לעצטן אָוונט פאַר מרעס אָפּפאָר האָבן זיך ביידע געטוליעט איינער צום צווייטן, מרעע האָט אים געפרעגט: „הלמאי זאָל לייבוש נישט גיין אין קבוצה? — מען ברענגט איצט נאָך אַ טראַקטאָר, לייבוש וואָלט געקאָנט ווערן אַ טראַקטאָריסט”. שטיל האָט זי געשעפּטשעט: „ס'וואָלט אַזוי גוט געווען לייבושקע”, און איר קאָפּ איז געפאַלן אויף זיין ברוסט, זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ בערגל שאָטער און געקלערט בקול, די הענט האָבן זיך געפלאָכטן, לייבוש האָט דערפילט מרעס שמעקעדיקע האָר, עס האָט אַ ביסל געשווינדלט אין קאָפּ, און דאָס האַרץ האָט גיך געקלאַפּט, עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם ביז אַ לאַנגער אָנסופיקער קוש האָטביידן צו־נויפגעגאָסן אין איין גוף: איין האַרץ האָט בייביידן געקלאַפּט, און זיך געריסן אין דרויסן אויף דער פריי, לאַנג זיינען ביידע געזעסן אויפן בערגל, ביזן סוף פון דריטן משמר, זיי האָבן זיך נישט געקאָנט שיידן, לייבוש האָט געזען פאַר: שיין פון די שטערן מרעס פייכטע גליקלעכע אויגן, מרעס צעפלאַמטן פּנים, ס'איז אים גוט געווען, זייער גוט...

לייבוש איז געווען פאַרנומען מיט געדאַנקען וועגן גיין אין קבוצה, וואָס? גיין? און די עלטערן וועלן קומען צי וועט זיי בערל קענען אויס־האַלטן? — מרעע האָט געזאָגט, אַז זיי ביידע קענען דאָך איינלאַדן די עלטערן אין קבוצה, צי פּאַסט עס גאָר תיכף ווי מען גייט אַריין אין קבוצה אַראָפּברענגען עלטערן, איז וואָס? צי וועט מען גאָר בכלל לייבושן אָננע־מען אין קבוצה? צי וועט ער זיך קענען צופּאַסן צום נייעם אָרט לעבן?...
לייבוש איז געזעסן ביי די מאַשינען אויף אַ נאַפּט־פאַס און די מחשבות האָבן געשפּאַצירט אין זיין מוח, דער פּראָבלעם האָט גענאָגט און גע־זוכט אַ תשובה, אָבער ווי נאָר לייבוש דערמאָנט זיך מרעס געזאָנג,

מיט אירע פייכטע גליקלעכע אויגן, פארשווינדן די דאגות — „מען וועט זען", און א שטים שעפטשעט אים אין בלוט: „לייבוש — לייבושקע מײ־נער, מיר וועלן זיין ביידע, יאָ לייבושקע! שטענדיק צוזאמען"...

עפּעס איז געשען אין פעלד, לייבוש הערט געשרייען, ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף א נאפּט־פּעסל און געקוקט ארום אין פעלד, די שומרים פייפן און מען שרייט ווידער, אז מען פייפט מוז לייבוש אויך לאָזן פייפן זיין מאשין, ס'איז א סימן סכנה, די ארבעטער ליגן ווייט צעשפרייט אין פעלד, אפשר אן אומגליק? אפשר אן אָנפאַל פון די בערג? לייבוש לאָזט פייפן די מאשין, ער האָט זיך צוריקגעשטעלט אויפן פעסל און געזען פון ווייטן ווי דער גרויסער „קלעטראַק" טראָגט זיך ארויף און אראָפּ איבער די גרודעס, אונטער אים שלעפּן זיך נאָך דריי קלענערע טראַקטאָרן, די פּילמעסערדיקע אקראַייזנס בליצן אויפן זון, מענטשןקליפּן פון אַלע זייטן, און אויסטערליש: ווי שדים פליען ארום שווארצע רייטער אויף פערד. עס זיינען פארבייגעלאָפן פארביי די וואַ־סער־שעפן, די בחורים פון די ביידלעך מיט לאָפּאטעס, קאָסעס און היי־גאָפּלען אין די הענט, מיט זיי זיינען מיטגעלאָפן צוויי מיידלעך, ביי איינער פון זיי א יאגד־ביקס אויף איבערוואַג: — „צי ווייסטו נישט חבר, וואָס איז דאָרטן די בהלה"? — ניין, האָט לייבוש געענטפערט, „כ'האָב געפייפט, אזוי פירן מיר זיך, זיכער איז עפּעס געשען, מיר פייפן אז די חברים פון די ווייטע פעלדער זאָלן זיך צונויפקומען — ס'איז א סימן סכנה". לייבוש האָט אַפּגעשטעלט די מאשינען און מיטגעלאָפן מיט די חברה. „חבר נעם עפּעס אין דער האַנט", — האָט מען אים אויפמערק־זאם געמאַכט...

אין פעלד, דאָרטן וואו די טראַקטאָרן האָבן נעאַקערט, זיינען גע־לעגן צעלייגט אויף דער ערד, אונטער די סאמע אקראַייזנס, א פּאָר צענדליק בעדואישע פרויען מיט קליינע וויינענדיקע קינדער, אנדערע פרויען האָבן זיך ארויפגעכאפּט אויף די מאשינען און מיט די נעגל זיך געוואָרפן צו די טראַקטאָריסטן. זיי האָבן געשריען מיט ווילדע קולות — „ניין, זיי וועלן נישט לאָזן אַקערן, דאָס איז אונדזער, אראבישער באָדן, פון אבות אבותינו, כיבע איר וועט איבער אונדזערע גופים אריבערגיין, די קינדער וועלן מיר אין די מאַגאַזינען וואַרפן"...

די מענטשן זיינען געשטאַנען צעטומלט און נישט געוואוסט וואָס מען טוט עס זיינען דערוויילע אָנגעלאָפן בעדואישע רייטער, ביי אַנדע־רע האָבן אַרויסגעקוקט שווערדן און ביקסן פון אונטער די אבאַייעס, די רייטער האָבן אַרומגערינגלט דעם עולם אין א קרייז און שטום געקוקט מיט חיהשע אויגן. פון אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן אַרבעטער מיט לאָ־פּאַטעס, קירקעס און שטעקנס.

# אַ יידישע פּאָליציאַנט

גאָר שפּעט, ווען די זון האָט זיך גערוקט טיף אין מערב און צע־פלאַמט דעם האָריזאָנט אין גליאיקן פייער, זיינען געקומען צערייטן אַ צענדליק פּאָליציאַנטן, אין שפּיץ מיט אַ יידישן אָפיציר. נאָך זיי זיינען געקומען מענטשן פון שטאָט צו הילף. ס'איז געקומען דער פּקיד פון דער נאַציאָנאַלער חברה, באַגלייט מיט רעפּאָרטערן פון די טעגלעכע צייטונ־גען. דער אָפיציר איז לאַנגזאַם אַראָפּ פון פערד, צו אים איז גלייך צו־געגאַנגען אַ פּאָליציאַנט מיט אַ סטויג פּאַפּירן, ער האָט זיך אויסגע־גלייכט, אויסגעצויגן אין אַ סאַליוט: — אַ טופּע מיט אַ פּוס און אַ האַס־טיקן שליידער אַ האַנט צום שטערן, נאָכהער איז ער געבליבן שטיין שטייף ווי אַ האָלץ.

שעהן־לאַנג האָט געדויערט ביז דער פּאָליציי־שעף האָט אויפגענו־מען די מענטשן פון פעלד צוזאַמען מיטן פּקיד פון דער נאַציאָנאַלער חברה, דער טעלעפאָן האָט געקלונגען, באַאַמטע זיינען געלאָפן הין און צוריק פון קאַבינעט. די מענטשן פון פעלד זיינען געוואָרן אויסער זיך, אומגעדולדיק, זיי האָבן געטומלט און געשריען: „דאָרטן איז אַן אָנפאַל, ווער ווייס, אפשר גיסט זיך בלוט, און דאָ זיצט מען ווי שטיקער אייז. וואָס איז? צי איז אונדזער לעבן הפקר? דער פּקיד האָט זיך געשלאָגן פון קאָרידאָר צו קאָרידאָר, ער האָט געשוויצט, די מענטשן פון פעלד האָבן אים נישט צורו געלאָזן: „וואָס שווייגט איר, אדוני"? — „אָט באַלד, אָט שוין חברים, מיין האַרץ בלוטיקט, ווי אייערע פאַר די אַרבעטער אין פעלד, גיצדולד, נאָך אַ רגע, מיט סקאַנדאַלן וועלן מיר ערגער מאַכן"!...

דער אָפיציר, אַ זון פון אַן אַלטן יידישן קאָלאָניסט, וואָס האָט באַקומען דעם באַפעל אַרויסצוציִיין אין פעלד מיט די פּאָליציאַנטן, האָט זיך געפילט זייער שלעכט, עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער שטייט אין אַ אָנגעצייכנטן קרייז אויף אַ פּינטל. אַרום פּינטל שטייען ריזן מיט גרויסע שווערע האַמערס איר די הענט, די ריזן צילן מיט די האַמערס

אים אין קאָפּ. דער אָפיציר האָט געציטערט אַ באַוועג צו טאָן מיטן מינ־דעסטן גליד, טאָמער פאַלט אים אַ האַמער אין קאָפּ: „דער צופאַל איז זייער אַן איידעלער", האָט ער געקלערט: „אַרעסטירן די בעדואינער פאַר אַנפאַלן"? שטעלט זיך אים פאָר זיין אַראַבישער עלטסטער, דער אַראַ־בישער עלטסטער שווייגט, ער באַגייט זיך מיט אים זייער פיין, מען קען זאָגן אומפּאַרטייאיש, אָבער איצט, ווען ער שטייט פאַרן קריגן נאָך אַ שטערנדל מיט אַ הוספה אויפן געהאַלט, ווי וועט דער אַרעסט ווירקן אויפן אַראַבישן עלטסטן? — אַרעסטירן אַראַבער פאַר ערד־ענינים מיט יידן?... אָפּלאָזן די בעדואינער, באַפרייען זיי, קען מען נישט, זיי זיינען דאָך באַפאַלן די יידן, מיט וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער אין אָוונט קומען אין קלוב פון „מכבי" צו זיינע חברים? וואָס וועלן זאָגן אָט די אויגן, וואָס ער באָדט זיך אין זייער ליכט? — „דו, ברוך, ביסט אַ נידעריקער מענטש, אַ קליינלעכער קאַריעריסט, אַ חונף, דו ציטערסט צו אַרעסטירן די פּראַים, וואָס זיינען באַפאַלן יידן אין פעלד"? פוי, ברוך! איין אויס־וועג איז דאָ: אַרעסטירן די בעדואינער צוזאַמען מיט עטלעכע יידן, דאָס איז אומפּאַרטייאיש, אַלע אין דער פּאָליציי וועלן זיך קענען איבערצייגן אין זיין אָביעקטיווער אַרבעט, אַפילו דער פּאָליציי־שעף. אָבער ווי אַזוי? — צוויי בעדואינער האָט מען געכאַפּט אויפן פּלאַץ פון פאַרברעכן, פאַר די אויגן פון צענדליקער עדות, פאַראַנען פאַקטן, אייזערנע פאַקטן, אויף דעם וועט אַפילו דער גערייכט־אויספאָרשער גאַרנישט זאָגן חוץ „ריינע אַרבעט — אָן פּגימות", — וועמען מען נעמט פון די יידישע בחורים, ווען זיי זיינען קיינעם נישט באַפאַלן, קיינער קלאָגט זיי נישט אָן, העכסטנס האָבן זיי דאָך מער נישט ווי זיך פאַרטיידיקט, וואָס איז כולו געזעצלעך?

די ריזן מיט די גרויסע שווערע האַמערס אין קרייז דריקן ענגער צו־נויף אַרום דעם פינטל, וואו דער אָפיציר שטייט, די האַמערס רירן זיך גזלניש ר'איק צו זיין קאָפּ, ער זיצט אויף אַ קעסטל, מיט האַלב פאַר־מאַכטע אויגן און פאַרעט זיך מעלאַנכאָליש אין סטויג פּאַפּירן, — „אַ מיאוסער פּלאָנטער"!

דער פּקיד האָט ווי געליינט פון אָפיצירס פּנים די שווערע פאַר־לעגנהייט, ער האָט זיך געווענדט פריינטלעך צום אָפיציר: „אדוני הקצין! לאָמיר קודם כל אייך וויזן אונדזערע אַלע פּאַפּירן, — אָט זיינען די קו־שאַנען, — אָט זיינען די מאַפּעס וואָס באַווייזן, אַז דאָס איז ניי־ערד, ניי־ערד, אדוני הקצין, — די מאַפּעס זיינען דורך דער רעגירונג באַשטע־טיקט! און אָט זעט, אדוני, אַ פּראָטאָקאָל מיט חתימות פון אַלע פריער־דיקע אינהאָבער פון זומפּ, — זעט, אדוני הקצין, חתימות מיט פּאָטאָ־גראַפיעס ביי יעדער חתימה: „מיר אונטערצייכנטע האָבן באַקומען אַזוי פיל און אַזוי פיל פונטן פאַרן זומפּ, וואָס איז באַסימענט אויף דער באַ־

גלייטער, דורך דער רעגירונג באשטימטער מאפע... מיט אונדזערע אייגנ־העניטיקע חתימות, און דערביי אייגנהענטיק געחתמעטע בילדער, וואס זיינען לראיה צוגעקלעפט צום פראטאקאל, — באשטעטיקן מיר, אז מהיום והלאה האבן מיר מער נישט קיין שום טענות ומענות, קיין שום פאדערונגען און פרעטענזיעס אויפן אויבנדערמאנטן זומפ, מהיום והלאה גייט דער זומפ אריבער אין פולן רשות צום כאוואדזשא כאנעק, וואס איז צו אונדז געקומען אין נאמען פון דער חברה".

אייגנהענטיק געחתמט:ע

1) „אבו כארב שייך, על אראב על ראמעל"

2) נאים אוואפי — מוכטאר

3) 40 חתימות, אדער ביי־עדות גענומענע פינגער־דרוקן פון ראשי משפחות פון שבט „אראב על ראמעל".

צו דעם פראטאקאל איז צוגעגעבן:

„אלע אייגנהענטיקע אדער געפינגערטע חתימות אויף דעם דאזיקן דאקומענט זיינען „ביי מיין אנוועזנהייט אראפגענומען געווארן, באשטעטיקט, באצאלט, און דערליידיקט אלע „פארמאליטעטן, אין טאג פון 22טן תמוז... ...1912 אין מלוכה־געביידע פון דער שטאט...

„ביורא פון לאנד־דעפארטאמענט ביי דער רעגירונג פון פאלעסטי־נע (ארץ־ישראל).

„אפטיילונג פאר קניות, מכירות און היפאטעקן".

געחתמעט: לייטער פון אמט.

דער פקיד האט געשאטן מיט דאקומענטן און פאפירן, פון וועלכע עם האט אראפגעקוקט דער גרויסער קעניגלעכער הערב, דער אפיציר האט נאר געזען דעם הערב, ער האט איצט צום ערשטן מאל אין זיין לעבן געניי באטראכט דינעם מלכותדיקן סימן, און צום ערשטן מאל אין לעבן האט ער אראפגעלייענט, דעם דעוויז, ווי משונהדיק! — א פראנ־צויזישער דעוויז און בריטישן מלוכה־הערב, אין פראנצויזיש געשריבן... עס האט זיך אים אויסגעדוכט, אז די לייבן פון קעניגלעכן הערב מאכן אויף זייערע קליינע אויגעלעך, איין לייב שטעקט אים ארויס א צונג, דער צווייטער שטרעקט אויס א לאפע מיט שפיציקע נעגל און גיט אים, דעם אפיציר, א קראץ אין דער נשמה...

מיטאמאל בוך־בוך, א שווערער האמער איז אים אראפעפאלן אין קאפ... דער אפיציר איז אינגאנצן צעמישט געווארן, די פאפירן זיינען אים ארויסגעפאלן פון האנט, ער איז מיט רוגזה אויפגעשפרונגען און געווילדעוועט אויפן פקיד: „שווייג, שתוק! ווער פרעגט דיר? וואס פלאפלסטו מיט דיינע פאפירן? וואס ווילסטו פון מיר? וואס בין איך, דיין שופט? — אין גריכט וועסטו פלאפלען וויפל דו ווילסט, שווייג"!

און ווידער איז אים שווער געפאלן א האמער אין קאפ, איז ער אינגאנצן ארוים פון די כלים, ביז צום פארלירן די מעגלעכקייט רואיק

און לאַניש באַדענקען זיין שווערן מצב און דער געגעבענער סיטואַציע. ס'איז אַ־ם אַלץ מבולבל געוואָרן אין מוח, ער האָט אַלעמען געלאָזט שטיין צעטומלט, און איז אַוועקגעלאָפן אין פעלד צו די טראַקטאָרן וואו ס'האָבן זיך געקהלט די אויפגערעגטע צדדים; ביי דער שמירה־ביידל אין פעלד האָט דער אַפּיציר געפונען זיצן אויף נאַפט־בלעכן עטלעכע באַנדאַזשירטע בחורים, די בחורים האָבן געזופט טיי פון בלעכענע טעלער...

„אַזוי גאָר" האָט דער אַפּיציר געברומט, „אַזוי גאָר"! ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן פּיצל מטושטע מחשבה וואָס האָט אים אויפגעבלינצלט אין צעטומלטן קאָפּ, ער האָט זיך צערשריען און גענומען טופען מיט די פיס, נאָכהער האָט ער אַרויסגעכאַפּט זיין פייפל און גענומען פייפן, וואָס איז געווען אַ פּאָליציייאיש אָפּגעמאַכטער סיגנאַל, עס זיינען באַלד געקומען צולויפן פּאָליציאַנטן, און בחפזנדיק גענומען אויספאָרשן, אויספרעגן די פאַר־וואונדעטע און צוטויפשטעלן פּראָטאָקאָלן. אָט האָט ער כאָטש עטלעכע „פאַקטן"!

„פאַקטן" ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל — — — „בוך, בוך" האָבן זיך מיטאמאָל אַראָפּגעלאָזן אַלע האַמערס איבער זיין צעטומלטן קאָפּ, די האַמערס זיינען געפאַלן, און צוריקגעשפּרונגען אין דער לופטן און ווידער געפאַלן אָן חשבון, אָן ריטם, עס האָבן זיך די קלעפּ געשאָטן ווי שווערער האָגל ביזן פאַרלירן די גאַנצע שליטה איבער זיך, איבערן שכל. ער האָט זיך ווילד צעשריען. דאָס מאָל, אויף די פּאָליציאַנטן.

— „וואָס שטייט איר? וואָס קוקט איר ווי גולמים. יאַללאַ, צונויפ־נעמען אַלעמען, אַלעמען! און מאַרש אין שטאָט"! „איר האָט דאָ גע־מאַכטע אַ וואַקכאַנאַליע, מיינע הערן, איר האָט געשטערט די עפנטלעכע רו מיינע הערן, מען וועט אייך דערפאַר משפּטן, ס'איז נישט הפקר, מאַררש אין שטאָט"...!

פונדערווייטן אין צווייטן עק פעלד וואו אַלץ איז שוין לאַנג געווען רואיק, האָט מען געזען אויפפלאַקערן שייטערס, וואָס די פאַרשטאַרקטע שמירה האָט צעצונדן אַרום די טראַקטאָרן און וואַסער־פּאָמפּעס. אָוונט איז צוגעפאַלן, זשאַבעס האָבן געקוואַקעט מעריב פאַר די ערשטע שטערן, ס'האָבן זיך געטראָגן שמילע היימישע ניגונים פון די שומרים אַרום די פייערן, די לופט האָט געשמעקט מיט הושענות ריח, און דער ניגון האָט זיך געגאָסן:

אונטער די בוימעלעך,
אונטער די גרינינקע,
זיצן מיר אַלע פאַרטראַכט;
אין אַ וואונדער שיינער נאַכט —
אין אַ — וואונדער שיר־יי־נער נאַכט!

לאנגזאַם פֿאַלן שטערנדלעך:
איינס, צוויי דריי־יי־יי —
איינס, צוויי, דריי...

דורך אַ זייטיקן פֿעלד־וועג האָט מען געטריבן צום שטאַטישן אַרעסט אַכט בחורים מיט צוויי בעדואינער, הינטער זיי זיינען נאָכגעגאַנגען דער פּקיד פֿון דער נאַציאָנאַלער חברה באַגלייט פֿון די רעפּאָרטערן פֿון די טעגלעכע צייטונגען. ער האָט געטענהט:

— „ככה רבותי! ארץ ישראל נקנית אלא ביסורים" — „מיט פּיין און יסורים בויען מיר דאָס לאַנד" — — — ער, דער פּקיד, „פֿאַרלאָזט זיך אויף זייער ציוניסטישן געוויסן", ער גלויבט, אַז „ס'איז שעדלעך איבערצוטרייבן דאָס געשעענע און דאָס געזעענע". מען טאָר עס נישט צעבלאָזן, נישט מאַכן קיין רעש, קיין פּאַניק. די מענטשן וועט מען נאָך היינט באַפרייען, דאָס איז נאָר איין צופֿאַל, איין רינגעלע אין דער קייט פֿון אונדזערע ליידן. בויען דאָס לאַנד, איז נישט אַזוי לייכט און זיס ווי עסן ראָזשינקעס, כן רבותי".

„ווייזט אויס" „מיינע הערן", האָט דער פּקיד צוגעגעבן, „אַז די עפּענדים, די שונא ישראל, האַלטן נישט די הענט אין בוזים, נישט די צינגער צווישן די ציין. דאָס האָבן זיי אָנגעדרייט דעם שייך אבו כארב, זיי, די עפּענדים, רבותי, זיי ליגן קלעצער אין די רעדער פֿון אונדזער וואָגן, קלעצער ליגן זיי, דער וואָגן גייט אָבער פֿאָראויס. לאַנגזאַם, אָבער ער גייט פֿאָראויס, מיינע הערן"...

# געענדיקט דעם כביש

נאָך אַ זומער האָט געגוסעט, ווידער זיינען לאַנגע שפּינוועבסן גע־פלוינן אַנטקעגן דער זון און זיך געפּלאָנטערט אָן ביימער און טעלעגראַף־דראָטן, ווידער זיינען פעלדער געשטאַנען געלע ווי יאָזשיקעס אַרומגע־שאָרן, איינגעדאַרטע, פאַרשמאַכטע פון דורשט און פון גליענדער זון. עס האָט געשמעקט אין דער לופט מיט שטעכיקע אַקאַציעס און צייטיקע מאַראַנצן. די נעכט זיינען קילע פול מיט שווערן טוי, פון טוי געניסן נאָר די ביימער און קליינע גערטלעך אַרום די הייזער, בעת אַלץ איז טרוקן און פאַרוועלקט.

די צעשפּרייטע זומפּן צופוסנס דעם „רויטן כרמל" זיינען מער ניט געווען, ווי גרויסע שילד־קרעטן זיינען פון אַלע זייטן געקראָכן טראַקטאָרן און געריסן דעם באָדן. די וואַסערן פון צענדליקער קוואַלן זיינען רואיק געפלאָסן אין צעצווייגענע קאַנאַלן. פון די הונדערטער אַרבעטער, וואָס האָבן געטריקנט די זומפּן, זיינען נאָר עטלעכע צענדליק פאַרבליבן אין פעלד, זיי האָבן געפלאַנצט עקאַליפּטוסן, זיי האָבן אַכטונג געגעבן אויף די קאַנאַלן, זיי האָבן געאַרבעט אַרום די טראַקטאָרן, 30 מאַן האָבן באַ־קומען שטענדיקע אַרבעט אין דער ערשטער ניי־געגרינדעטער פלאַנטאַציע פון רומענישע יידן הארט ביי דאָס ניי־ערד, די איבעריקע האָבן שוין געאַרבעט אין טאָל פון ירדן וואו זיי האָבן געצאַמט די שטראָמען פון ירמוק, און געבויט דאַמבעס.

לייבוש איז אָנגעקומען אין דער נייער פלאַנטאַציע ביים וואַסער־מאָטאָר, ער האָט געקלערט „לעת עתה", ביז ס'וועט אים קלאָר ווערן די פראַגן פון גיין אין קבוצה, און די לאַגע פון די עלטערן.

די יונגע פלאַנטאַציע איז געלעגן אויסגעשפּרייט ווי אַ טעפּיך צווישן דער ניי־ערד און די זאַמדן, שורות, שורות זיינען געשטאַנען ביימלעך צוגעפּעסטיקטע צו שטעקנס מיט לולב־פּעדים, זייער קינדערשע וואָרצלען האָבן נישט געוואוסט פון דחקות, נישט פון הונגער, נישט פון דורשט.

די ערשטע פאַראַקערטע בתולה־ערד האָט זיי געגערט מיט די בעסטע פון אירע אוצרות אַנגעזאַמלטע, אָנגעקוואָלענע במשך פון דורות. די יונגע גרינע בלעטער האָבן קאָקעטירט מיט די שטראַלן פון דער זון, געזויגן ס׳חיות ווי פון מוטערלעכער ברוסט.

אין דער אמתן איז לייבוש דאָ־הי נישט געווען איבערגעלאָדן מיט אַרבעט ווי פריער ביים זומפּ. ער האָט נישט געהאַט קיין גאַנצע 8 שעה אַרבעט אַ טאָג, העכסטנס 5-6 שעה, נאָכהער פּוצט ער אויס אַלע קופּער־שטיק, פּילט אָן אַלע פּאַרן מיט אייל, און גייט אַרום צווישן די שורות יונגע ביימער, לייבוש האָט ליב געהאַט צו שפּאַצירן אַ שטיק אַראָפּצו, וואו ס׳וואַקסן די גרויסבלעטיקע באַנאַנעס, מיט די פעט־גראַזיקע שטאַ־מען, די באַנאַנעס האָבן ליב אייביק צו שטעקן אין בלאָטיקן וואַסער. די ריזיקע בלעטער וויקלען זיך ביז זיי פּלאַצן פון שפּאַנונג. אַ סך באַ־נאַנע־ביימער האָבן שווער געשוואַנגערט מיט די ערשטע פּרוכטן, זייערע ולדים, די מאַלינע־פאַרביקע קנאָספּן זייגען גרויס געווען ווי קעפּ צוקער, זיי וויקלען און טוליען זיך אין פעטע בלעטער, ווי זיי וואָלטן זיך גע־שעמט פאַר דער ליכטיקער זון... לייבוש גלעט די שווערע קנאָספּן, ער גלעט זיי ווי קינדער, ס׳דיכט אים, אַז דאָרטן אין דער קבוצה אין עמק, מוז מערע אויך אַזוי טאָן, ער ווייס אַז איצט גייט זי אַרום מיט אַ ניקל־נער שער, מיט אירע גרויסע גוטע אויגן, זוכט זי אויס יעדער פּאַרדאַרט צווייגל, בלעטער, אָדער שפּראָצל, זי שניידט זיי אָפּ, הלמאי זאָל אָן אָבער מדולדל אומזיסט נאָגן דאָס געזונטע מוטער זאַפט? גערעכט איז מערע, ס׳איז ריכטיק! אַז לייבוש דערמאָנט זיך איצט אָן מערען ווערט אים ווארעם אין הארצן, חלומות זעט ער: ניוטאַ איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון זיין געוויסן, ער זעט זי אַ בלאַסע מיט 2 שנירעלעך טרערן אויפן פּנים, ניוטאַ איז קאַלט, פאַרגליווערט ווי אַ שטיק מירמל, אירע אויגן קוקן נישט אויף אים, נאָר ערגעץ פאַרביי אָן אַ זייט, לייבושן טוט ווייי איר זכרון, ער ווייס נישט, עס האָט אים, דוכט זיך, פריער מער נישט געקימערט, נישטאָ ניוטאַ, נישטאָ, ער ווייס נישט...

מערעס קלינגענדיק געלעכטער פאַרטרייבט אים די שווערע מחשבות, אָבער ס׳איז אומעטיק. לייבושן איז אומעטיק.

און אין „נוה שלום” האָט די אַרבעט אויפן כביש געגוסעט. אַ לאַנ־גער נייער כביש איז געלעגן צעצויגן, ווי אַ ווייסער ליוונט ביים בלייכן, אונטער דער זון. נאָך אַ ½ וואָכן און אַלץ איז געענדיקט, בערל האָט איצט געאַרבעט ביים „קניפּל”, וואו דער נייער כביש פון „נוה שלום”, האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט אַ הויפּט־וועג פון שטאָט. אַ גרויסער טייל אַר־בעטער האָבן זייער אַרבעט פאַרענדיקט, ווער פון זיי גיסן איצט בעטאָן ביים ניי־בוי אין „נוה שלום”, ווער — אונטן אין שטאָט, אַנדערע האָט מען איבערגעשיקט טריקענען די „כברה” אין שומרון, אַנדערע זיינען אויף שטענדיק פאַרבליבן און אין דער הויך, אין פאַרשיידענע וואַרש־

טאַטן. דאָס רעשט האָט זיך געאײַלט, מען האָט געוואָלט וואָס גיכער פּאַרטיק ווערן, ווײַל ס'האָט אויף זיי געוואַרט אַ נײַע אַרבעט, אונטן צו־פוסנס דעם כּרמל, וואו מען שנײַדט פּלעצער פון געטריקנטן זומפּ, ביז יום טוב מוז אַלץ פאַרטיק ווערן אין „נוה שלום". יום טוב וועט פאַר־קומען די פײַערלעכע באַזײַאונג פון כּביש, ס'וועלן נעמען לויפן באַרג־אַרויף אויטאָמאָבילן מיט אויטאָבוסן, פערד און וועגענער.

בערל האָט געחתמעט אַ נײַעם קאָנטראַקט אויף אַרבעט בײַ אַ נײַעם כּביש נישט ווײַט פון שטאָט. ער האָט געחתמעט, כאָטש אַברהם דער מאַ־שיניסט, זײַן אַלטער חבֿ־ פון פאַבריק, האָט אים געזאָגט: „בערל, ניש־קשה איך אַרבעט בײַם דאָס, בײַם רעזערוו דיזל, דײַנע הענט וואָלטן אונדז איצט צונוץ געקומען, ביסט אָנגעלייגט אין דער דאָס, אין דער פאַבריק, דער יעקע אונדזערער, האָט זיך אײניקע מאָל געפרעגט אויף דיר: „יאַ, יאַ, דער כאַייאָט, מעכטע איך גערן דאַ ווידער זען, לאָסן זי אים שען גריססען"!... דער „דאָס".

די אָפּטײלונג פון דער שטאָטישער אַרבעטער־קיך אין „נוה שלום" האָט זיך געשלאָסן, אין פריערדיקן גרויסן עס־זאַל, האָט מען איצט אײַנ־געאָרדנט אַ מעכאַנישע שלאָסערײַ, די הובל־מאַשינען פּלאַפּלען גאַנצע טעג, די פענדל און קרײַץ־זעגן פאַרמעכטן זיך אין געזאַנג, ווער וועט וועכן איבערזינגען. טעווקע „מפּעלע" האָט אין דער סטאָלערײַ געפונען זײַן מקום מנוחה, ער דרייט זיך אַרום מיט זײַן גאַנצער גרויס צווישן די מאַשינען, אָדער ער שלעפּט שפּאָלן און שווערע ברעטער, מיט דער לײַכטקייט פון קלײנע שפּענדלעך, אין דער מיטאָג שעה, ווען דער עולם זיצט אין די הובלקעס און עסט, ציט אָן טעווקע יאַשקען דעם „פּראַק־ציאָנער", וואָס איז דאָ געוואָרן אַ מאַשיניסט מיט אַ דיסקוסיע: „הע־ע־ע יאַשקע, וואָס ווערסטו זאָגן צום דרוזישן פּראָלעטאַריאַט אַ יאַשקע? וועט זיך דער דרוזישער פּראָלעטאַריאַט אָנשליסן אָן דער נאַצ' אַראַבישער באַוועגונג? וואָס זאָגסטו, יאַשקע? יאַשקע פון זײַן זײַט, צינדט זיך אָן ווי אַ שוועבעלע, ער שיט פּעך און שוועבל אויף די פּוסטע מוחות פון „טעווקעס מין", „אַ חוצפּה פון אַזאַ פּאַשיסטישן עלעמענט חוזק צו מאַכן פון דרוזישן אויפשטאַנד"... בײַזערט זיך יאַשקע.

יעקע „פּאַסיווער ווידערשטאַנד" האָט דערפילט ווי די אַרבעט ענ־דיקט זיך, איז ער זײער אומעטיק געוואָרן, זײַנע שבתדיקע פלודערן, די צוויי פּאָר וועט מיט די עטלעכע ביכלעך, ליגן שוין לאַנג פּאַרפּאַקט אין אַ סאָלדאַטישן טורניסטער, טעווקע גייט אין עמק הירדן, נענטער צום גליל. חברה האָבן דערצײלט פון אַ שווערן פּסק, וואָס יעקע האָט גע־כאַפּט פון רוזשקען, דער שומר הצעירניצע, אַז זי איז אוועק פון כּביש, האָט יעקע אויפגעהערט זיך ראַזירן יעדן דריטן טאָג, ער האָט אויסגע־מיטן מענטשן, און קײנמאָל נאָכדעם נישט אָנגעטאָן די שבתדיקע פלו־דערן, ער איז זײער אומעטיק געוואָרן, יעקע! חברה האָבן געהערט ווי

רוזשקע האָט אים אויסגעלאַכט אויפן קול... דעם לעצטן אָוונט איז ער געזעסן מיט נאָטען און מיט טעווקען אין אַרבעטער־קיך, אַלע דריי האָבן געטרונקען זויערן ווײַן, נאָטע און יעקע האָבן געשוויגן, מער נישט ווי טעווקע האָט גערעדט און זיך געחכמעט, נאָכהער שפּעט אין אָוונט בײַ בערלען אויפן גאַניק האָט יעקע ווידער געשוויגן. באַגינען האָט מען אים געזען אַוועקגיין מיטן סאַלדאַטישן טורניסטער אויף די פּלייצעס.

נאָטע איז נישט אַוועק פון „נוה שלום", ער האָט גענומען זײַן היל־צערנעם קופערטל, מיטן אַלטן טשעמאָדאַן, אַרײַנגעטראָגן צו בערלען אין פּאָדערשטן צימערל און געשלאָפן אויף דער קאַנאַפּע. נישט אַלע נאַכט איז נאָטע געקומען שלאָפן בײַ בערלען, וואו ער פלעגט אַהינקו־מען האָט קיינער נישט געוואוסט. אַנדערע האָבן אים אין אַזעלכע נעכט געזען זיצן אין „אַרבעטער־היים", אָדער שפּאַצירנדיק לענגאויס דעם כביש. נאָטעס שתקנות איז בײַ זײַנע נאָענטע געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, האָט אים קיינער נישט געפרעגט וועגן זײַן פאַרשווינדן. רבקה פלעגט יאָ פרעגן, פלעגט נאָטע עפּעס אַ מורמל טאָן בתשובה, און דאָס איז אַלץ. בכלל רעדט נאָטע מיט געציילטע מענטשן, מיט זײַן חבר בערל, מיט רבקהן, וואָס ער קען שוין פון לאַנג, אָדער ער זיצט און שפּילט זיך שעהן לאַנג מיטן קליינעם עמוס, בערלס זונעלע. נאָטע האָט ליב אַ בוך, ער לייענט ביכער אויף זײַן אייגענעם אופן פון דער ערשטער ביז דער לעצ־טער בלעטל אָן הפסקה, מעג דאָס לייענען דויערן אַ טאָג מיט אַ נאַכט. נאָכן לייענען ווערט נאָטע צעטראָגן, ער גייט אַרום און מוחט, אָדער בײַ אַ גלעזל טיי בײַ בערלען דערציילט ער פון דאָס געלייענטע, (ברקה לאָזט אים קיינמאָל נישט צו־רו), ער שאַצט אָפּ די ביכער מיט זײַן איי־גענער טערמינאָלאָגיע: „באָבקעס", „געזונט", „פּטפּוט", „שמן־זית", וועט ער איז גאָר שטאַרק באַווירקט רעדט ער וועגן בוך אין דער אַלטער היימישער שפּראַך: „טשעפּוכאַ", „זדראַוואָ".

קיינער וואָלט איצט נישט זאָגן, אַז נאָטע האָט אַמאָל אויך געענ־דיקט אַ גימנאַזיע, געלערנט אויפן פילאָזאָפישן פאַקולטעט, געווען בקי אין ניטשען, געלייענט גריכיש ווי וואַסער, און געקענט לייבניצן מיט קאַנטן, ווי אַ פרומער ייד „אשרי" אויף סטודענטישע מאַיוואָוקעס, האָט דער איצטיקער נאָטע אָפּגעהוזקט פון געוצענם תורה, צו חוכא וטלולה געמאַכט די גאַנצע „בילאַיע אי דומע" אַ אָן־זשע, וואָס גערצען, סלאָדענקי טאַקאַי און די קורסיסטקעס שלאָגן אים איבער מיט פאַרדרום: „פּאַשיאָאַל־בי טי וו'בערלאָגו, מיעדוויעד".

גאָרנישט איז פון דעם געבליבן בײַ נאָטען חוץ די ליבע, די ליידנ־שאַפט צום בוך, וואָס באַווילטיקט אים אָפּט מיט אַ אויסערגעוויינלעכער קראַפט, ווי גיך די ליידנשאַפט קומט — אַזוי גיך פאַרשווינדט זי בײַ נאָטען. נאָטע טענהט: „נישט אינטעלעגענטעווען בין איך דאָ געקומען, נאָר אַרבעטן"... פאַרגעסן דעם גאַנצן עבר, פאַרגעסן אינגאַנצן, ווי קיין

עבר וואָלט קיינמאָל נישט געווען, ער איז געקומען זיך „איבערגעבאָרן", בערך איז עס אים געלונגען. ביי אויסערגעוויינלעכע פאַלן, ביי שטאַרקע באַהאַרצטקייט וועט נאָטע אויפמישן אַ בלעטל פון זיין „פריער", און וועט דאָס בלעטל שטיל, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן בקול איבערלייע־נען, פאַר די נאָענטסטע פון זיינע פריינט; אַז מען פרעגט בערלען וועגן נאָטען, ענטפערט ער: „געקומען אין ארץ ישראל אַ צייט פאַר דער מלחמה, מלחמה־צייט געשומרעוועט, געזעסן אין דמשקער תפיסה, פאַל־קעס באַקומען, זיין רחלע, איז אַ פאַר טעג פאַר דער חתונה געפאַלן אין חדרה, נאָך דער מלחמה געווען אין גליל, פאַרשטייסט"?

רבקה איז אין אַ געוויסער מאָס, לעצטנס געווען צופרידן מיט זיך אַליין. צייט מען האָט פאַרמאַכט די אַרבעטער־קיך, קאָכט זי עסן פאַר 6 מאַן, און טראָגט דערמיט צו איר חלק צו דער היימישער הכנסה. בערל האָט דערפאַר פאַרפירט מיט רבקהן אַ שטיקל מחלוקת, ער איז איר מוחל, ער איז איר מותר, ער וויל נישט אירע רווחים, קוים וואָס דיר כלעקן כוחות צו באַווייזן אַלץ פאַר אונדז, עסן, וועש, דאָס קינד, די דיים, גייסטו נעמען אויף זיך אַזאַ עול"!? געדענק רבקה, היט דיין איינ־ציקן פאַרמעגנס — דאָס פיצל געזונט", האָט בערל געטענהט, רבקה איז באַשטאַנען אויף אירס, זי האָט געמאַכט אַן אַנדער חשבון, עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז איר טאָג פראַצע פאַר דער הויזגעזינט איז גאָרניט ווערט, בעת די 6 מיטאָגן. זיינען יאָ עפּעס ווערט, אַ דאַנק דעם באַווייזט זי, אַז נישט נאָר זי ברענגט אויס, נאָר זי ברענגט אויך אַריין.

דער פאָטער, מענדיע, פון לימע האָט געשריבן:

„והשנית מיינע ליבע קינדער קען איך אייך מיטטיילן, אַז מיר זייַ־נען ברוך השם בקו הבריאות, דאָס נעמלעכע פון אייך צו הערן. איך קען אייך שרייבן, ליבע קינדער, אַז אונדזער זעלדע פון אַפריקע שרייבט אונדז זייער אָפט, זי שרייבט אַז איר איז גוט, נאָר זי בענקט אַהיים. זי וואוינט נישט אין יאָהאַנעסבורג, זי וואוינט גאָר אין אַ וויטן דערפל וואו איר מאַן האַנדלט מיט שוואַרצע מענטשן, וואָס מען רופט „קאַ־פערס" בלע"ז, די קינדער, שרייבט זי, זיינען ערגער ווי שקצים, נישטאָ קיין חדר, נישטאָ קיין שולע, וואָס פון זיי וועט ווערן, ווייס איין גאָט ב"ה. ביי אונדז אין שטאָט איז חושך מצרים. ס'איז באו מים עד נפש", נישט קיין אַרבעט, נישט קיין פרנסה, דער יריד אום שבת האָט אַלץ פאַר־קאָנטשעט, די קאָמפּיראַציוון, נעמען צו דעם לעצטן קונה, באַלעמלאָכעס זיצן אָן ברויט, נישטאָ אַמאָליקע פאַר ימים טובים, ווער מאַכט זיך עס היינט באַשטעלטע שיך אָדער אַ באַשטעלטן בגד? מען לאַטעט, מען ני־צעוועט, און אַז ס'איז קיין ברירה נישטאָ, און מען בלייבט איבער, איך בעט אייך, במחילה... קויפט מען בלית ברירה אַ שטיקל טאַנדעט, אַ פאַר־מיקס, אַ „פאַבריטשנע". ס'קאָסט ביליק, שוין באַלד נישטאָ איינער ביי אונדז, וואָס זאָל נישט האָבן באַנקראָטירט. שטעלט אייך פאַר, מיינע

קינדער, אזא גבר, אזא „מושל בכיפו", ווי אונדזער שכן ר' ברוך זעליק, איז געפאלן, לא תוסיף קום... לא עלינו, האט מען אים ס'לעצטע העמד פון לייב ליצעטירט און ערלים האבן עם געקויפט".

„אונדזער יונגווארג האלט אין איין לויפן פון שטעטל, אז אך און וויי שוין וואו זיי האבן צו לויפן"...

„אצינד, מיינע ליבע קינדער. דאס וויכטיקסטע פון אלץ איז, וואס נאך לילות נדודים האבן מיר באשלאסן, כל זמן מיר קענען עפעס ראַטעווען, — ראטעווען און פארן צו אייך קיין ארץ ישראל. דעם גארטן האבן מיר פארקויפט אונדזער שכן פאווילאס, דו בערל, מוזט אים געדענקען דעם „שהכל מאכער"... מיט דער שטוב איז שווערער; נישטא קיין קונים, און בחינם ווילט זיך נישט אפגעבן, די פראצע פון עטלעכע דורות. מיר האפן, אז חייקל דער מעקלער, וועט אימיצן אויפזוכן. פון די צירונג וועלן מיר פארקויפן נאר א ביסל, דאס רעשט וועלן מיר אייך ברענגען, אונדזערע ליבע קינדער, מיר וועלן זיך פירן ווי אונדזערע אבות אבותינו. מיר האפן נאך אלעמען, נאך אלע הוצאות, צו פאראיבעריקן א פאר גראשן, און אייך ברענגען, מיר האבן דאך א לעבן אויף דעם געפטרט, טא זאלט איר פון די רעשטלעך קענען אויסלייזן אייער פיצל ערד אין שמחה און פריידן, עפעס וועל איך שוין אויסזוכן אויף פרנסה אין ארץ ישראל, ס'לעבן אזוי פיל יידן, וועט נאך איינער לעבן, מיר וועלן אויסארבעטן אויף ברויט מיט וואסער"...

„די מוטער זוגתי לאה שתי' וויינט און קלאגט טאג און נאכט, איי געבט גיט זי מיר!... „ווי איז מיר און יזינד", באוויינט זי יעדער שטעקן, יעדער קאטשערע, און ווען איך בין אוועק מיט מיין קיט צום גאלדשמיד האט זי געחלשט צום טויט, מיר האבן איר קוים אפגעמינטערט, „ווי איז מיר און ווינד", קלאגט זי, און וואס, מענדע, וועט זיין מיט די ביי־נער פון אונדזערע אבות אויפן גוטן ארט, ווער וועט צו זיי קומען אין חודש אלול און תשעה באב, ווער, מענדע, זאג? ווי איז מיר! אויסמעקן זייער זכרון אין גאנצן „ליילעם וואעד", ווי נישט געווען אויף דער וועלט, א מענדע?! — זאג איך איר: לאה! אישה דו איינע? — פארסט דאך צו דיינע קינדער צו דיין בלוט און פלייש! און דער זכות צו פארן קיין ארץ ישראל איז עפעס ביי דיר א מינדערווערטיקייט, וואס? ביסט א יונג מיידעלע?...

„אצינד, ליבע קינדער, ווארטן מיר אויף די פאפירן, אי"ה לאזן מיר דערלעבן ישועת ונחמות, וועלן מיר זיך בקרוב זען. מיר גריסן אייך, מיר ווינטשן אייך כל טוב, מיר קושן אייך און אונזער אייניקל, עמוס שיחי", און לייבושן? — ער איז א לב קשה כאבן נישטא א ווארט ביי אים פאר טאטע מאמע"?...

רבקה האט מיט פייכטע אויגן, שטיל געענדיקט פארלייענען דעם בריוו, בערל האט אראפגעלאזן דעם קאפ, און לייבוש איז געשטאנען און

געקוקט אין פענצטער, שטיל איז געווען אין דער היים, ס׳האָט נאָר דער זייגער געקלאַפּט. נאַטע, וואָס איז געזעסן אין זיין שטענדיקן ווינקל האָט ווי צו זיך אַליין געזאָגט: שווער איבערצופלאַנצן אַלטע דעמבעס, מען שניידט זיי אונטער די וואָרצלען, אַזעלכע ביימער איז ליבער צו טריקע־נען און דאַרן, צו ציען די יניקה פון שטיינער, פון ערד ווי אייזן, זיי זשיפּען — אָבער דער שטאַם, זייערער, ווערט אויסגעהיילט, ס׳הייסט אויך „געלעבט”... שווער אַלטע דעמבעס איבערצופלאַנצן... שווער, אַפי־לו אין טייערסטן באָדן”...

ס׳איז געווען אַ דינסטיק, אַ צייט פאַר מיטאָג, ווען „נוה שלום” האָט דערהערט אַ ווייטן צעצויגענעם פייף, וואָס האָט זיך גאָרנישט גע־וואָלט ענדיקן, מענטשן זיינען אַרויסגעגאַנגען פון די הייזער, פרויען מיט קינדער אויף די הענט, קרעמער פאַר די טירן פון די געוועלבער; די אַר־בעטער וואָס האָבן געפּוצט די באַנקעטן לענג־אויס דעם כביש, און פאַר־רענדיקט די וואַסער־גראָבנס, האָבן געוואָרפן די כלים, מען איז געגאַנגען און געלאָפן אין דער ריכטונג פון פייף... דאָס האָט בערל אָנגעזאָגט, אַז דער וועג איז אינגאַנצן פאַרטיק, ער האָט געענדיקט צובינדן דעם נייעם כביש פון „נוה שלום” צו דעם הויפּט־וועג פון דער שטאָט. געענדיקט. ס׳איז געקומען דער סעקרעטאַר כיימאָוויטש מיט גלעזער און מיט אַ בוטל ווייַן, חברה האָבן געמאַכט לחיים, מיט די אויגן האָט מען פּרובירט פאַר־נעמען די גאַנצע לענג פון נייעם כביש, אַ לענג וואָס האָט זיך געשלענגלט באַרג־אַרויף און פאַרשוואונדן צווישן די רויטע דעכער... בערל האָט ווייטער געפייפט ביז ער האָט אָפּגעפירט די שווערע מאַשין אָן אַ זייט, ער האָט אויסגעלאָשן דעם אויוון, אַרויסגעלאָזן די וואַסער, און פאַר־ברעמזט דעם ריזן־וואַל פון פאַרנט. די אַרבעטער האָבן מיט אַלטע סמאַ־לע־פּעסער און מיט גרויסע שטיינער פאַרשפאַרט דעם אַריינפאָר.

מען טאָר נישט פאָרן אויפן כביש ביז די קאָמיסיע וועט אַלץ באַ־זיכטיקן און איבערנעמען. דעם טאָג זיינען די אַרבעטער מער נישט אַרויס צו דער אַרבעט, ס׳איז נישט געווען קיין וואָכעדיקע שטימונג פון אַר־בעט, ס׳האָט יעדער איינער געפילט אַ יום טובדיקייט, צו וואָס היינט גיין צו דער אַרבעט? נאָך 3־4 טעג גייט מען אַרויס צו אַ נייעם כביש.

גיך איז געקומען דער יום טוב, ביי בערלען איז געווען ליכטיק און פריילעך, מאָרגן וועט בערל נישט דאַרפן אויפשטיין מיט דער זון צו־גלייך, מאָרגן וועט בערל נישט דאַרפן אָפּכאַפּן דעם פרישטיק בחפזון, מאָרגן וועט בערל זען ווי דאָס קינד וואַכט אויף. לייבוש האָט אויך קוים דערלעבט דעם יום טוב, דעם אָפּרו, בערל וועט אים מאָרגן נישט דאַרפן איבערגעוואַלט וועקן פון בעסטן שלאָף, לייבוש וועט נישט דאַרפן לויפן אָן אָן אָטעם צום גרויסן לאַסט־אויטאָמאָביל, עט וועט מען מאָרגן אַ שלאָף טאָן! רבקהן איז געווען אַלץ איינס; וואָס מיר יום טוב? וואָס מיר אָפּרו? צי אַרבעט איך נישט יום טוב ווי אַלע טאָג? איין זאַך, וואָס האָט

אַלעמען געלאָקט, דאָס איז געווען דער ווייטער שפּאַציר אָדער נסיעה, וואָס איז געוואָרן אין ארץ ישראל אַ חוב, אין פריַיע טעג אָן אַרבעט, ווער רעדט נאָך, נאָך אַ גוטן סעזאָן, אַ גאַנץ זומער געאַרבעט, נישט שלעכט פאַראיבעריקט הן אויף אַ בגד, הן אויף אַ שפּאַציר, מען האָט נאָך געשיקט אַ פּאָר פונטלעך אין דער אַלטער היים. צום יום טובדיקן מאָלצייט איז ביי בערלען געווען אָנגעגרייט אַלדאָס גוטס, אַפילו צוויי פלאַש וויין. אַ גאַנצן טאָג, פון ערב יום טוב, האָט רבקה געקאָכט, גע־בראָטן, נאָטע האָט שפּאַצירט מיטן קינד אויפן נייעם כביש, בערל האָט צוגעהאָלפן רבקהן אין דער היים, לייבוש האָט דעם ערב יום טוב גע־האָט טאָפּלט אַרבעט, ער האָט געמוזט צוגרייטן וואַסער אויף 2 טעג.

די זון איז פאַרשוואונדן הינטערן באַרג, מחנות פייגל זיינען נידע־ריק געפלויגן אויף נאַכט־לעגער צו די נעסטן, אויף ביימער און פעלדזן. טויבן האָבן זיך געפּוצט אויף מאָרגן די פעדערן, שוואַלבן האָבן גע־צוויטשערט אויף די טעלעגראַפישע דראָטן, זיי האָבן זיך כסדר באַוועגט און איינגעהאַלטן דעם גלייכגעוויכט, פלעדערמייז האָבן זיך געקוליעט אין דער טונקל, נידעריק ביז צו דער ערד. די לופט איז געווען קיל ס'האָט געשמעקט מיט געשניטענע פעלדער. אין אַלע פענצטער איז געווען העל ליכטיק, די ווערקשטאַטן געשלאָסן, די געוועלבן פאַרקלאַפּט, חברה, אַרומ־געוואַשענע, אַרומגעגאָלטע מיט ווייסע פאַנאַנדערגעלאָזענע העמדלעך און פאַרקאַטשעטע אַרבל איבער בראָנדזענע הענט, האָבן זיך געאיילט פון שטאָט, מיט פעקלעך אונטערן אָרעם, זיי האָבן זיך געאיילט אין די עלנ־טע בחורשע צימערן. ביי בערלען האָט העל געברענט דער גרויסער לאָמפּ, דער טיש איז געווען גרייט צום עסן, ביים טיש איז געזעסן די גאַנצע משפּחהלע, אַפילו נאָטע האָט זיך צוגעפּוצט, צוגעראַמט, מען האָט גע־שמועסט פון היימישע ענינים, פון נאָענטע געשעענישן, וואָס זיינע פאַר־לאָפן ביי דער אַרבעט, מען האָט געקלערט וואו האָט עם יעקע געקענט פאַרשווינדן? נאָכהער האָט מען געגעסן, פאַרזופּט מיט וויין און פאַר־צויגן אַ ניגון, ביי רבקהן האָט זיך די אויגן געקלעפּט פון מידקייט, זי איז איינגעדרעמלט ביים טיש, די מענער האָבן שטילערהייט אַלץ צוגע־ראַמט, אַפילו דאָס געפעס אויסגעוואַשן. אין דרויסן איז ליכטיק געווען ווי אין מיטן טאָג, פון אַלע ווינקעלעך האָבן געהילכט געזאַנגען, אויפן ווייסן טישטעך פון נייעם כביש האָבן געטופּעט צענדליקער פיס פון בחו־רים מיט מיידלעך אין התלהבות פון טאַנץ:

ווער וועט בויען דעם גליל?
— מיר וועלן בויען גליל!
— מיר בויען דעם גליל!
יה־חי־לילי —
יה־חי־לילי —
לעמלי־לי־לי.

טעווקע איז ארײַנגעפאַלן בגלופין בײַ בערלען אין דער הײם, מיט זײַן רעש האָט ער אויפגעוועקט רבקהן, רבקה האָט זיך געריבן די אויגן, — „הלמאַי האָט איר מיר געלאָזן שלאָפן”? טעווקע האָט טועם געווען פון בערלס פלעשער, און אַלע זײַנען זײ אַרויס אין גאַס, צו די טאַנצנדיקע רעדער לעננאויס דעם נײַעם כביש.

# אויפן כרמל

אויף מאָרגן, דעם ערשטן טאָג יום טוב, זיינען בערל מיט דער משפחה צוזאַמען מיט נאָטען און טעווקען אַוועק אויף אַ ווייטן שפּאַציר אין דער טיף פון כרמל. טעווקע האָט געטראָגן דעם גרויסן קויש אכילה, בערל מיט נאָטען האָבן זיך געביטן מיטן קינד, דאָס קינד האָט מיט שמחה געריטן אויף זייערע אַקסל. לייבוש האָט געטראָגן די וואַסער פלאַשן, ער איז געגאַנגען אַ שטיקל פאָראויס מיט רבקהן. רבקה האָט אין אים עפּעס אַריינגעטנהט, און לייבוש האָט זיך געדרייטלט ווי אַ קליינער חדר־יינגל. אויפן וועג האָבן זיי זיך אָפּגערוט ביי אַ חרובן קאַלך־אויוון, מען האָט אויסגעשפּרייט אַ דעקע, געטרונקען וואַסער, און געמאַכט דעם ערשטן צוביים. עס איז זיי אַנטקעגן געקומען אַן אַלטער דרוז. דער דרוז האָט זיך מיט אַפשיי באַגריסט:

— „מארכאבאטין כאוואדזשאַט, זייט געבענטשט"!

— „מאַרכאַבאַ יאַ אַבאַ, זיי צוריק געבענטשט".

— „קום פאָטער צוביישן, אַ קאַלטן טרונק האָבן מיר אויך, ס'איז דיינט יום טוב ביי אונדז"!

— „מאַברוק אידקום, זאָל געבענטשט זיין אייער יום טוב"!

— „מאַברוק אנטאַ, זיי דו אויך געבענטשט"!

דער זקן האָט מיט ציטערדיקע הענט געפּיצלט אַ שטיקל קוכן, ער האָט עס נעקייט מיטן גומען פון אָנציינערדיקן מויל, דער אַלטער איז געווען אַ באַרעדעוודיקער און ער האָט נאָכדעם, ווי ער האָט צוגעזופּט וואַסער, געזאָגט:

„מענטשן מיינען, אַז די קדושה פון כרמל ליגט ערגעץ פאַרשלאָסן אין קלויסטער פון די קאַרמעליטן, אין די היילן פון די פראַנציסקאַנער, און אפשר אין דער טונקלער הייל פון מר־אליאַס? (אליהו הנביא). איר געפינט דאָרטן אַ מין דומפּיקע קדושה אין נעפּל פון ווייַרוך אין שיין פון וועקסענע ליכט, אין קנייטשן פון אַלטע פּרוכתן און צעבראָכענע מנורות, מענטשן מיינען אַזוי, באַזונדערס די פרעמדע די „פרענדזשים" (אייראָפּייער), טיפּשים וואָס זיי זיינען, בחית אַללאַ"!

„פאַר יעדער פּיצל קדושה צאָלן זיי מיט שווערע מטבעות, די טיפּ־

שים קויפן בלעכלעך, טרוקענע צווייגלעך, טרוקענע טאבאק־בלומען, א שישקע, א שפּליטער פון א שטיין, זיי צאָלן״...

— „חמורים״ — „אייזלען״.

— „איר, כאוואדזשאַט, ווי איך זע, זיינט נישט פון יענע וואָס קר־מען אָנגעלאָפּן מיט אויטאָמאָבילן, טאָ הערט מיר אויס און פאָלגט דעם זקן, איך וועל אָנווייזן וואו די קדושה פון כרמל געפינט זיך: פאַרקלייבט זיך אויף די שפּיץ פעלדזן, וואו ס׳קרייצן זיך די וואדים „זעבאק״ און „דעמון״, דאָרט איז די מלוכה פון גרויסע פאַרצוקערס, פון אָדלער און שפּאַרבער, ווערט נישט נתפעל פאַרן קינדערשן געוויין פון זייערע יונגע, ציטערט נישט פאַרן פּאָכן פון זייערע שטאַרקע פליגלען, — מאַלעש! דער מלך איז דער מענטש און נישט זיי... אייער קאָפּ זאָל נישט שווינד־לען, — קוקט נישט אין די טיפע תהומען... קוקט זיך בעסער צו צו דער שלאַכט פון טאָג און נאכט, וואָס ציט זיך פון ששת ימי בראשית... נעמט ארום מיט אייערע אויגן די גרינע, מיט די נאַקעטע הויכן צוזאמען, — זייט זיך מתכון, וועט איר זען בעינים די מלחמה וואָס פירט די נשמה פון טאָג מיט דער נשמה פון דער נאכט, זייט נישט קיין שוטים און רופט עס נישט: „פאַרבן,״ אָדער „קאָלירן״, שטות״...

דער אלטער שעפּטשעט פאַרטרוילעך: — „נשמות! נשמות, וואָס שוועבן און ראנגלען זיך, — דאָס זיינען וויאָלעט, רויט, שטאָל־קאָליר און פייער פאַרב... שווארץ דאָס איז דער שאָטן, וואָס איז מנצח, דער שטן הערשט 12 שעה אין מעת־לעת, ביז אַלע מעשים תעתועים ווערן אומעטום אָפּגעטאָן. פאַרשטעלט אונטער זיין שווארצער פאַרב, ביז עס קומט די זון און פאַרברענט אים מיט איר פייער. דעמאָלט איז אויס נאכט, ס׳קומט דער ליכטיקער טאָג... „אָבער״, — זיפצט אָפּ דער זקן, — די מענטשן שענדן דעם ליכטיקן טאָג מיט זייערע שווערע חטאים, און דער שטן, דאָס איז איינגנטלעך די נאכט, קומט און פאַרצוקט אים, דעם ליכטיקן טאָג, — שווארץ איז די נשמה פון דער נאכט און די קלייד פון שטן״...

— „ווילט איר נישט קלעטרן אין דער הויך? טאָ שפּאַצירט, כאַ־וואדזשאט, צום „וועלדל פון די 40 ביימער״, צום הייליקן וועלדל. זעט, מענטשן: ארום און ארום איז אַלץ חרוב, פּוסט און וויסט. חורבן, קוצים ודרדר, איז אייך נישט א וואונדער וואָס נאָר די 40 ביימער בליען, וואקסן, שפּראָצן און זיינען אייביק גרין?! קיין מענטשלעכע האַק האָט זיי נישט גערירט, נישט פאַרשוועכט זייער בתולהשאַפט. דאָרטן שפּרודלט א קוואַל, קאַלט ווי אייז סגולה־וואסער, דורכזיכטיק ווי גלאָז. א פעלאַך האָט אַמאָל געפּרוּווט מיט א האַק אָפּהאַקן א צווייג פון א בוים אין הייליקן וועלדל, איז ער געפאַלן טויט אויפן אָרט, דאָס ווייסן אַלע, דער גאַנצער כרמל וויים עס, זיכער. אַמאָל איז איינעם א בעל־גוף געלונגען צו פאַרטראָגן א שטאַם, וואָס אַללאַ דער אַלמעכטיקער, האָט אין זיין

צאַרן מיט אַ דונער אָפּגעשפּאָלטן. דער בעל־גוף האָט פון דעם שטאָם געמאַכט אַ באַלקן אויף זיין דאַך, איז דער דאַך איינגעפאַלן און דעם בעל־גוף צעדריקט אויף טויט,, דאָס ווייסן אַפילו קינדער ביי דער ברוסט, אַלע די „40 ביימער" זיינען הייליק פאַר אַלעמען. פאַר די בני דרוז איז דאָס וועלדל הייליקער ווי פאַר אַנדערע. די „בני דרוז" ווייסן, אַז דאָס וועלדל איז אַ טייל פון גן־עדן, וואו איינמאָל אַ יאָר אין אַ באַשטימטן פרייטיק, קומען זיך צונויף די נשמות פון אַלע קדושים און צדיקים. די צייט פונעם צונויפטרעף איז אַ סוד. 40 נשמות באַוואַכן דעם מקום קדוש. ווי איז צום זינדיקן, וואָס איז מחלל זייער קדושה! — אַט פאַר־וואָס ס'וועלדל איז תמיד פריש און גרין, ס'איז אַ טייל פון גן־עדן".

דער זקן איז אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן און אַוועקגעשוואומען אין זיין עולם הדמיון, דער קאָפּ איז אים געזונקען צום ברוסט, די אויגן האַלב־פאַרמאַכט, אָבער ער איז גיך צו זיך געקומען, אויפגעלעבט, און ווייטער דערציילט:

— „נישט ווייט פון דאַנען וואו איר זעט פון ווייטן דעם ים, הייבט זיך אָן די וואַדי „רושמיה", זייט זיך מטריח און שפּאַצירט לענגאויס דער וואַדי אַזוי ווייט ביז איר וועט דערזען אויפן קאָפּ פון אַ באַרג אַן אַלטע פעסטונג אַ חורבה, נישט ווייט פון דער חורבע צופוסנס, צווייגט זיך די וואַדי אין דרייען, צווישן דער קרייצונג — געפינט זיך אַ קוואַל, ביים קוואַל האָבן אייערקע די יהוד אויפגעבויט אַ קאָמפּאַניע (אַ קאָ־לאָניע). די מענטשן פון דער קאָמפּאַניע האָבן געאַקערט, געזייעט, גע־פלאַנצט און געפיטערט שאָף ווי אמתע פעלאַכן. ... די שענסטע פון אַלע דרוזישע מיידלעך אויפן כרמל האָט געהייסן כאַדידזשע, כאַדידזשע האָט זי געהייסן, זי איז זיכער געווען די שענסטע פון אַלע טעכטער אין לאַנד, שלאַנק ווי אַ ציפּרעס, ליכטיק ווי די זון, געטראָגן האָט זי רויטע קליי־דער, געבליִמטע אין ווייסן, איר טאַליע אַרומגענומען מיט אַ גרינעם זיי־דענעם גאַרטל, איר שטערן באַצירט מיט אַ שוואַרצן סאַמעטענעם באַנד, צוויי אַנדערע בענדער האָבן זיך שטענדיק געשפּילט מיט די צעפּ, לאַנגע צעפּ ביז דער ערד, אוןביידע אויגן — גרינע סאַפּירן, פון אויבן צוויי זיידענע שנירעלעך"...

— „איר ווייסט דאָך „יאַ נאָס" — איר מענטשן, אַז אונדזער שבאַב (יוגנט), זיינען הויך געוואַקסענע ווי צעדער, ווי פעלדזן פאַרהאַרטעוועטע, שיין ווי די בערג דאָ אַרום און שטאָלצע ווי אָדלער, די ליידנשאַפט צו כאַ־דידזשען האָט געפלאַמט אין זייערע הערצער ווי די פייערן אין קאַלך־אויוון אין שפּעטיקן חודש אלול. כאַדידזשע איז געווען שטאָלצער פון זיי, זייערע מתנות פלעגט זי אַרויסשטעלן אין דרויסן פאַר דער טיר, און די שדכנים געטריבן ווי זלידנע פליגן ביי אונדז, די „בני דרוז", האָט נאָך אַ אישה אויך אַ דעה אין די ענינים, וואָרום מיר זיינען דאָך נישט ווי יענע שפּעלע בני ערב, וואו נשים זיינען מיט בהמות צו גלייך... איז דעם שבאַב קשה

נעווען צו באַנעמען אַזאַ אויפפירונג פון אַ בוגרת, אַפילו אַ יפת תואר, אַזאַ ווי כאַדידזשע, האָבן זיי גענומען חוקר ודורש זיין אַזאַ אויפפירונג, היתכן?"
איינעם אַ באַגינען האָט מען געפּאַקט כאַדידזשען זיצן אין פעלד ביי דער יידישער קאָמפּאַניע „רושמיה", איר שטאָלצן קאָפּ אין די דלאָניעס אַריינגעפּאַסט, זיצט זי און קוקט גאָר אַראָפּ אונטן אין טאָל, זי קוקט אויף אַ יידישן בחור וואָס גראָבט די ערד, ווידער ער, דער בחור, הערט אַלע ווײַלע אויף צו גראָבן, פאַררייסט זיין קאָפּ און שיסט מיט די אויגן כאַדידזשען גלייך אין האַרצן אַריין...
— טפו, זאָל זי ווערן! — — — מ'איר אים געדאַרפט זען, אַ פליג אַ קענגן די אונדזעריקע חברה די ריזן, אַ קליינוויקסיקער, מיט געקרייזלטע האָר ווי ביי אַ שעפּסל, אַ ברוינער, ווייסע ציינער, נאַקעטע פיס ביז איבער די קני, און דאָס איז אַלץ פון אַ זכר...
...קוקט כאַדידזשע אויף אים, ער קוקט צוריק אויף איר, און די שבאַב זעען: דער בחור ווערט פאַרגליווערט, די לאָפּעטע פאַלט אים אַרויס פון די הענט, די הענט פאַלן אַראָפּ, כאַדידזשע זויגט אים אַרויס דעם שיין פון זיינע אויגן, זי לאַכט זיך הילכיק פאַנאַנדער, און פאַרשווינדט פלינק ווי אַ אינד אין די בערג, דער תכשיט נאָך איר...
— אַזאַ נפקע און מכשפה נאָר! צוליב איר זינדיקער תאוה האָט אַללאַ דער אַלמעכטיקער אין זיין צאָרן שיעור נישט אַ סוף געמאַכט צום כרמל, צו אַלץ מיט אַלעמען אַרום!
שבאַב זיינען אַרויס פון די כלים און זיך גענומען יאָגן נאָך ס'פּאָרל, דער בחור האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער געדיכטענעיש פון די קוסטעס און אומגעפאַלן, זיי האָבן אים צוזור־געלאָזן, וואָס איז ער שולדיק, אַז זי האָט אים פאַרכישופט? און זי, די נפקע, איז געלאָפן ביז מידקייט, ביז זי איז געקומען אין וועלדל פון די „40 ביימער" און איז אויך אַנידערגעפאַלן אַ מידע נישט טויט, נישט לעבעדיק.
האָבן די שבאַב געשריען: — „כאַדידזשע, נפקע, מכשפה, פאַרשוועך נישט מיט דיין טומאה ס'הייליק מקום"!
איז זי פאַרציטערט געוואָרן, זיך אויפגעשטעלט, און ווייטער גענומען לויפן...
יאָ, כאַוואַדזשאַט, דאָס איז געווען אַ פריטיק, הפנים דער סודתדיקער פרייטיק, ווען די הייליקע נשמות זאַמלען זיך אין וועלדל, ווייל כהרף עין האָט זיך דער שטן אין מיטן העלן טאָג באַוויזן אויפן כרמל, די קליינע ווייסע זילבער־וואָלקנדלעך האָבן זיך אָנגעבלאָזן, און שוואַרץ געוואָרן ווי די נאַכט. אַ שווערער שטורעם האָט זיך געריסן איבער אַלע הויכן און טאָלן. די ביימער האָבן געוויינט און געברומט ווי דער ים אין אַ סוף־חשונדיקער נאַכט, זיי האָבן זיך געשלאָגן מיט די קעפּ און געריסן שטיקער איינער פון צווייטן. אַלע קאַלך־ און קוילן־שייטערס זיינען אויפן באַרג אויסגעלאָשן, און צעפלויגן אין דער לופט, אַ שווערער דו־

נער מיט א פלאם פייער האט געשפאלטן דעם הימל, און נישט ווייט פון דאנען ארומגעכאפט אין פלאמען הונדערט יעריקעביימער, זיי זיינען אויסגעברענט, ווי טרוקענע קינעלעך במשך פון א רגע צייט.

דאס איז געווען א שטראף פאר די זינד פון כאדידזשען. נאכן שטור־רעם האט מען איר געפונען צעשפרייט אויפן וועג א קאלטע, אויסגע־לאשן!

אין די הארבסטיקע נעכט הערט איר א געוויין אין וועלדל, דאס וויינט איר נשמה, כאדידזשעס זינדיקע נשמה...

דער אלטער האט געענדיקט, מיט א קרעכץ איז ער שווער אויפ־געשטאנען, נאך א זופ געטאן וואסער, באדאנקט פארן כיבוד און איז אוועק מיט א דערבייאיקער סטעזשקע, — „אללא יא, אללא!...

די מענטשן זיינען געזעסן שטיל, צוגעשמידט צום ארט אונטער דעם איינדרוק פון די דערציילונגען, וואס נאטע האט זיי זאץ פאר זאץ פאר־טייטשט. אויף נאטעס שוים האט רואיק געשלאפן דאס קינד. „נו, האט נאטע געזאגט, לאמיר גיין, א שיין שטיק טאג איז אוועק, מיר דארפן דאך עפעס באוויזן אויף היינטיקן שפאציר"...

# דער באַנקעט

טעג זיינען געקומען פון וואָכעדיקייט, געמישט מיט יום טוב־חול־המועד. מענטשן זיינען געגאַנגען אין וואָכעדיקע בגדים מיט שבתדיקע היט, אָדער להיפוך. די ארבעט אין אַזעלכע טעג גייט פויל, לאַנגזאַם, דער יום טוב ליגט דעם אויסגעהאַרעוועטן מענטשן טיף אין די ביינער, ס׳ציט אים צו דער היים, צו אָפּרו, כאָטש אין דער היים איז גאָרנישט אַזוי רואיק, ווי ס׳דוכט זיך פון ווייטן ביי דער אַרבעט; אין דער היים הענגט די דאגה פאַרן מאָרגן, די לאַסט פון חובות, די דאגות מאַכן פויל אַלע ווינקעלעך און שפּאַרעס, און פאַרטונקלט די פרייד פון יום טוב, באַזונדערס אין יום טוב פון האַרבסט, ווען דער ווינטער שטייט אונטער דער פּלייצע, צוזאַמען מיט דער פּערספּעקטיוו פון רעגנדיקע וואָכן און שטורמישע טעג, דער ווינטער איז די פרייד פאַרן דאָרף און דער אומעט פאַרן שטאָט.

אין איינעם אַזאַ טאָג האָט דער ועד פון „נוה שלום" געלאָזן צעקלעפּן מודעות אין די גאַסן, אַז „היינט 4 אַזייגער נאָכמיטאָג, קומט פאַר די פייערונג פון דעם נייעם כביש פאַרן ברייטן פּאַרקער. מיר לאַדן איין אַלע תושבים פון שטאָט אויף אונדזער פייערונג"!

דאָרטן, וואו דער נייער כביש ליגט צונויפגעשמאָלצן מיטן אַלטן הויפּט־וועג פון שטאָט, האָט מען אויפגעשטעלט אַ גרויסן טויער, אויסגעפּוצט אין גרינס און פּאַלמען צווייגן, אויפן קאָפּ פון טויער האָט מען אויפגעהאַנגען אַן אויפשריפט: „ברוכים הבאים", אינמיטן דעם טויער האָט מען אָנגעצויגן אַ ברייטע וויים־בלויע באַנד. אַ שטיקל העכער האַרט ביי די הייזער אויפן גרויסן פּלאַץ וואו די יוגנט שפּילט אין פוטבאָל, האָט טעוויקע געבראַכט פון דער סטאָלעריי שווערע ברעטער, פון וועלכע, אונטער זיינע הענט זיינען אויסגעוואַקסן לאַנגע טישן מיט בענק פון די זייטן. דאַמען פון דער „נוה שלומער געזעלשאַפט" האָבן געשמייעט אַרום די טישן, געדעקט זיי מיט ווייסן, דיקן פּאַפּיר, אויסגעשטעלט פּלע־

שער וויין, קלאַשן מיט לעקעך, און די לענגען סערווירט מיט טעלער, גאָפּל און מעסער, צווישן די טעלער האָט מען צעוואָרפן פעפער־בלעטער און נעגעלעך־בלומען. דער לערער פון פאָלקס־שול, צוזאמען מיט דער פרעב־ליסטן פון קינדער־גאָרטן, האָבן א גאַנצן טאָג געאַרבעט מיט זייערע קינ־דער, וואָס מען האָט איבערגעוואַלט ארויסגעריסן פון זייערע בין הזמן־טעג אין דרויסן, מען האָט די קינדער מושטירט, געלערנט און איבער־געחזרט הונדערט מאָל די 2 לידער "הללויה", און „הנה מה טוב, ומה נעים". די געוועלבער האָט מען דעם טאָג באַצייטנס געשלאָסן, און די קרעמער, אויסגעפּוצטע מיט זייערע פרויען און קינדער, זיינען געלאָפן נעגאַנגען אין דער ריכטונג פון אויסגעפּוצטן טויער. פון דער צווייטער זייט פון שטאָט האָבן זיך געצויגן צו דער פייערונג א סך פוסגייער און א לאַנגע קייט אויטאָמאָבילן.

פון דער נאַציאָנאַלער חברה איז געקומען א ספּעציעלע דעלעגאַ־ציע. דער אונטערנעמער שטיין, זיין פרוי ראיא מיטן זון יאקאוו זיינען געקומען אין א ספּעציעלן אויטאָ צוזאמען מיטן קרוב דעם הויכן ציו־ניסטישן באַאַמטן דאוויד נאַכומאָוויטש. ס'איז געקומען א דעלעגאַציע פון קהילה, און דער סעקרעטאַריאַט פון אַרבעטער־ראַט. אין לוקסוס־אויטאָמאָבילן זיינען געקומען א גרופּע אַמעריקאַנער טוריסטן מיט זייע־רע אויסגעצירטע פרויען, יעדער פון זיי האָט געטראָגן אין האַנט א פאָ־טאָגראַפישן אַפּאַראַט, ביי אַנדערע האָבן זיך געבאָמבלט לאָרנעטן אויף רימענדלעך.

דער סעקרעטאַר פון ועד כיימאָוויטש איז א גאַנצן טאָג געלאָפן איינלאַדן געסט צו דער פייערונג, אזוי האָט אים בפּרוש באַפוילן דער פּקיד פון דער נאַציאָנאַלער חברה, צו בערלען מיט נאָמען האָט כיימאָ־וויטש געזאָגט: „איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין, חברים, אז מיר מוזן וויזן די הויכע געסט, אז ביי אונדז ווערט אַלץ געשאַפן מיט איין בשותפות־דיקער אָנשטרענגונג, נישט ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, אייער נאַציאָ־נאַלער באַוואוסטזיין וועט עס תופס זיין"...

— „זיכער" האָט אים נאָטע געענטפערט, און בערלהאָט צוגעגעבן,

— „בשיתפות מיטן קבלן שטיין, זיין פרוי ראיא און"... דעם סעקרע־טאַר האָט א שוויים ארויסגעשלאָגן איפן שטערן פון אַזעלכע דבורים אין אַזאַ פייערלעכן טאָג. — „איר וועטזיכער קומען חברים"?

דער עולם אַרום טויער איז געשטאַנען אין גרופּן לויט די משפּחות, לויטן מעמד, שטיל מיט דרך־ארץ האָט מען געשמועסט, קינדער זיינען אַרומגעלאָפן לענגאויס דעם כביש מיט שטיפעריען און געשרייען, דאָס האָט א ביסל דענערווירט דעם פּקיד פון דער נאַציאָנאַלער חברה: „אַז זיי קענען די קינדער נישט אויף איין האַלבער שעה איינגעמען, נישטאָ קיין בושה ביי די מענטשן"... ס'זיינען אָנגעלאָפן 2 אויטאָמאָבילן, צווישן עולם איז געוואָרן א באַוועגונג, דער פּקיד, דער סעקרעטאַר כיימאָוויטש,

א דעלעגאציע פון „נוה שלום" מיט דער דעלעגאציע פון דער נאציאָנאַ־לער חברה, זיינען געלאָפן אנטקעגן די אויטאָמאָבילן, דער פקיד פון דער נאציאָנאַלער חברה האָט אונטערוועגנס אראָפּגעכאַפּט דעם קאַפּעליוש פון נאַקעטן קאָפּ, זיך פארנייגט מיט דרך־ארץ, האָט ער אויפגעמאַכט דאָס טירל פון ערשטן אויטאָ, פון וואַנען עס איז אַרויס א הויכער באַיאָרנ־טער טרוקענער ענגלענדער, מיט א מאָנאָקאָל אין אויג, די קליידער זיינען אויף אים געהאַנגען ווי אויף א שטעקן, דאָס געזיכט האָט אויסגעזען בייזלעך, וואַזשנע און צוגלייך מיד מיט א קרענקלעכער פארב, דאָס איז געווען דער מושל פון א גאַנצן קרייז. נאָך אים איז שווער אַרויס דער פּאָליציי־שעף, א פולער ענגלענדער מיט א רויטן פּנים, א הויכער שטערן און אויפן ברוסט א האַלבער צענדליק מעדאַלן.ביים צווייטן אויטאָ איז געשטאַנען פאַרנויגט דע־ סעקרעטאַר כיימאָוויטש, פון דאָרטן איז אַרויס דער בירגערמייסטער, אַן עלטערער אַראַבער מיט גרויע קורץ־געשאָרענע וואָנצן, דעם בירגערמייסטער האָט באַגלייט דער יידישער סעקרעטאַר פון שטאָט־ראַט, א שוועך־לייביקער ספרדי מיט א טאָפּלטן גוידער און גוט־מוטיקן פּנים.

דער פאָלקס־לערער האָט אַרויסגעצויגן זיין דינעם האַלדז פון קראַג־מאַליעטן קאָלנער, בשתיקה האָט ער א צי געטאָן די מאַשינקע פון אונ־טערן וועסט, ער האָט אויפגעהויבן ביידע הענט, און פון צווישן די ציין האָט ער אַרויסגעפּיקעט צו די קינדער: — „ילדים! טססססס"!

די קינדער, דערשראָקן און צעטומלט, האָבן ווער פריער, ווער שפּע־טער, אָנגעפאַנגען דעם איינגעחזרטן ליד:

„הנה מה טוב נעים לשבת אחים גם יחד"!

נאָכן געזאַנג וואָס איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך א טייל פון עולם האָט גענומען דאָס וואָרט דער פּאָרזיצער פון דער נאַציאָנאַלער חברה און ער האָט געזאָגט:

„מיינע דאַמען און הערן, געסט און פריינט פון נאָענט און פון ווייט! אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן מאָמענט פאַר „נוה שלום", האָב איך דעם כבוד צו באַגריסן אַלע געסט, באַזונדערס די פאָרשטייער פון דער רעגירונג און דעם זייער געשעצטן בירגערמייסטער (אַפּלאָדיסמענטן), מיר דערציילן דעם ברייטן פאַרקער אויפן נייעם כביש, וואָס מיר האָבן מיט גרויס אָנשטרענגונג אויסגעבויט צום נוצן פון דעם קוואַרטאַל „נוה שלום", צום נוצן דער שטאָט, צום נוצן דעם גאַנצן ישוב און דעם יידישן פאָלק וואָס קערט זיך צוריק אין זיין היסטאָרישן היים" (אַפּלאָדיסמענטן).

נאָך דער רעדע האָבן צוויי דאַמען פון דער געזעלשאַפט, דערלאַנגט דעם מושל א זיידענע קישעלע, וואו ס'איז געלעגן א נייע שערל, מיט בענדלעך אין די אויערן. דער מושל האָט מיט לייטזעליקייט גענומען מיט צוויי פינגער די שערל, און א פּיק געטאָן די באַנד אין מיטן טויער, די

באַנד איז אָפּגעשפּרונגען אין ביידע זייטן, אונטער שטורמישע אָוואַציעס און אויסרופן „יחי", הידד", זיינען דורכן טויער די ערשטע דורכגעגאַנגען אַלע הויכע געסט, נאָך זיי אַלע תושבים פון „נוה שלום", נאָכהער די גאַנץ לאַנגע שורה אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל באַטרעטן דעם נייעם כביש.

אויפן פרייען פּלאַץ ביי די געגרייטע טישן זיינען געזעסן אַלע געסט, אויבנאָן דער מושל, דער פּאָליציי־שעף, דער בירגערמייסטער צוזאַמען מיט טוריסטן און אַנדערע הויכע געסט, דער גרויסער עולם איז געזעסן אויף די בענק, בעת דער „אויבנאָן" איז געזעסן אויף שטולן, וואָס מען האָט געבראַכט פון ועד. דער סעקרעטאַר כיימאָוויטש איז געלאָפן צווישן די מענטשן, און געשלעפּט צום טיש אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געדריקט אין די זייטן. די אַרבעטער האָבן זיך לייכט אַרויסגעדרייט פון זיינע הענט. דעם סעקרעטאַר איז געלונגען צו קריגן איין חבר רבי גדליהו, ער האָט אים אונטערן האַנט צוגעפירט צום טיש, צום סאַמען אויבנאָן. אַ דאַמע מיט אַ ליבן שמייכל האָט אים דערלאַנגט אַ הויכע גלאָז וויין. דער פּאַרזיצער פון דער נאַציאָנאַלער חברה האָט ווידער גערעדט, נאָך זיין צווייטער רעדע, ביי אַ גרויסער שטילקייט און שפּאַנונג, האָט דער מושל אויפגעהויבן זיין גלאָז וויין און געזאָגט:

„ליידיס און דזשענטעלמענער! אין נאָמען פון דער רעגירונג האָב איך דעם כבוד אייך צו באַגריסן אין אייער יום טוב און ווינטשן דער־פּאָלג אין אַלע אייערע אונטערנעמונגען, וואָס ברענגען נוצן און הצלחה דאָס לאַנד און דער באַפּעלקערונג אָן חילוק פון נאַציע און גלויבן"...

דער מושל האָט געצײלט די ווערטער און דער סעקרעטאַר כיימאָוויטש האָט מיט הערפּרוכט איבערגעזעצט פּסוק נאָך פּסוק, ביי דער רעדע איז דער חבר רבי גדליהו געזעסן צעטומלט, ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים, ח׳ רבי גדליהו האָט זיך גענומען פּאַרזיכטיק אַרומקוקן, ער האָט תיכף באַמערקט, אַז פון די אַרבעטער איז קיינער נישטאָ ביים טיש, ס׳האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן אויף כיימאָוויטשן, ער האָט אים אָפּגענאַרט. „ס׳טיימיש, רבי גדליהו, אַלע וועלן זיין, אַלע, בערל, נאָטע, טעווקע, אַלע, רבי גדליהו, איר מוזט מיט מיר מיטגיין, אַזאַ אָנגעלייגטער גאַסט ווי איר זיינט"! איצט איז ביים טיש קיינער פון זיי נישטאָ, ס׳איז אים געוואָרן קאַלעמוטנע, און ער האָט אַריינגעמורמלט אין באָרד אַריין אין דער זייט צו כיימאָוויטשן: „ידע שור קונהו"! „דער בחור ווייסט ווי צו דרייען"!...

אַלץ איז אַראָפּ גוט, פּרעכטיק, בעסער ווי דער פּקיד פון דער נאַציאָנאַלער חברה צוזאַמען מיטן ועד האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אפילו דער רירנדער אַקט ווי אין אַ צייכן פון דאַנק, האָבן זיך צעקושט דער אונטערנעמער שטיין מיטן פאַרזיצער פון דער נאַציאָנאַלער חברה: „ער, דער אדון שטיין, האָט מיט זיין ענערגיע דורכגעפירט אין לעבן אונדזער

פלאַן — דעם כביש אין „נוה שלום"! האָט דער פּאַרזיצער פּייערלעך, גערירט, אויסגערופן „הידד"! האָט געענטפערט דער עולם, אפילו דער מושל האָט אייניקע מאָל צוגעקלאַפּט מיט זיינע בלאַסע ביינקע הענט: „היפּ, היפּ, מיסטער שטיין"!

קליינע נישטיקע פּאַלן האָבן פונג געווען די גאַנצקייט פון דער פייערונג. „אָבער עס איז גאָרנישט", האָט שפּעטער געזאָגט דער פּקיד פון דער נאַציאָנאַלער חברה. איין פּאַרפּאַל איז געווען מיטן חבר ר' גדליהו: ווען כיימאָוויטש האָט איבערגעזעצט אַ גרעסערע פראַזע פון מושלס רעדע, האָט חבר ר' גדליהו זיך אונטערגעהויבן און סתם בקול אַ זאָג געטאָן:

„רוממות אל בגרונם,
„וחרב פיפיות בידם"... אי, ואי ואי...

דער עולם האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, די וואָס זיינען געזעסן נאָענט האָבן זיך איבערגעקוקט: „ס'געהערט אַ עובר בטל"!?... ס'בלוט האָט זיי צוגעשטראָמט צום פּנים. די וואָס זיינען געזעסן פון ווייטן, האָבן איבערגעפרעגט איינער דעם צווייטן: „וואָס האָט ער דאָרטן, דער אַלטער, געזאָגט, וואָס?

צום סוף דער צווייטער פּאַרפּאַל, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס אייטערקייט צווישן עולם, און גלייכצייטיק זייער צעטומלט דעם פּאַרזיצער מיט אַ טייל איינגעלאַדענע געסט „אַזאַ אומדערצויגנקייט"! אַז מען האָט נאָכהער דעם מושל דערציילט וועגן דעם, האָט ער שטאַרק געלאַכט, זייער שטאַרק געלאַכט... (דער יידישער סעקרעטאַר האָט עס דערציילט דעם בירגערמייסטער, און דער בירגערמייסטער דעם מושל), געווען איז עס אַזוי: „דער יושב ראש פון ועד „נוה שלום" האָט געמוזט מיטנעמען מיט זיך זיין דריי יעריק זונעלע אויף דער פייערונג, זיין פרוי האָט זיך ספּעציעל צו דער פייערונג געמאַכט אַ נייר־זיידן קלייד, זי האָט געוואָלט די קלייד שאַנעווען, און נישט צעקנייטשן, „אַ קינד קריכט תמיד אויף די הענט", בלית ברירה האָט עס גענומען דער פּאָטער, און ביים טיש געהאַלטן ביי זיך אויפן שויס, אין מיטן דער רעדע פון מושל, ווען דער עולם האָט געשפּאַנט זיך צוגעהערט צו כיימאָוויטשעס איבערזעצונג, האָט זיך דאָס קינד אַ הייב געטאָן מיט אַ געשריי:

— אימאַ, אימעלע, אני רוצה פיפי... אימעלע!

פונדערוווייטן האָבן זיך געקופּקעט די אַרבעטער, צווישן זיי האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ברוגזע רבקה, „ס'טייטש חברים, ווי שעמט איר זיך נישט דאָ צו שטיין און גלאָצן? ווי פּאַסט זיך עס פאַר אייך"? יענער פרימאָרגן מיטן אַרעסט און בלוט אויפן כביש איז אויפגעשוואומען יעדערן פון זיי

פֿאַר די אויגן, איינציקווייז האָט מען זיך אָפּגעטראָגן ארויפצו צו די הייזער, אָבער טעווקע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט: „משוגע, חברה? וואו גייט איר? — קומט צו מיר אין ווערקשטאַט, דאָרטן איז איצט נישטאָ נישט אַ לעבעדיקע פֿליג, איך האָב „פּאַראַיבעריקט” פֿון דער גאַנצער געשיכטע אַ גאַנץ קעסטל משקה, בחיי, אַ גאַנץ קעסטל, קומט — חברה”!...

# שיפן קומען

דעם לעצטן אָוונט חול־המועד, ווען ביי בערלען איז מען געזעסן ביים אָוונט־עסן, האָט לייבוש אַ הוסט געטאָן און ווי צו זיך אַליין געזאָגט: — „מאָרגן גייט ער נישט צו דער אַרבעט, באשר ער האָט היינט פאַרגרייט וואַסער אויף 2 טעג“, לייבוש האָט אָראָפּגעשלונגען די ידיעה און זיך איבערגעקוקט מיט רבקהן. זיי האָבן אים גאָרנישט געפרעגט און ווייטער געגעסן. לייבוש האָט זיך פאַררויטלט און פאַרענדיקט: — „הע, מאָרגן קומט מערע, קומט זי מאָרגן. זי בעט אַלעמען גריסן. הע, זי וועט ברענגען פלאַנצן פון קאַזאַרינעס און זריעה אויף בלומען, וועט זי ברענגען. מאָרגן קומט די שיף, די „סינאַיאַ“, חנקע קומט, קומט זי, הע, מערע קומט איר אַפּוואַרטן. חנקען“... רבקה האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש, צוגעגאַנגען צו לייבושן און אים שטיפעריש געדרייט פאַרן אויער: — „וואָס האָסטו געשוויגן ביז איצט און אונדזגאָרנישט געזאָגט, אַז מערע קומט“? לייבוש איז רויט געוואָרן ביז די וואָרצלען פון די האָר, און האָט געשוויגן.

אינדערפרי מיט דער ערשטער באַן פון עמק יזרעאל איז געקומען מערע. לייבוש האָט איר באַגעגנט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און אַ צאַפּלדיק האַרץ. זיי האָבן זיך אַרומגענומען און שטום צעקושט. די ערשטע האָט גענומען ריידן מערע. זי האָט אָנגעכאַפּט לייבושן פאַר די הענט און אים באַטראַכט אַ צעשטראַלטע — „זעט נאָר ווי גוט ער זעט אויס, זעט נאָר ווי מגושמדיק ער איז געוואָרן, דער מאָנאַרכע, ווי פאַרברוינט“!

לייבוש האָט זיך געלאָזט באַטראַכטן, און ס'האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט וואָס גיכער נעמען מערען אונטערן אָרעם און אַוועק פון אַרומיקן געפּלאַפּל — ער האָט געוואָלט ריידן מיט איר אַזויפיל צום ריידן און דערציילן. ווידער מערע, אַז זי האָט דערזען לייבושן, האָט פאַר איר אויפגעהערט עקזיסטירן דער גאַנצער אַרום, נישט דער רעש פונעם פאָרן, נישט די פייפעריי פון די לאָקאָמאָטיוון, נישט דער רעש פון ים, וואָס קייקלט זיינע כוואַליעס האַרט ביים וואָקזאַל, זי האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט — חוץ לייבושן,

וואָס גייט איר אָן דער אַרום? זי האָט צו אים גערעדט, פאַר אים געלאַכט, געשטיפט, — „אָט איז ער, לייבוש", אָט איז ער פאַר אירע אויגן, ס'האָט געדויערט ביז זיי האָבן זיך איינגעטיילט מיט די פעקלעך און פלאַנצן, ביז זיי האָבן זיך גענומען פאַר די הענט און אוועק באַרג־אַרויף אין „נוה שלום".
גרויס איז געווען די שמחה ביי בערלען אין שטוב, מערע איז גע־שפּרונגען פון איין אָרט צום צווייטן, געטומלט און געלאַכט, זי האָט זיך געטומלט מיטן קינד, עס געוואָרפן און געכאַפּט, זי האָט זיך געדרייט מיט רבקהן אין א וואַלס, זי האָט געכאַפּט בערלען פאַרן קאָפּ און אים אָפּגע־פרעסט אַ קוש אין שטערן. לייבוש איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער מיט יום טוב אין האַרצן, ס'האָט אים נאָר א ביסל פאַרדראָסן, הלמאי מערע טומלט זיך אַזוי...
בחפּזון האָט מען עפּעס צוגעביסן אַנשטאָט מיטאָג, און אַראָפּ אין שטאָט צום האַפן, דערוואַרטן די „סינאַיא", וואָס ברענגט יעדער צווייטן מיטוואָך חלוצים פון אויסלאַנד.
אין האַפן האָט געדרוישט און געקאָכט, באַנען זיינען געקומען מיט לאַנגע שורות פּראַכט־וואַגאָנעס און צוריק אַוועק, קראַנען האָבן גערוישט, געקרעכצט און מיט א פּייפיקן רעש געהויבן און אַראָפּגעלאָזן שווערע לאַדונגען קאַסטנס מיט פּעק האָלץ און אייזן. אַראַבישע טרעגער האָבן מיט געשרייען געקייקלט פעסער און געשלעפּט שווערע פּעק מיט שטריק צוגעבונדענע צום שטערן. יידישע בחורים האָבן אָפּגעלאָדן א שיף ברע־טער מיט באַלקנס, אוניפאָרמירטע באַאַמטע, משגיחים און שומרים, זיי־נען געפלויגן ווי אַרום אַ שריפה נאָך וואַסער, ס'האָבן געקרעכצט שווערע לאַסט־אויטאָמאָבילן, און משא־וועגענער האָבן געבראָכן דעם ברוק, אויפן וואַסער האָבן זיך געוויגט צענדליקער באַרזשעס, שיפלעך און לאָדקעס, פּראַכט־שיפן האָט מען אָפּגעלאָדן און אויפגעלאָדן, צענדליקער קרובים און סתם נייגעריקע זיינען געשטאַנען גרופּן ווייז אין דערוואַרטונג, מען האָט געשיילט מאַראַנצן און געשאָטן חכמות, מען האָט אַפילו פּראָבירט אויפזינגען, נאָר א שוואַרצער מאַראָקאַנער אין א פּאָליציי־אוניפאָרם, האָט געדראָט מיט פאַרטרייבן, האָט מען געשוויגן ברוגז, „אַזאַ חוצפּה"!
אויפן ים זיינען, ווי ווייסע פייגל, אַרומגעשווומען זעגלער, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געדרייט מחנות ים־מעוון, די שטילע וואַסערן האָבן זיך באַוועגט און צוגעברומט ריטמיש נאָך קורצע הפסקות, ווי זיי וואָלטן זיך דורכגעשמועסט איינע מיט דער צווייטער. אָט טויכט אויף אויפן ווייטן האָריזאָנט א פּינטעלע, דאָס פּינטעלע וואַקסט פון מינוט צו מינוט, עס וואַקסט אויס דער קאָנטור פון א שיף, וואָס שפּייט מיט א וואָלקאָן שוואַרצן רויך. דער רויך בלייבט הענגען אין דער לופטן און וויל נישט פאַרשווינדן, ביז ער קנוילט זיך אויף אין א וואָלקן, נאָענט פון פּאָרט פּלאַטערן אויף אויף דער שיף, אַרום די ראַדיאָ־אַנטענעס, א שניר מיט

קאָלירטע פענדלעך, די פענדלעך פלאַטערן אין דער לופטן ווי צענדליקער פייגל, אויף דער העכסטער מאַסטבוים פליט אַרויף אַ בלוי שפיציק פענדל — סימן קאַראַנטין. מיט אַ שווערן, מידן ברומען פאַלט דער אַנקער, דער ריז אָטעמט אַרויס שטראָמען וואַסער פון שטאָלענעם גוף, די סירענע ברומט מיט שמחה אין הערלעכן פאַרנאַכט אַריין. ס'פאַלט אַראָפּ אַ הענג־טרעפּ און מאָטאָר־שיפלעך מיט בארזשעס רינגלען אַרום די גרויסע שיף ווי פליגן אַ צוקערשטיקל.

ס'איז שוין געווען טונקל, די בערג פון גליל האָבן צום הונדערסטן מאָל געביטן זייערע פאַרבן, זיי האָבן זיך געגרייט צום קאָליר פון דער נאַכט. דער פּאָרט האָט אויפגעצאַפּלט מיט אַ גערויש וואָס האָט זיך גע־טראָגן פון וואַסער צו דער יבשה, לאַנגע, ברייטע באַרזשעס פול־באַזעצטע מיט צאַפּלדיקער יוגנט זיינען געשוווּמען צום ברעג, וואָס נעמט איבער שטאַרקער הילכט דאָס געזאַנג, אויסגעשטרעקטע הענט פון ים און יבשה שלייפן זיך, קלאַמערן זיך, באַהעפטן זיך אין איין גוף, אין איין נשמה; שורות, שורות צו 5, צו 6 מאַן ציען זיך לענג־אויס דעם ווייס־זאַמדיקן ברעג, הונדערטער מענטשן האָט די שיף געבראַכט, חלוצים, אַרבעטער, בחורים, מיידלעך; צוזאַמען מיט זיי, עלטערן, קרובים, משפּ־חות מיט קינדער, שוועסטער מיט ברידער; ציען זיך די שורות לענגאויס דעם ברעג אַרויף צום קאַראַנטין. בייזע פּאָליציאַנטן אין אַ לאַנגער קייט באַגלייט פון קאַראַנטין־באַאַמטע, באַמיען זיך מיט אַלע קרעפטן כאָטש נאָך אויף איין רגע אָפּהאַקן די באַהעפטונג צווישן די היגע מיט די געקו־מענע, ס'העלפט נישט! די רייען פאַלן זיך צונויף, גיסן זיך צוזאַמען, פּאָ־ליציאַנטן דראָען און זידלען, ס'פאַלן קאַנטשיקעס אויף פּלייצעס — עס העלפט פּאָרט נישט, מען האָט זיך באַהעפט, געשלאָסן די שורות און אַלץ ציט זיך וואָס ווייטער פון ברעג אין לאַנד אַריין. אונטן ברומט די סירענע פון נאָך אַ שיף,ס'איז געקומען די „דאַציאַ" מיט אַ נייעם עולם, די פּאָ־ליציאַנטן און קאַראַנטין־באַאַמטע איילן זיך, זיי טרייבן דעם עולם מיט מער אימפּעט, „פּאַראַויס, גיכער, גיכער"! מען זידלט און מען שעלט — „צום טייוול", נאָך און נאָך זיינען געקומען, מען מוז זיי אויפנעמען, „העי, חברה, גיכער פּאַראַויס"!

אין אָוונט באַרג־אַרויף אויפן נייעם כביש צו „נוה שלום" האָבן בערל מיט לייבושן, מיט נאָך אַ בחור, געטראָגן פּעקלעך, מערע מיט איר שוועסטער חנקע זיינען נישט געגאַנגען, זיי זיינען געשפּרונגען, איינע האָט געצויגן דער צווייטער פאַרן האַנט; די מיידלעך האָבן זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט, אַנגעקוקט, זיך אַרומגענומען און מיט טרערן פון פרייד געהאַלדזט און געקושט.

פון ווייטן ים האָט געברומט די סירענע פון דער פרישער שיף, וואָס האָט פאַרוואָרפן איר אַנקער, פונוויטן האָט מען ווידער געזען ווי עס וויגן זיך באַרזשעס און שיפלעך צום שטאָלענעם ריז. איינציקווייז האָבן זיך

געצונדן לאמפן אויפן ברעג ביז די נאכט האט זיך צעפינקלט אין טויזנטער פייערן אויף דער ערד, און אין מיליאנען, מיליאנען בריליאנטן און סאַמעט פון הימל.

א פאר שעה שפעטער, ווען פון אלע הייזער האט ארויסגעלויכטן דער יום טוב, און באלעבאטים מיט משפחות זיינען ברייט געזעסן ארום געדעקטע טישן, האבן ווידער געטופעט צענדליקער פיס אויפן ברוק פון נייעם כביש, געטופעט אין פלאמיקע רעדער פון טאנץ און געזאנג; דאס האבן די ארבעטער זיך געזעגנט מיט „נוה שלום", מארגן איז ווידער וואך, מארגן גייט מען מיט די רוקנזעקלעך, מיט די כלים צופוסנס דעם כרמל, דארטן וואו מען האט באגראבן דעם זומפ, עס ווארט א נייע ארבעט, א גרויסע ארבעט. די רעדער פלאטערן, דער אוונט זינגט מיט:

„מיר בויען דעם גליל!
„ווער בויט דעם גליל?
„מיר בויען דעם גליל!
„יאַ חי־לי־לי־לעמלי־לי
„יאַ־חי־לי־לי לעמלי־לי...

ס ו ף

Este libro se terminó de imprimir el 28 de mayo de 1954, en los Talleres Gráficos "OPTIMUS" S. R. L., calle Valentín Gómez 2715-19, Bs. Aires.